STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01792

KDUSHE UN GVURE

Israel Efroykin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. עפּרויקין

קדושה און גבורה ביי יידן

אַמאָל און היינט

גזירת ת"ש-תש"ה

פאַרלאַג אויפן שיידוועג
ניו־יאָרק, 1949

New York 1949

Printed in U. S. A.

158

גערדוקט אין דער א. לאַוב פּאָבלישינג קאָ., 250 וועסט 54סטע גאַס, ניו־יאָרק 19 נ״י

אינהאַלט

קדושה און גבורה בײַ ייִדן אַמאָל און הײַנט

I. די לעגענדע וועגן ייִדישער פּחדנות 7
II. דער העלדישקייט־באַגריף בײַ די אומות־העולם און בײַ אונדז 13
III. פֿיזישער ווידערשטאַנד בײַ אַמאַליקע און הײַנטיקע ייִדן 27
רעפֿערענצן 42

גזירת ת"ש—תש"ה

מקורים 47
ביבליאָגראַפֿיע 49
I. הרהורי תּשובה 53
II. פֿאַרוואָס איז נישט געווען קיין ייִדישער מאַסן־ווידערשטאַנד 60
III. די דעזהומאַניזאַציע פֿונעם מענטשן 96
IV. קרבנות, קדושים און טמאים 122
רעפֿערענצן 164

קדושה און גבורה ביי יידן

אַמאָל און היינט

I.

די לעגענדע וועגן יידישער פּחדנות

אַז יידן זײַנען פּחדנים, ווייסט אַ קינד אין וויג. גויים גלויבן דערין. און נישט ווינציק היַינטיקע יידן זאָגן זיי נאָך. מער נישט וואָס דען, די דאָזיקע יידן מאַכן אַן אויסנאַם פֿאַר די לעצטע פּאָר דורות, ווען דער אַלטער גײַסט פֿון די חשמונאים („מאַקאַבעער”) איז בײַ אונדז ווידער יונג געוואָרן און עס האָבן זיך אין אונדזערע רייען באַוויזן יורשים פֿון בר כּוכבא. אַלץ וואָס ליגט צווישן דעם לעצטן אַקט פֿון דער גרויסער דראַמע, וואָס ער איז געווען איר הויפּטהעלד, ביז הירש לעקערט — פֿאַר די איינע, אָדער ביז יוסף טרומפּעלדאָר — פֿאַר די אַנדערע, ווערט געשטעמפּלט ווי אַ לעבן אין קנעכטשאַפֿט און שפֿלות. וויפֿל האָט מען אין אונדזער נײַער ליטעראַטור, העברעישער און יידישער, אָפּגעשפּאָט פֿון דעם יידישן קרעטשמער אָדער אַרענדאָר, וואָס דער פּריץ דער שיכּור, דער אומבאַגרענעצטער מושל איבער דעם יידנס לעבן, איבער זײַן משפּחה און זײַן ביסל האָב און גוטס, פֿלעגט אים צווינגען צו זינגען פֿאַר אים זמירות. דער „מה יפית־ייד”, וואָס איז געוואָרן אַ שם דבר בײַ גויים, איז בײַ אונדז אַליין דערנידעריקט געוואָרן צו אַ סימבאָל פֿון יידישער כּבודלאָזיקייט. ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרמיאוסן אין אונדזערע אויגן דעם אַמאָליקן יידישן מענטשן, דעם גלות־יידן. דאָס פּנים פֿון גאַנצע יידישע דורות האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרזעעניש, אַז מען האָט אויף אים געקוקט אין דעם דאָזיקן קרומען שפּיגל.

און אַז מען זעט, ווי דער בילבול פֿון יידישער פּחדנות האָט בײַ אונדז גופֿא באַקומען אַזאַ אומבאַגרענעצטן קרעדיט, טראַכט זיך נישט ווילנדיק, ווי אומגערעכט יידן קענען אָפֿט זײַן צו זיך אַליין, צו זייער אייגענעם פֿאָלק. אַדרבא, גיט נאָר אַ קוק. די געשיכטע פֿון

מענטשלעכע געזעלשאַפֿטן קען נישט קיין צווייטן משל פֿון מוט, כאַראַקטער־פֿעסטקייט און האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, ווי דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַרויסגעוויזן אין משך פֿון זיין גאַנצער געשיכטע, נישט בלויז ווען עס איז נאָך געזעסן ביי זיך אין לאַנד, נאָר אויך שפּעטער, זינט עס איז פֿון דאָרט פֿאַרטריבן געוואָרן און צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן צווישן פֿרעמדע, פֿײַנטלעכע פֿעלקער. איז דען אונדזער גאַנצע גלות־עקסיסטענץ גופא נישט אַ דורך און דורכיקער, אומהפּסקהדיקער ווידערשטאַנד־אַקט? והראיה: האָט אַ ייד נישט געקענט אויסהאַלטן די אַנגענליטע טעמפּעראַטור פֿון זעלישער אָנגעשטרענגטקייט, וואָס דער יידישער קיום האָט געפֿאָדערט אין אַלע צייטן און לענדער, האָט דער האַרטער נאַקן פֿונעם עם קשה עורף זיך גענומען בויגן ביי אַ יידן, איז אים געבליבן נאָר איין אויסוועג — אַנטלויפֿן פֿון דער באַלאַגערטער יידישער מחנה. דער האַמער פֿון שווערן יידישן גורל האָט צעפּיצלט און צעבראָכן ווי גלאָז די שוואַכע כאַראַקטערס, אָבער געשמידט ווי שטאָל די שטאַרקע, די וואָס האָבן זײַנע קלעפּ איבערגעטראָגן. די געשיכטע פֿון מענטשלעכע געזעלשאַפֿטן קען נישט קיין צווייטן פֿאַל, אַז אַ פֿאָלק, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זיין נאַציאָנאַלן באָדן, אָדער אין משך פֿון טויזנטער יאָרן פֿאַרשקלאַפֿט געוואָרן אינעם אייגענעם לאַנד פֿון אַ פֿרעמדער מאַכט, זאָל זיך נישט האָבן אונטערגעגעבן און פֿאַרלוירן ביסלעכווייז זיין אייגענעם פּרצוף. נאָר די באָדנלאָזע יידישע מינדערהייט האָט זיך נישט געלאָזט ברעכן אינעם קאַליידאָסקאָפּ פֿון לענדער, הערשער, פֿעלקער און רעזשימען, איז געבליבן טריי זיך אַליין, בשום אופֿן נישט געוואָלט זיך אויסגלייכן מיט די שטאַרקע און גליקלעכע און זיך פֿעסט געהאַלטן אין איר אָפּגעזונדערטקייט. דערין, און נישט אין עפּעס אַנדערש, איז געלעגן און ליגט נאָך היינט דער מקור פֿון יידישע ליידן. שוין דער ערשטער אַנטיסעמיט, המן הרשע, וואָס די געשיכטע אָדער די לעגענדע האָט פֿון אים אַ שפּור איבערגע־לאָזט, האָט אויסגעדריקט דעם גרונט־מאָטיוו פֿון דער אייביקער שנאה צום אייביקן פֿאָלק, וואָס די שונאי ישראל פֿון אַלע צייטן האָבן דער־נאָך איבערגעחזרט און וואַריאירט לויט די אומשטענדן. ער האָט גע־זאָגט: „פֿאַראַן איין פֿאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פֿעלקער אין אַלע מדינות פֿון דיין קיניגרייך, און זיינע געזעצן זיינען אַנדערש ווי ביי איטלעכן פֿאָלק"...

די געשיכטע פֿון סאָציאַלע באַוועגונגען לערנט אונדז, אַז ווידערשטאַנד ווערט געוויינלעך אַרויסגערופֿן דורך רדיפֿות און אונטערדריקונגען. אין אונדזער געראַנגל, ווײַל ער איז געווען אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער, איז דער סדר געווען אַ פֿאַרקערטער: די יידישע מאַרטיראָלאָגיע איז, אָנגעהויבן פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס, תמיד געווען דער רעזולטאַט פֿון יידישן ווידערשטאַנד. יידישע פּחדנות, ווען זי וואָלט געווען אַ היסטאָרישע רעאַליטעט, וואָלט געראַטעוועט די פֿיזישע עקסיסטענץ פֿון דעם יידישן יחיד. יידישער מוט האָט אויפֿגעהאַלטן די יידישע פּערזענלעכקייט און אַזוי אַרום אָפּגעהיט פֿון אונטערגאַנג דאָס יידישע פֿאָלק און זײַן לעבנס־אידעאַל. און דער העראָישער כאַראַקטער פֿון אונדזער סאַמע עקסיסטענץ פֿלעגט אין צײַטן פֿון שווערע גזירות פֿאַרגאָסן ווערן, ווי דורך אַ שטאַרקן פּראָזשעקטאָר, מיט אַ העלן טראַגישן ליכט. גויים מעגן נישט וועלן דערפֿון הערן און וויסן. אַז איר וועט אויפֿמישן דאָס וואָרט מאַרטירער אין אַ גוייִשן ווערטערבוך אָדער ענציקלאָפּעדיע, וועט איר דאָרט קיין אַנדערע אילוסטראַציע נישט געפֿינען, ווי די קריסטן וואָס זײַנען אומגעקומען פֿאַר זייער גלויבן אין די ערשטע יאָרהונדערטער. דערלויבט זיך נאָך הײַנט אַן אָנגעזעענער קאַטוילישער אויטאָר צו דערקלערן, אַז „דער ניצחון פֿון קריסטנטום איז געקויפֿט געוואָרן פֿאַרן פּרײַז פֿון לײַדן און קרבנות, וואָס זייער העראָישער כאַראַקטער און גלאַנץ שטײַגן איבער יעדע באַשרײַבונג, וואָס קיין פֿאַנטאַזיע קען זיך דאָס נישט אויסמאָלן”.[1] אַז ער דערמאָנט נישט דעם גאָר נישט קליינעם „פֿאַרדינסט” פֿון דער שווערד און דעם שײַטערהויפֿן אין דער פֿאַרשפּרייטונג און דעם ניצחון פֿון קריסטנטום, וועט אונדז נישט וואונדערן, פּונקט ווי מען קען פֿון קריסטלעכע מחברים נישט פֿאַרלאַנגען, זיי זאָלן דערמאָנען דעם יידישן קדוש השם, הגם מען וואָלט אין אים געפֿונען אַזאַ רײַכן און געהויבענעם מאַטעריאַל אויף צו אילוסטרירן דאָס מאַרטירערטום פֿאַרן גלויבן. איז דאָך אָט דער קדוש השם אַן אָפּלייקענונג פֿונעם „גלויבן פֿון ליבע”. ווי אַ טראָפּן אין ים פֿון בלוט און טרערן וואָלטן אויסגעזען די לײַדן פֿון דער קליינער צאָל קריסטן, וואָס האָבן זיך פֿאַר זייער גלויבן מקריב געווען, וואָרעם בײַם הײַנטיקן טאָג איז שוין קיין ספֿק נישטאָ, אַז די פֿאַנטאַסטישע ציפֿערן פֿון קריסטלעכע מאַרטירער, וואָס צירקולירן בײַם קריסטלעכן המון, האָבן נישט קיין שום רעאַלן היסטאָרישן יסוד. אין זײַן

קלאַסישן ווערק וועגן דעם אונטערגאַנג און פֿאַל פֿון דער רוימישער אימפּעריע שאַצט גיבבאָן, אויפֿן סמך פֿון דאָקומענטן פֿון דער עפּאָכע פֿון די גרויסע רדיפֿות אונטערן אימפּעראַטאָר דיאָקלעטיאַן און זײַנע מיטרעגירער און יורשים, די אַלגעמיינע צאָל געליטענע אויף העכסטנס אַ פּאָר טויזנט נפֿשות. און מיט רעכט באַמערקט ער, אַז די דאָזיקע צאָל איז אומבאַדײַטנד אין פֿאַרגלײַך מיט די קרבנות, וואָס זײַנען אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער געפֿאַלן אינעם קאַמף פֿון קריסטן צווישן זיך, פֿון איין סעקטע מיט דער אַנדערער.[2] אין אונדזער צײַט איז אַ קאַטוילישער געלערנטער, היפּאָליט דעלאַהעי, איינער פֿון די אָנזועגדיקסטע באָלאַנדיסטן (אַ גרופּע יעזואיטן, וואָס גיבן זיך ספּעציעל אָפּ מיט דער פֿאָרשונג פֿון קריסטלעכן מאַרטירערטום) זיך מודה, אַז די מאַרטירער־לעגענדעס זײַנען גאָר ווײַט פֿון היסטאָרישן אמת.[3] און מאַקסים גאָרס, דער רעדאַקטאָר פֿון אַן אַלגעמיינער געשיכטע פֿון רעליגיעס, איז ווייניקער אײַנגעהאַלטן און זאָגט פּראָסט און פּשוט, אַז אַ סך פֿון די מאַרטירער־געשיכטעס זײַנען אינגאַנצן אָדער צום טייל נישט מער ווי פֿאַנטאַזיעס.[4] נאָר פֿאַר קריסטן איז די קליינע צאָל אמתע מאַרטירער, משמעות, גאָר אַ סך. קיין חידוש נישט. ווייסן מיר דאָך, אַז שוין דעם ערשטן מענטשן, וואָס האָט פֿאַר זײַן און פֿאַר זייער גלויבן געליטן, האָבן זיי אַזש פֿאַר אַ גאָט געמאַכט. זײַנע לײַדן זײַנען געוואָרן איינער פֿון די הויפּט־מאָטיוון פֿון זייערע געבעטן און פֿון זייער קולט. און אַז מען האָט די איבעריקע קריסטלעכע מאַרטירער פֿאַר קיין געטער נישט געקענט מאַכן, האָט מען איטלעכן פֿון זיי, וועמענס נאָמען עס איז פֿאַרבליבן אין געדעכעניש, אַרײַנגענומען אין קירך־קאַלענדאַר און אים דאָרט געגעבן אַ טאָג. אָבער, להבדיל, אין אונדזער אב הרחמים וועט איר קיין איינציקן נאָמען נישט געפֿינען און מתפּלל זײַנען מיר פֿאַר דער רו פֿון נשמות פֿון גאַנצע קהילות. איר וועט אויך קיין נעמען נישט טרעפֿן אין אונדזערע סליחות און קינות. און טאָמער באַגעגנט איר שוין יאָ אַ נאָמען אין הזכּרת־נשמות און פּינקסים פֿון איינציקע קהילות, האָבן זיי זוכה געווען דערצו נישט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מקדש השם געווען — דאָס האָט געטאָן אָדער לכל הפּחות געדאַרפֿט טאָן איטלעכער ייִד — נאָר אינעם זכות פֿון זייער צדקות און מעשים טובים בעת זייער לעבן. דאָרט, וואו אַ גאַנץ פֿאָלק איז זיך מוסר נפֿש, וואו אַ גאַנץ פֿאָלק איז אַ גוי־קדוש,

בלײַבט דער אײנציקער הײליקער, חוץ אין באַזונדער דערהויבענע פֿאַלן (חנה אָדער מרים מיט אירע זיבן זין, די עשרה־הרוגי מלכות וכדומה) אַנאָנים און ווערט אַרײַנגענומען אין די „קהילות קדושת", וואָס זײַנען אומגעקומען, כּדי צו הײליקן גאָטס נאָמען. געפֿינט אדרבא נאָך אַן אמונה, נאָך אַ פֿאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל האָבן, ווי מיר ייִדן, אַ ספּעציעלע ברכה על מצוות קדוש השם, ספּעציעלע דיני קדוש השם, וואָס זאָלן לערנען דעם מענטשן, ווען און ווי אַזוי זיך מוסר נפֿש זײַן.

ווייסן מיר, פֿאַרוואָס גוײם האָבן די ייִדישע מאַרטירלאָגיע און דעם ייִדישן קדוש השם פֿאַרזען. פֿרעגט זיך אָבער, ס'טײַטש, ווי אַזוי האָבן ייִדן געקענט זיך פֿאַרקוקן און דערלאָזן, אַז די לעגענדע פֿון ייִדישער פּחדנות זאָל זיך צווישן אונדז גופֿא פֿאַרשפּרייטן?

איז אויף דעם פֿאַראַן אַ תּירוץ: די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן זיך מוסר נפֿש געווען פֿאַר ייִדישקייט זײַנען טאַקע מאַרטירער, אָבער קיין העלדן זײַנען זיי נישט געווען. והראיה, זיי האָבן קיין אַקטיוון ווידערשטאַנד נישט אַרויסגעוויזן און זיך געלאָזט פֿירן צום טויט „ווי דער לאַם צו דער שחיטה".

אָט דאָ זײַנען מיר צוגעקומען צום סאַמע מקור, פֿון וואַנען עס שטאַמט אַרויס די לעגענדע פֿון ייִדישער פּחדנות. נעמט מען אַן דעם פּאַגאַנישן באַגריף פֿון העלדישקייט, וואָס די קריסטלעכע פֿעלקער האָבן, אין פֿולער סתּירה צו זייער לערע, איבערגענומען, ווי ער שטייט און גייט, נאָך דעם ווי דאָס קריסטנטום האָט די געצנדינערײַ „מנצח" גע־ווען און דער קרייץ האָט זיך באַוויזן אויף די חורבות פֿון קאַפּיטאָל — דעמאָלט איז נישטאָ וואָס צו ריידן און וואָס צו זאָגן און מיר ייִדן מוזן טאַקע בלײַבן פֿאַרשעמט. איז פֿיזישער ווידערשטאַנד דער אײנציקער סימן פֿון מוט, דעמאָלט מוזן מיר טאַקע אַרונטערפֿאַלן פֿאַר די גוײם. וואָרעם וואָס — אין דעם פּרט איז אונדזער „רעקאָרד" גאָרנישט קיין געהויבענער. דאָ קענען מיר זיך טאַקע נישט גלײַכן מיט די אײניקלעך פֿון עשו, וואָס אונדזער שותּפֿותדיקער אורפֿאָטער האָט אים געבענטשט מיט דער ברכה, אָדער, אויב איר ווילט, פֿאַרשאָלטן מיט דער קללה „אויף דײַן שווערד וועסטו לעבן". אויב אַזוי, זײַנען מיר שוין, משמעות, פֿאַרמשפּט צו בלײַבן אויף אײביק „אַ פֿאָלק פֿון פּחדנים". לעבן אויף דער שווערד, מיט איר און דורך איר, האָבן מיר קיינמאָל נישט געוואָלט. אָבער אַמאָליקע צײַטן האָבן מיר געהאַט

אונדזערע אייגענע השגות וועגן העלדישקייט. ערשט דעמאָלט ווען געוויסע יידן האָבן די דאָזיקע השגות פֿאַרלוירן און פֿרעמדע איבערגענומען, ערשט דעמאָלט „האָט זיך אַרויסגעשטעלט", אַז מיר זײַנען מוטלאָזיקע און שרעקעוודיקע. נישט יידן האָבן זייער מוטיקייט פֿאַרלוירן, נאָר די מאָס, וואָס מיט איר האָט מען זי אָנגעהויבן מעסטן. איז געווען אַ פֿאַלשע און צו יידן זיך נישט צוגעפּאַסט. אַנשטאָט די שלעכטע מאָס צו באַשולדיקן, האָט מען דעם אַמאָליקן יידן געמאַכט פֿאַר דעם כּפּרה־הינדל. פּונקט אַזוי האָבן, למשל, די גריכן גערופֿן אַלע פֿרעמדע „באַרבאַרן", באשר בכן, די גריכן האָבן זייער שפּראַך נישט פֿאַרשטאַנען, און דעריבער האָט זי געגרילצט אין זייערע אויערן און געקלונגען ווי אַ משוגעדיקער מורמל, אַ מין שטאַמלעניש. שפּעטער האָבן אַקוראַט אַזוי די רוימער די אייגענע באַציאונג אָנגעווענדט צו אַלע פֿעלקער, וואָס זײַנען געשטאַנען מחוץ דעם קרײַז פֿון דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע. און האָבן דען נישט די אייגענע רוימער דערקלערט די יידן פֿאַר אַ גאָטלאָז פֿאָלק נאָר דערפֿאַר, וואָס זייער גאָט איז נישט גלײַך געווען צו זייערע אָפּגעטער, וואָס מען האָט זיי געקענט אָנקוקן און געוואוסט, וואו זיי זיצן, בעת דעם גאָט פֿון ישראל האָט מען נישט געקענט נישט אָנזען און נישט זיך פֿאָרשטעלן, וואָרעם געווען איז ער, ווי שפּעטער זײַן פֿאָלק, אַ נע ונדניק, אומעטום און אין ערגעץ נישט. נאָר אַמאָליקע יידן זײַנען נישט פֿאַרשעמט געוואָרן און זיך נישט דערשראָקן נישט פֿאַר דער שלעכטער רעפּוטאַציע, וואָס די רוימער האָבן זיי געמאַכט אויף דער וועלט, און נישט פֿאַר זייער איינזאַמקייט און באַזונדערקייט. זעט איר, אמתע פּחדנות האָט זיך צווישן יידן באַוויזן ערשט דעמאָלט, ווען דאָס וואָרט העלדישקייט איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין אונדזער וואָקאַבולאַר און זיך דאָרט אײַנגעבירגערט. אין דער אייגענער צײַט טאַקע איז אויפֿגעקומען דער נײַער טיפּ פֿונעם יידישן פּחדן, וואָס האָט זיך געשעמט פֿאַר גויים צו ריידן — נישט זייער, נאָר זײַן אייגענעם לשון, צו טראָגן זײַנע און נישט זייערע בגדים, צו עסן זײַנע און נישט זייערע מאכלים. און געוואַקסן איז די צאָל דעזערטירן, משומדים און כּמעט משומדים. און מיר וואָלטן אונטערגעגאַנגען, ווען עס וואָלט נישט איבערגעבליבן אַ שארית פֿון די אַמאָליקע דעמב־פֿעסטע יידן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט בויגן פֿון די נײַע ווינטן, און ווען דער שר פֿון

ישראל וואָלט אונדז נישט צוגעשיקט נײַע יידישע העלדן, די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין די גלות־לענדער און די פּאַרטיזאַנער און באַשיצער פֿון אונדזער לאַנד. זייער מסירת נפֿש, פֿאַראייניקט מיטן קדוש השם פֿון זייערע עלטערן, האַלטן אונטער אונדזער גײַסט און מוט. זיי זײַנען די שטראַלן, וואָס רײַסן דורך די חשכות פֿון דער אַרומיקער וועלט און די פֿינצטערנישן אין אונדזער אייגענעם לעבן.

II.

דער העלדישקייט־באַגריף בײַ די אומות־העולם און בײַ אונדז

ווײַל מען קענען דעם לעבנס־אידעאַל פֿון אַ פֿאָלק, זאָל מען שטודירן זײַנע העלדן־לעגענדעס. וואָרעם וואָס איז דען אַ העלד, אויב נישט דער מאָדעל, וואָס אַ פֿאָלק גיט זיך, וואָס דאַרף דינען פֿאַר אַ משל פֿאַר אַלעמען? דערפֿון אַליין איז שוין קלאָר, אַז דער העלדן־באַגריף איז פֿאַרשיידן בײַ פֿאַרשיידענע פֿעלקער און עפּאָכעס, ווי פֿאַרשיידן ס'איז זייער באַגריף פֿון אַן אידעאַלן לעבנס־מוסטער.[5] צום באַדויערן פֿעלט אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווי ווײַט איך ווייס, אַן אַלגעמיין ווערק, וואָס זאָל געבן אַן איבערבליק איבער דער עוואָלוציע פֿונעם העלדן־באַגריף. מוז מען זיך באַנוצן מיט איינצלנע מאָנאָגראַפֿיעס, וואָס איטלעכע פֿון זיי באַהאַנדלט אַ ספּעציעלן געביט. דערבײַ האָבן זיי על פּי רוב דעם חסרון, וואָס זיי פֿאַרנעמען זיך מיט פּרטים און דאָס אַלגעמיינע בילד קומט אַרויס מטושטשדיק. נאָר פֿאַר אונדזער טעמע, אויף צו באַלײַכטן דעם טיפֿן חילוק צווישן דעם העלדן־באַגריף בײַ די אומות־העולם און בײַ יידן, וועט גענוג זײַן צו סקיצירן די הויפּט־שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם גוײשן העלד און דעם יידישן קדוש.

פֿיזישע קראַפֿט און בריהשקייט ליגן אינעם סאַמע יסוד פֿונעם העלדן־קולט נישט בלויז בײַ די אַנטיקע פֿעלקער, נאָר צום גרויסן טייל אויך בײַ די מאָדערנע. די אַלטע גריכן, וואָס האָבן די ערשטע געבראַכט דעם העראָס צום גלאַנץ, זײַנען אויך געווען די, וואָס האָבן

אײַנגעפֿירט דעם העלדן־קולט. די לעגענדאַרע גריכישע העלדן פֿון דער אַרכאַישער עפּאָכע זײַנען מיטל־פֿיגורן, װאָס שטײען צװישן געטער און מענטשן. די װיכטיקסטע צװישן זײ װערן פּראָקלאַמירט פֿאַר פֿולע געטער, װי למשל, הערַאַקלעס (הערקולעס אין דער לאַטײַניזיר־טער פֿאָרעם), װאָס צײכנט זיך אױס מיט אַ געװאַלדיקן איבערמענטש־לעכן כּוח. אין האָמערס העלדן־פּאָעמעס פֿעלן אינגאַנצן די באַגריפֿן פֿון מאָראַל און געזעצלעכקײט, רחמנות מיט מענטשן און מיטגעפֿיל מיט לײַדנדיקע. אין בעסטן פֿאַל, קענט איר דאָרט די געפֿילן טרעפֿן אין אַ שטאַרק פֿאַרנעפּלטן, עמבריאָנאַלן צושטאַנד. אכזריות, פֿאַרראַט, ליגן און שװינדל, װאָס כאַראַקטעריזירן די מעשׂים פֿון די העלדן, פֿאַרמינערן נישט אױף אײן האָר זײער גרױסקײט. פֿיזישע קראַפֿט און געשיקטקײט זײַנען דער אײנציקער תּנאַי און סימן פֿון העלדישקײט.

פֿלעגן טאַקע די גריכן דעם אוהל פֿון אַ פֿאַרגעטערטן העלד באַ־צירן מיט אַ גאַנצן װאָפֿן־גאַרניטור.

אָנגעהױבן מיטן 5־טן יאָרהונדערט פֿאַר דער איצט אָנגענומענער צײַט־רעכענונג, הױבן די פּאָעטן אָן צוצושרײַבן די העלדן אױך מאָראַלישע און פּאָליטישע גרױסקײט.[6] אין די שפּעטערדיקע לעגענדעס װערט הערקולעס כאַראַקטעריזירט נישט בלױז װי אַ גרױסער גיבור, נאָר אױך װי אַ ציװיליזאַטאָר און קאָלאָניזאַטאָר, װי אַ גרינדער און בױער פֿון שטעט. עס הױבן אָן גילטן װי העראָען דיכטער, פֿילאָסאָפֿן און געזעצגעבער, װי האָמער, פּלאַטאָן, סאָפֿאָקל, ליקורג און אַנדערע. זײ שטײען אָבער נישט אַרױס דעם פֿריערדיקן העלד־גיבור. די זיגער אין די אָלימפּ־שפּילן בלײַבן העלדן, פּונקט װי דער זיגער אין מלחמה. נאָך די מלחמות מיט די פּערסער זײַנען גאַנצע חיילות דערהױבן געװאָרן צו דער מדרגה פֿון העלדן.[7]

דער גיבור, דער ריז איז דער דאָמינירנדיקער העלדן־טיפּ אױך אין די לעגענדעס און סאַגאַס פֿון די גערמאַנישע און קעלטישע פֿעלקער, װאָס זײַנען שפּעטער אַרױף אױף דער װעלט־סצענע. דער סקאַנדינאַװי־שער העלד אָדין, דער, װאָס איז שפּעטער אונטערן נאָמען װאָטאַן, מגולגל געװאָרן אין דעם גאָט פֿון די טױטאָנישע שבֿטים, װערט באַ־שריבן װי אַ פּאָעט, אַ נבֿיא און אַ גאָט, אָבער ער באַפֿישופֿט דאָך די פֿאַנטאַזיע פֿריער פֿון אַלץ מיט זײַן איבערמענטשלעכן כּוח, פֿאַר־בונדן מיט אַ גרענעצלאָזער נישט־דערשראָקנקײט פּנים אל פּנים מיט

געפֿאַרן. דער באַגריף פּחד איז אים פֿרעמד. און הגם מוטיקייט איז נישט קיין פֿיזישער, נאָר אַ גײַסטיקער שטריך, איז זי אָבער בײַ די גערמאַנען, פּונקט ווי בײַ די פֿריערדיקע אַרכאַישע און היסטאָרישע העלדן פֿון העלאַס נישט כּולל אין זיך קיין שום עלעמענטן פֿון מאָראַל, פֿון עטיק. אויך איר סימן מובהק בלײַבט די פֿעיִקייט זיך צו שלאָגן. די סקאַנדינאַווישע פֿעלקער האָבן באַטראַכט ווי אַ חרפּה, אַז אַ מענטש זאָל שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. און איז די שעה פֿון שטאַרבן געקומען, איז געווען דער מינהג זיך צו מאַכן וואונדן אין קערפּער, כּדי דער גאָט אָדין זאָל זיי קענען מקבל פּנים זײַן ווי עכטע שלאַכט־מענער.

די אייגענע שטריכן פֿון גבורה און מוט כאַראַקטעריזירן אויך די העלדן פֿון די קעלטישע פֿעלקער, הן אויפֿן קאָנטינענט, הן אויפֿן „גרינעם אינדזל".[8]

אויך דער גרעסטער העלד פֿון די רוסישע בילינעס, איליאַ מוראָמעץ, איז קודם כּל אַ גיבור, הגם ער איז גלײַכצײַטיק געווען אַ פֿרומער קריסט און די פּראַוואָסלאַוונע קירך האָט אים אַרײַנגענומען צווישן אירע הייליקע.[9]

מען האָט געקענט מיינען, אַז מיטן אויפֿקומען און דער אויסשפּרייטונג פֿון דעם קריסטנטום צווישן די געצנדינערישע פֿעלקער וועט דער באַגריף הייליקער, וואָס עס האָט איבערגענומען פֿון יידישקייט, פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דער פּאַגאַנישער העלדישקייט. אָבער דאָס איז אַ טעות. אָט קען מען נישט געפֿינען קיין צווייטע עפּאָכע אין דער אייראָפּעישער געשיכטע, ווען די קירך זאָל געווען זײַן אַזוי שטאַרק און האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה, ווי אין דער מיטלעלטערלעכער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט. אָבער דער העלד פֿון יענער עפּאָכע איז אַ ריטער. און דער ריטער איז דער אייגענער איש מלחמה פּונקט ווי די פּאַגאַנישע העלדן, מיט דער הוספֿה פֿון מגוזמדיקער גאווה און געשלעכטלעכער לײַדנשאַפֿט. אינעם ריטערטום האָט דער גערמאַנישער און קעלטישער גײַסט גענומען אַ רעוואַנש איבער דער קריסטלעכער מאָראַל, וואָס שטאַמט פֿון מזרח.[10]

זיכער האָבן די השגות פֿון העלדישקייט בײַ די אומות העולם דורכגעמאַכט היפּשע מעטאַמאָרפֿאָזעס זינט די נעפּלדיקע צײַטן פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע און פֿון די סקאַנדינאַווישע און טויטאָנישע סאַגאַס

און וואונדער־מעשיות. פּערזענלעכע פיזישע גבורה הערט אויף צו זײַן דער איינציקער העלדישקייט־סימן. דאָס אָרט פֿון גיבור פֿאַרנעמט אָפּט דער מלחמה־סטראַטעג און שלאַכט־טאַקטיקער. אין דער נײַ־צײַ־טיקער געשיכטע באַווײַזט זיך אַ העלד, נענטער צו אונדזער קדוש, דער רעוואָלוציאָנער, וואָס זײַן מוט ווײַזט זיך אַרויס נישט אין כּוח און אין דער קונסט צו דערהרגענען אַנדערע, נאָר אין דער ליבע צו מיטמענטשן און דער גרייטקייט זיך אַליין מקריב צו זיין פֿאַר זייער גליק. עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז דער אַל־טער העלדן־קולט איז פֿאַרשוואונדן. האָט דען נישט נאַפּאָלעאָן דער גרויסער נאָך גאָרנישט לאַנג צוריק, שוין אויפֿן שוועל פֿון 19־טן יאָרהונדערט באַצויבערט די פֿאַנטאַזיע פֿון אַלע פֿעלקער, און דער דאָזיקער צויבער איז נאָך עד היום נישט אָפּגעווישט, נישט חלילה מיט זײַנע פֿײַנע מידות, וואָס ער האָט כּידוע גאָרנישט געהאַט, נאָר מיט זײַנע דרייסטע און געשיקטע שלאַכט־אָפּעראַציעס. און איך וועל אײַך זאָגן בסוד: עס וועט נישט לאַנג נעמען און די קריסטלעכע העלדן־גאַלעריע וועט באַרײַכערט ווערן מיט אַ נײַעם „גרויסן”, מיט היטלערן, דעם „גרויסן פֿירער און שלאַכט־מאַן”. האַלט מען דאָך שוין איצט בײַם פֿאַרגעסן די זקנים, פֿרויען און קינדער, די גאַז־קאַמערעס און די קרעמאַטאָריעס. און וויפֿל וועט געדויערן ביז יעדער שפּור זייערער, אָדער כּמעט יעדער, וועט אָפּגעווישט ווערן פֿונעם זכּרון פֿון די מענטשן. און אין געשיכטע־לערנביכער, חוץ אין אונדזער אייגענעם ספֿר הדמעות, וועט מען וועגן די לעצטע יידישע הריגות דערמאָנען נישט מער ווי וועגן די אַלטע, לאַנג פֿאַרגעסענע און פֿאַרגעבענע.

פֿיזישע קראַפֿט און בלוטפֿאַרגיסונג זײַנען נאָך עד־היום געפֿלאָכטן און געבונדן אין דער פֿאָרשטעלונג פֿונעם קריסטלעכן מענטשן מיט זײַן באַגריף פֿון העלדישקייט. נישט אומזיסט זאָגט קאַרלייל, אַז מען קען נאָך איצט געפֿינען אין דער אייראָפּעישער געזעלשאַפֿט נישט ווייניק לעבעדיקע שפּורן פֿונעם אַלטן סקאַנדינאַווישן אָדין־גאָט.[11] נאָך עד־היום זײַנען די הויפּטשטעט פֿון כּמעט אַלע מדינות באַצירט מיט מאָנומענטן און דענקמעלער פֿאַר מלחמה־פֿירער, מאַרשאַלן, אַד־מיראַלן און גענעראַלן. און צי זעען מיר דען נישט רעשטלעך פֿון דער אַמאָליקער פֿאַרגעטערונג פֿון מוסקולקראַפֿט און פֿלינקייט אין דעם קולט פֿון ספּאָרט, וואָס הערשט איצט צווישן אַלע קריסטלעכע פֿעל־

קער? קיין שום פֿאַרזאַמלונג און אַפֿילו קיין טעאַטער קען זיך נישט באַרימען מיט אַזאַ עולם, קיין עין הרע, ווי די ספּאָרט־מיטינגען. פֿויסט און מוסקולן זײַנען נאָך אויך איצט בילכער ווי נשמה און געדאַנק.

נאָר אַפֿילו דער מער געלײַטערטער, דער איידעלערער העלדן־קולט פֿון הײַנטיקע צײַטן האָט אַ כאַראַקטעריסטישן און פֿונדאַמענטאַלן שותּפֿות־שטריך מיטן אַמאָליקן. דאָס איז דער קולט פֿון העלדישקייט, ווי אַ ציל פֿאַר זיך. צי האָט אַמאָל דער העראָיזם זיך אויסגעדריקט אין פֿיזישן כּוח, צי מאַניפֿעסטירט ער זיך הײַנט — צום טייל — אין מוט, צי איז זײַן סימן אַמאָל געווען — די פֿעיקייט צו פֿאַרגיסן פֿרעמד בלוט, און הײַנט — ווען נישט איז — די גרייטקייט זיך מוסר נפֿש צו זײַן, — אַמאָל ווי הײַנט, רופֿט אַרויס באַוואונדערונג דער כאַראַקטער פֿונעם העלד, דער פֿיזישער אָדער גײַסטיקער, און נישט דער תּכלית, דער צוליב־וואָס פֿון דער העלדנטאַט. אין דער העלדישקייט גופֿא ליגט איר באַרעכטיקונג און איר גלאָריע.

ווען עמעצער, וואָס יאָגט זיך נאָך דער האַנט פֿון אַ פֿרוי, געפֿינט נישט קיין אַנדערע עצה פּטור צו ווערן פֿון אַ צווייטן פּרעטענדענט, ווי דורך אַ דועל, איז ער אַ מוטיקער „ריטער" און רופֿט אַרויס באַוואונדערונג. האָט מען עמעצן באַליידיקט און ער ווענט דעם באַליידיקער לאָדן צום געריכט, איז ער אַ פּשוטער חי וקים. רופֿט ער אים אָבער אַרויס אויף אַ דועל און דערהרגעט ער אַ מענטשן, וועט מען אים יאָ משפּטן אָדער נישט משפּטן, אָבער אַ גרויסע מדרגה, די פּאָפּולאַריטעט פֿון אַ העלד וועט ער האָבן דערגרייכט, און נישט ווייניק שיינע, אַריסטאָקראַטישע מיידלעך און דאַמעס וועלן זיך וואַרפֿן אין זײַנע אָרעמס. יעדער, וואָס פֿאַלט פֿאַר אַ קרבן אויפֿן שלאַכטפֿעלד, איז במילא אַ העלד, מעג די מלחמה גופֿא געפֿירט געווען זײַן צוליב יאַגעניש נאָך הערשאַפֿט און מאַטעריעלן וואוילטאָג אָדער צוליב פֿאַלשער נאַציאָנאַלער גאווה און פּרעסטיזש און מעג דער געפֿאַלענער גופֿא ווײַט געווען זײַן פֿון צדקות בעת זײַן לעבן, און אין שלאַכט געגאַנגען, ווײַל ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. נאָר דאָס איז טאַקע די מעשה, וואָס בײַ „העלדישקייט" פֿרעגט מען נישט קיין מאָראַלישע טיטולן. וואָלט מען פֿון איר אַזעלכע פֿאַרלאַנגט, וואָלט מען געדאַרפֿט אַרויסוואַרפֿן נישט ווייניק שעדעוורס פֿון דער אַזוי

נערופֿענער וועלט־ליטעראַטור, בעצם — קריסטלעכער, כאָטש נישט ווייניק יידישע קינדער שטודירן זי אין די שולן און אוניווערסיטעטן, אָפֿטמאָל נאָך מיט גרעסערער התמדה ווי זייערע גוייִשע חברים.

וועל איך דאָ ציטירן אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע פֿאַלן, וואָס זײַנען זיך פֿאַרלאָפֿן טאָקע אין אונדזערע טעג. נאָכן סוף פֿון דער מלחמה האָט מען געהאַנגען אַ געוויסע צאָל נאַצי־פֿאַרברעכער אין דײַטשלאַנד און קוויזלינגס אין די באַפֿרײַטע לענדער. צווישן די דאָזיקע רוצחים, וואָס, אויב זיי וואָלטן געהאַט אַ געוויסן, וואָלט איטלעכער פֿון זיי אויף זײַן חשבון געהאַט טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע קרבנות, האָבן זיך געפֿונען אייניקע, וואָס זײַנען געגאַנגען צו דער תּליה מיט גרויס „קוראַזש", דהיינו, זיי האָבן פֿאַרלאַנגט, מען זאָל זיי נישט פֿאַרבינדן די אויגן, ווי דער מינהג איז, ווײַל זיי האָבן דעם מוט צו קוקן דעם טויט גלײַך אין די אויגן אַרײַן. וואָלט איר געדאַרפֿט הערן, ווי „אָביעקטיווע" פּאַרשוינען, אַפֿילו אַזעלכע וואָס האָבן על פּי שכל און על פּי יושר אײַנגעזען, אַז יענע חיות בצורת אדם האָבן דעם טויט כּשר פֿאַרדינט, האָבן פֿונדעסטוועגן באַוואונדערט די העלדישקייט פֿון זייער האַלטונג פֿאַרן טויט. וואָס דאַרפֿט איר מער, אַפֿילו אירמאַ גרעזער, די סאַדיסטקע פֿון קאָנצלאַגער, האָט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע געהאַט אַ „גוטע פּרעסע". זשורנאַליסטן האָבן באַשריבן די שיינקייט און די מוטיקע האַלטונג אויפֿן פּראָצעס פֿון דער בלאָנדער בעסטיע, וואָס האָט זיכער נישט געהאַט אַזוי פֿיל בלאָנדע האָר אויפֿן קאָפּ, וויפֿל אומשולדיקע לעבנס אויף אירע הענט. מסתּמא קענען די דאָזיקע זשורנאַליסטן געניגוג גוט דעם געשמאַק פֿון זייער עולם.

איר וועט האָבן אַ טעות, אויב איר וועט מיינען, אַז די ציטירטע פֿאַקטן זײַנען נישט מער ווי עפּיזאָדן אָן באַדײַטונג. אין די דאָזיקע עפּיזאָדן קומט צום אויסדרוק אַ גאַנצער לעבנס־באַנעם: די גלאָריפֿיצירונג פֿון דער „העלדישער פּאָזע". איז אָבער אָט די פּאָזע נישט מער ווי אַן אויסדרוק פֿון גאווה, איינע פֿון די מיאוסע מידות פֿון אַ מענטשן, לויט אונדזער יידישן באַנעם. אַפֿילו שטייענדיק פֿאַר די טויערן פֿון דער אייביקער מיסטעריע, אויפֿן תּהום פֿון נישט־זײַן, קענען די דאָזיקע „העלדן" נאָך אַלץ נישט בויגן פֿאַרן באַשעפֿער הכנעהדיק דעם קאָפּ און זיך מתוודה זײַן פֿאַר זייערע גרויסע זינד, קענען זיי אַלץ נאָך זיך נישט באַפֿרײַען פֿון פּוסטער גרויסהאַלטערײַ, פֿון טעאַטראַ־

לישקייט; מאַכן זיי אַ קאָמעדיע פֿונעם סוף פֿון זייער אייגן לעבן, פּונקט ווי זיי האָבן פֿריער אַזוי לײַכט זיך געשפּילט מיט פֿרעמדע לעבנס.

פֿון אַלע הײַנטיקע פֿעלקער איז דאָס ייִדישע פֿאָלק דאָס איינציקע, וואָס האָט נישט קיין העלדן־עפּאָס, וואָס זאָל ווערט זײַן אָט דעם נאָמען. אין תּנ"ך און אין די מדרשים שטויסט איר זיך אָן פֿון צײַט צו צײַט אויף גיבורים. איז עס אָבער אינטערעסאַנט, אַז אָדער עס רעדט זיך דאָרט וועגן דער אַלטער צײַט, איידער דער מענטש האָט גאָט דערקענט, ד"ה פֿאַר אברהם אָבינו, אָדער וועגן נישט־ייִדן ווי נמרוד, עוג מלך הבשן, גלית און אַנדערע.[12] אָבער איר וועט כּמעט אין ערגעץ נישט געפֿינען, אַז דאָס וואָרט גיבור זאָל בײַ אונדז האָבן דעם אייגענעם טעם פֿון גלאָריפֿיקאַציע, ווי בײַם גריכישן העראָס, סײַדן דאָס וואָרט ווערט געברויכט אין אַ פֿיגוראַטיוון זינען פֿון אַלמעכטיקייט, ווי למשל, גבורת ד', מפּי הגבורה וכדומה. דאָרט, וואו מענטשלעכע פֿיזישע גבורה ווערט אין אונדזערע הייליקע שריפֿטן מאָראַליש אָפּגעשאַצט, ווערט וועגן איר זעלטן אַרויסגעזאָגט אַ געהויבענע מיינונג (טובה חכמה מגבורה, און טובה חכמה מכּלי קרב — קהלת ט: ט"ז, י"ח). אין דער סצענע פֿון געראַנגל צווישן דעם אומבאַוואָפֿנטן פּאַסטעכל דוד, באַ־גײַסטערט דורך גלויבן אין גאָט, וואָס „נישט מיט שווערד און מיט שפּיז העלפֿט ער", מיטן ריז גלית, באַוואָפֿנט פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס — קומט צום אויסדרוק די איבערגעוויכט, וואָס די גײַסטיקע קראַפֿט האָט איבער דער מאַטעריעלער, לויט אונדזערע ייִדישע פֿאָרשטעלונגען, אַפֿילו אויפֿן שלאַכטפֿעלד.

אמת, אין אונדזער רײַכער אגדה־ליטעראַטור ווערן פֿון צײַט צו צײַט אונדזערע אבות, אָנגעהויבן פֿון אברהם אבינו ביז די מלכים, באַשריבן ווי גיבורים, אָבער אויך די דאָזיקע פֿאַראיינצלטע שטעלעס ריידן וועגן זייער גבורה ווי וועגן אַ טפֿל. די גרויסקייט פֿון אונדזער פֿאָטער אברהם בלײַבט דערין, וואָס ער איז געווען דאָס ערשטע מענטשן־קינד, וואָס האָט דערקענט גאָט, דעם איין איינציקן, און נישט אין זײַן לעגענדאַרער קראַפֿט. אַז די פֿרעמדע שבטים און מלכים, וואָס אברהם האָט באַזיגט, ווילן פֿונעם דאָזיקן ניצחון מאַכן דעם אויספֿיר, וואָס די אַנטיקע פֿעלקער פֿלעגן געוויינלעך אין אַזעלכע פֿאַלן מאַכן, דאָס הייסט פּראָ־קלאַמירן דעם גיבור און איש חיל פֿאַר אַ קיניג און אַ גאָט — ענטפֿערט

ער: „די וועלט האָט שוין איר קיניג און גאָט", דעם גאָט אין די הימלען.[13] און אַ ריכטיקע אינטואיציע האָט געפֿירט מיט ח. נ. ביאַליק און י. ח. רבניצקי, וואָס זיי האָבן אין זייער ספֿר האגדה, אין דעם פּרק אברהם אבינו, נישט געהאַלטן אַפֿילו פֿאַר נויטיק צו ברענגען די לעגענדעס, וואָס רימען זײַן גבורה.[14] וואָרעם נישט ווי אַ גיבור, נאָר ווי דער פֿאָטער פֿון גאָטס פֿאָלק איז ער געבליבן אין דער פֿאָלקס- און וועלט-געדעכעניש.

דער איינציקער העלד, וואָס האָט זוכה געווען צוליב זײַן פֿיזישער גבורה צו אַ חשובן אָרט אין אונדזערע הייליקע שריפֿטן, איז שמשון הגיבור. אָבער אויך וועגן אים איז ערגעץ געשריבן, אַז ער איז געווען דער קלענסטער צווישן די יידישע שופֿטים, הגם יענע האָבן זיך מיט אַזאַ גבורה ווי זײַנע נישט אויסגעצייכנט. און אויב ער איז פֿאָרט פֿאַרבליבן אין יידישן פֿאָלקס-זכּרון ביז צום הײַנטיקן טאָג, איז דאָס געשען צוליב זײַן באַרימטן „תמות נפֿשי עם פּלשתּים", וואו ס'איז גע־קומען צום אויסדרוק דער דורשט פֿונעם שפּעטער גערודפֿטן פֿאָלק נאָך אַ גערעכטער נקמה איבער די רשעים פֿון אַלע צײַטן. זאָגט דער מדרש, אַז בעת יעקב אבינו האָט געבענטשט דן, האָט ער געהאַט אין זינען שמשונען, וואָס וועט אַרויסקומען פֿון זײַן שטאַם און ווערן דער יידישער משיח, אָבער אַז מען האָט אים געוויזן שמשונס סוף, האָט יעקב געזאָגט: „אויף דײַן הילף, גאָט, האָף איך" (לישועתך קויתי ד'). נישט שמשון דער גיבור וועט ברענגען די גאולה, נײַערט אליהו הנביא פֿון שבט גד.[15] און די גמרא זאָגט אויף אים, אַז ווײַל ער, שמשון, איז נאָכגעגאַנגען די גלוסטעקנישן פֿון זײַנע אויגן, איז ער באַשטראָפֿט געוואָרן און ביידע אויגן פֿאַרלוירן (סוטה ט, ב.).

און אויב יידן האָבן נישט געשאַפֿן קיין העלדן-מיטאָס און נישט איבערגענומען פֿון אַנדערע פֿעלקער זייער העלדן-קולט, נישט בעת זיי זײַנען געווען פּרימיטיווע בעדואינער-שבטים און אויך נישט אין דער צײַט פֿון יהושע, פֿון די שופֿטים און מלכים, ווען זיי זײַנען גע־שטאַנען אין שטענדיקע מלחמות, כּדי דאָס לאַנד כּנען צו באַזעצן און עס דערנאָך אײַנהאַלטן קעגן די אַטאַקעס פֿון די שונאים, — איז אַ פּשיטא שוין, אַז אַזאַ קולט האָט נישט געקענט אויפֿקומען שפּעטער, ווען די העברעע יידישע עטיק איז אויסגעפֿורעמט און געלייטערט גע־

וואָרן פֿריער דורך די נביאים, שפּעטער — דורך די סופֿרים און די פּרושים, און אין גלות — דורך די חכמים פֿון יעדן דור.

דער העלדן־קולט איז בײַ אַלע אַמאָליקע פֿעלקער און, ווי מיר האָבן שוין געזען, אויך נאָך בײַ די הײַנטיקע, כּמעט תּמיד פֿאַרבונדן מיט בלוטפֿאַרגיסונג, בלוט פֿונעם שונא, אָבער אויך פֿון די אייגענע ברידער. און שפּיכת־דמים איז אַלץ מער און מער געוואָרן בײַ יידן צו איינער פֿון די דרײַ גרעסטע זינד, וואָס אַ מענטש קען באַגיין, סײַדן זי איז באַרעכטיקט דורך פּערזענלעכער אָדער נאַציאָנאַלער זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג קעגן אַ בלוטיקן אָנפֿאַלער. אויב אָבער בלוטפֿאַרגיסונג איז בלויז אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט פֿון זעלבסטשוץ, איז במילא קלאָר, אַז יידן האָבן דאָס ניט געקענט אידעאַליזירן און מאַכן אַ קולט פֿון יענע, וואָס האָבן זיך דערמיט אויסגעצייכנט און אוודאי שוין נישט אָננעמען די אידעאָלאָגיע פֿון „בלוט און פֿײַער".

דער ייד האָט אַלע מאָל געהאַלטן טײַער, טײַערער ווי אַלץ אין דער וועלט, די מענטשלעכע פּערזאָן און איר לעבן. אָבער נישט בלויז טאָר מען קיין מענטשלעך בלוט נישט פֿאַרגיסן, מען טאָר אַפֿילו נישט באַנוצן דאָס בלוט פֿון בהמות, וואָס זייער פֿלייש מעג מען יאָ געברויכן, כּדי אונטערצוהאַלטן דעם חיות, ווײַל: כּי הדם הוא הנפֿש (דברים י"ב: ט"ז, כ"ג) — דאָס בלוט איז די נשמה פֿון יעדן בעל־חי. די אַנטיקע פֿעלקער האָבן זיך פֿאַסמאַקעוועט מיטן בלוט פֿון בהמות, בײַ אונדז קומט פֿאַר טרינקען בלוט כּרת. געהערט טאַקע דער פֿאַרבאָט פֿון עסן אבר מן החי צו די שבעה מצוות בני נח, אָבליגאַטאָריש פֿאַר אַלעמען, וואָס טראָגן אַ מענטשלעך פּנים, יידן צי גויים. אויך די דינים פֿון שחיטה און כּשרות זײַנען דורכגעדרונגען מיטן ציל צו פֿאַרמײַדן דעם געגנוס פֿון בלוט.

דאָס לעבן פֿון אַ מענטשן איז פֿאַר אונדז הייליק. נישט בלויז דאָס פֿרעמדע, נאָר אויך דאָס אייגענע. דערפֿאַר איז דער מענטש נישט פֿרײַ זיך צו באַגיין מיט זײַן לעבן ווי מיט אַן אייגנטום, וואָס ער איז דער בעל־הבית אויף אים. דאָס לעבן געהערט נישט אים, נאָר איז אַ גנאָד, געשאָנקען פֿון זײַן באַשעפֿער, וואָס נאָר ער אַליין קען עס צוריקנעמען, ווען די צײַט איז געקומען: ד' נתן ד' לקח. זעען מיר טאַקע, אַז דער פֿאַרבאָט זיך דאָס לעבן צו נעמען איז פֿאַר אונדז נישט געבליבן קיין טויט וואָרט. הגם יידן זײַנען שטאָטישע אײַנוואוי־

נער און געהערן צו די פּראָפֿעסיעס, וואָס גיבן בכלל דעם העכסטן פּראָצענט זעלבסטמערדער, איז ער ביַי אונדז נידעריקער ווי דער אַלגעמיינער דורכשניט ביַי די גויישע פֿעלקער. און ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גראָד אין די יידישע ישובים, וואָס זיַינען אַמאָל געווען די פֿעסטונג פֿון טראַדיציאָנעלער יידישקייט, איז די לערכדיקע צאָל פֿון זעלבסטמאָרדן ביַי יידן אַ סך נידעריקער, ווי צווישן די יידישע סיבוצים אין די לענדער פֿון מערב־אייראָפּע.[16]

איז דאָס לעבן טיַיער און הייליק פֿאַר יידן, איז פֿאַרשטענדלעך, וואָס ער ציטערט אַזוי איבער דעם. און דעם דאָזיקן ציטער איבער אַ הייליקייט האָבן די גויים אָנגענומען פֿאַר פּחדנות. קלער איך זיך נאָר: רבונו של עולם, וויפֿל צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען מענטשן וואָלטן נישט אַוועק פֿריציַיטיק פֿון דער וועלט, ווען די גויים וואָלטן געווען פּונקט אַזעלכע „שרעקעוודיקע" ווי מיר יידן זיַינען.

✱

ווער איז אַ העלד, לויט יידישע באַגריפֿן? קיין בעסערן ענטפֿער ווי אונדזערע חכמים האָבן געגעבן, וועלן מיר מסתּמא שוין נישט צוקלערן: איזהו גבור הכובש את יצרו. נישט דער, וואָס קען יענעם גובר זיַין אין אַ פֿיזישן געראַנגל און אים מאַכן פֿאַר זיַין שקלאַף, אָדער גאָר אומברענגען, נישט דער איז אַ העלד. נאָר יענער, וואָס קען זיך אַליין ביַיקומען, דערשטיקן אין זיך דאָס חיהשע, וואָס ליגט טיף פֿאַרבאָרגן אינעם מענטשן, די נידעריקע תּאוות, וואָס באַהערשן אים, מיט איין וואָרט — ביַיקומען דעם יצר־הרע, וואָס לויערט אויפֿן מענטשן אויף טריט און שריט און וויל פֿאַרטיליקן דאָס מענטשלעכע אין אים, דעם אָפּגלאַנץ פֿון געטלעכן, דאָס הייליקע אין אים גופֿא.

אָט דער געדאַנק, אַז דער מענטש אַליין קען זיך הייליקן און געהייליקט ווערן, איז פֿאַר דער אַנטיקער וועלט געווען אַ רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, וואָס די יידישע תּורה אַליין, און קיין שום אַנדערע לערע, האָט געבראַכט צום אויסדרוק. אויך די אַנדערע פֿעלקער אין אַלטערטום האָבן געהאַט הייליקייטן. פֿאַר הייליק האָבן געגאָלטן געטער, די ערטער, וואו מען האָט פּראַקטיצירט דעם געטער־קולט, ווי אויך געווייסע אָביעקטן און אַקטן, וואָס האָבן צום דאָזיקן קולט געהערט.

אָבער, אַז דער מענטש גופא דאַרף שטרעבן צו זײַן הייליק און קען דאָס ווערן, דאָס איז אַן אָריגינעל־יידישער געדאַנק, וואָס אַפילו אָביעקטיווע קריסטלעכע טעאָלאָגן זײַנען מודה, אַז דאָס קריסטנטום האָט אים בלויז פֿון אונדז געקענט איבערנעמען.[17] גענוג צו ברענגען בלויז עטלעכע פֿון די פֿילצאָליקע באַוואוסטע פּסוקים, וואו דער מאָטיוו פֿון דער הייליקייט פֿונעם מענטשן קומט צום אויסדרוק: והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני — און איר זאָלט זיך הייליקן און זײַן הייליק, וואָרעם איך בין הייליק (ויקרא י"א: מ"ד); קדושים תהיו כי קדוש אני ד' אלהיכם — הייליק זאָלט איר זײַן, וואָרעם איך יהוה, אײַער גאָט, בין הייליק (ויקרא י"ט: ב).

אָבער אַ העלד וועט אויך זײַן דער, וואָס באַנוצט פֿיזישן כּוח צוליב אַ העכערן צוועק: אויף אויסצוראָטן דאָס בייז, אויף צו שיצן דאָס לעבן, אויף צו פֿאַרטיידיקן גערעכטיקייט און פֿאַר דער רעטונג פֿונעם פֿאָלק. אין די דאָזיקע פֿאַלן ווערט די גבורה דערהויבן צו דער מדרגה פֿון קדושה, דורך איר געריייניקט און געלײַטערט. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס אָוועקשטעלן אין איין ריי דעם קדוש השם און דעם שוץ פֿונעם יידישן פֿאָלק איז אַ מאָדערנע נאַציאָנאַליסטישע אידייע. ווי באַלד יידן זײַנען אַ גוי קדוש, איז במילא יעדער ייד מחויב צו פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָלק ישראל פּונקט ווי די תּורת ישראל. דער של"ה הקדוש, וועלכער האָט געלעבט אין מיטן 16־טן יאָרהונדערט ביזן אָנהויב 17־טן, איז געווים ווײַט געווען פֿון הײַנטיקן נאַציאָנאַליזם. פֿונדעסטוועגן זאָגט ער בנשימה אחת אין דער תּפֿילה לקדוש השם „בעבור קדושת שמך ובעבור הצלת אומה ישראל, בעבור תורתך הקדושה תורה אמת שהיא אחרית ונצחית ובעבור עמך ישראל גוי אחד בארץ, גוי קדוש וטהור".[17א]

*

דאָס לעבן פֿונעם מענטשן האָט נאָר דעמאָלט אַ העכערן זינען, ווען ער קען אויספֿירן די שליחות, וואָס צוליב איר איז ער אויף דער וועלט געשיקט געוואָרן, „צו הייליקן דאָס לעבן". די דאָזיקע מיסיע זײַנע דאַרף דער ייד דערפֿילן זײַן גאַנץ לעבן, אין יעדער צײַט און אין יעדער שעה. איז טאַקע דאָס לעבן פֿונעם יידן אַ שטענדיקער געראַנגל פֿאַר דערהויבנקייט, פֿאַר ריינקייט. קומט עס אָבער

צו א צוזאמענשטוים צווישן פיזישן לעבן און גײַסטיקער הייליקייט, האָט זי די בכורה און דאָס לעבן דאַרף איר אָפּטרעטן דאָס אָרט. א לעבן אין געצנדינערײַ, מיט בלוטפאַרגיסונג, אין בהמישער אויסגעלאַסנקייט, איז א לעבן אין טומאה און במילא פאַרלירט עס זײַן תכלית. קען דער ייד הייליקן גאָטס נאָמען מיט זײַן לעבן, לוינט עס צוליב דעם אַליין אריבערצוטראָגן אַלע פּײַנען און צו לײַדן אַלע יסורים פון גיהנום. איז דאָס נישט מעגלעך, מוז דער ייד מקריב זײַן די ערדישע קליפּה צוליב דעם אייביקייט־קערן.

דער ייד דאַרף זיך אָבער מוסר־נפש זײַן נישט בלויז מחמת דער זינלאָזיקייט פון א לעבן אָן קדושה, נאָר אויך כּדי גאָטס נאָמען צו הייליקן צווישן אַנדערע יידן, ווי אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. דער קדוש השם איז געווען א מיטל, וואָס קיין שטאַרקערן פון אים קען דער מענטש בכלל נישט אַרויסברענגען, צו מאַניפעסטירן דורך דעם קרבן פון זײַן אייגענעם לעבן, ווי הייליק גאָט און זײַן געבאָט דאַרפן זײַן פאַרן מענטשן. לוינט עס פאַר זיי אפילו דאָס לעבן אָפּצוגעבן, איז א פשיטא שוין, אַז דער מענטש איז מחויב צוליב זיי זיך אָפּצוזאָגן פון עפעמערע ערדישע גיטער און פון פאַרבײַגייענדיקע גלוסטונגען און תאוות. די יידישע זעלבסט־דיסציפּלין האָט אינעם קדוש השם געדאַרפט דערגרייכן איר העכסטן, סובלימירטסטן אויסדרוק.

אָט דעם טיפן מיין פון קדוש השם ברבים דעקט אונדז אויף די געשעעניש מיטן זקן ר' אליעזר, וואָס איז זיך פאַרלאָפן בעת דער גזירה פון אנטיוכוס דעם רשע. האָבן דעם דאָזיקן גרײַז־גראָען זקן די סיריש־גריכישע הענקער אַרײַנגעשטופּט חזיר אין מויל, האָט ער עס אויסגעשפּיגן און איז בעסער גרייט געווען זיך צו לאָזן אומברענגען, איידער עובר צו זײַן אויף גאָטס געבאָט. האָבן זיך צווישן די רוצחים געפונען א פּאָר, וואָס האָבן אויפן אַלטן רחמנות גע־קראָגן, האָבן זיי אים אָפּגעפירט אין א באַהעלטעניש און צו אים אַזוי געזאָגט: וואָס דאַרפסטו אויסשטיין די יסורים, וואָס מען וועט דיר אָנטאָן. מיר וועלן דיר ברענגען ריינע פליש (בשר טהור) צו עסן, אבי נאָר דער המון זאָל מיינען, אַז דו האָסט דערפילט דעם באַ־פעל פון מלך און געגעסן פליש פון געצנדינערישן קרבן. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו ראַטעווען זײַן לעבן מיטן דאָזיקן תנאי, הגם ער

וואָלט דערמיט קיין בפועלדיקע זינד נישט געזינדיקט. אָבער אַפילו א כּלומרשטע זינד וואָלט אָפּגעשוואַכט דעם מוט פון אַנדערע און יינגערע פון אים, ווען זיי זאָל אויסקומען אויף אַן אמת עובר צו זײַן אויף גאָטס געבאָט. בלויז כּדי נישט צו דינען פאַר קיין שלעכטן משל און צו מאַניפעסטירן די גרייטקייט פון מסירת נפש פאַר זײַן הייליקן נאָמען, איז ער אַנטקעגנגעגאַנגען דעם טויט דורך יסורים.[18]

דעם אייגענעם מאָטיוו פון קדוש השם, ווי אַ משל פאַר אַנדערע, געפינען מיר אין דער פירונג פונעם יינגסטן קינד פון דער „מוטער מיט די זיבן זין". נאָך דעם ווי מען האָט זײַנע זעקס עלטערע ברי־דער אומגעבראַכט פאַרן אָפּזאָגן זיך צו בוקן פאַרן צלם, וואַרפט ער אָפּ דעם גרויסמוטיקן אָנבאָט פון „קיסר" זיך אײַנצובויגן נאָר אויף אויפצוהויבן דעם רינג, וואָס ער וועט לאָזן אַראָפּפאַלן, אַבי אַנדערע זאָלן מיינען, אַז ער האָט דעם מלכּס באַפעל אויסגעפירט און זיך צום אָפּגאָט געבוקט (גיטין נ"ז, ב און מדרש איכה רבתי).

דער דאָזיקער טעם פון קדוש השם איז קודם כּל גילטיק מיטן אויסקוק אויף יידן, אָבער ער שליסט אויך נישט אויס די גויים. אויך זיי דאַרף דערמיט באַוויזן ווערן די הייליקייט און פעסטקייט פון יידישן גלויבן. ווי גרויס איז, וועלן זיי זיך טראַכטן, דער גאָט פון די יידן, אויב זיי גייען מיטן גוטן ווילן צו דער עקידה פון זײַן ליבן נאָמען וועגן.

אין אַ כראָניק וועגן אַ גזירה אין עסטרײַך, אָנהויב 15־טן יאָר־הונדערט, זאָגט זיך, אַז „בעת יידישע פרויען, וואָס מען האָט געפירט צום שײַטערהויפן, זײַנען אַהין געגאַנגען מיט שמחה, ווי אַ כּלה גייט צו דער חופּה, האָבן אַלע אומות און לשונות געזען מיט זייערע אויגן די קדושת השם הקדוש".[19] און דער ספר חסידים,[20] צונויפגעשטעלט אין די פרישע שפּורן פון איינער פון די גרעסטע גזירות, וואָס די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין, די מסעי הצלב, וואָס וואָלט, פּסיכאָלאָגיש גענומען, געוויס געדאַרפט זײַן ווײַט פון יעדן גלויבן אינעם מענטש־לעכן מין, אַפילו ער שטרײַכט פונדעסטוועגן אונטער דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן זינען פון קדוש השם. און ער שפּאַרט זיך דאָ אָן אויף ישעיה הנביא : „און באַוואוסט בײַ די פעלקער וועט זײַן זייער זאָמען און זייערע שפּראָצן צווישן די אומות; אַלע, וואָס זעען זיי, וועלן דערקענען, אַז זיי זײַנען דער זאָמען, וואָס גאָט האָט געבענטשט" (ישעיה ס"א : ט).

האָבן מיר זיך דאָ, בלויז דרך אגב, אָנגעשטויסן אויפֿן טיפֿן אוניווערסאַליזם פֿונעם יידישן קדוש השם־באַגריף. וואָלט יידישקייט, ווי מען זאָגט עס אָפֿט אַפֿילו ביי אונדז, געקוקט אויף אַלע אַנדערע מענטשן ווי אויף בהמות און נישט געהאַלטן פֿאַר אַ מענטשן איטלעכן, וואָס איז געבוירן בצלם אלהים (הגם דאָס מיינט נישט, פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלע מענטשן שטייען אויף דער אייגענער גייסטיקער מדרגה), וואָלט דער קדוש השם פֿאַרלוירן איינע פֿון זיינע סטימולירנדיקע מאָטיוון, פּונקט ווי דער חלול השם וואָלט אין אַ סך פֿאַלן געוואָרן זינלאָז. (אַז אַזוי האָבן טאַקע די חכמי התלמוד באַטראַכט דעם ענין, קען מען זען פֿון אַ ריי ערטער: במות ע"ט, א; בבא קמא קי"ג, א. פֿאַרגלייך: חמור גזל הגוי מגזל ישראל מפני חלול השם, תוספתא בבא קמא י, לו).

וואָלט קדוש השם דען געהאַט אַ וועלכן נישט איז מיין, ווען, למשל, אַ חיה מיט אירע לאַפּעס זאָל צווינגען אַ יידן צו מאַכן די באַוועגונגען פֿון בוקן זיך פֿאַר אַן אָפּגאָט? בלויז דערפֿאַר, וואָס אַ מענטש, ווער עס זאָל נישט זיין, איז ראוי צו דערקענען די גרויסקייט פֿון גאָט, האָט עס אַ זינען, און אַ גאַר, גאַר טיפֿן און ווייטן, נישט נאָכצוגעבן און זיך מקריב צו זיין פֿאַרן גלויבן.

*

האָבן מיר געזען, אַז די כּוונה פֿון יידישער מסירת־נפֿש איז נישט צו באַגיין אַ העלדישע טאַט צוליב איר שיינקייט און מוטיקייט. איר מיין איז אַ טיפֿערער און דערהויבענערער, רעליגיעז־מאָראַלישער. ווען מיר שוין מסתּמא קיינמאָל נישט משיג זיין די „הויכקייט" פֿונעם גויישן דעוויז: „בעסער העלדיש צו שטאַרבן איידער פּחדנותדיק צו לעבן", אָדער „בעסער צו שטאַרבן פֿריי איידער צו לעבן פֿאַרשקלאַפֿט". פֿיזיש זיך אונטערגעבן דעם שטאַרקן, מינערט נישט די חשיבות און הייליקייט פֿון אַ מענטשנס לעבן. ערשט ווען און וואו די דאָזיקע סכּנה קומט אויף, ווען שקלאַפֿעריי באַטייט גייסטיקע דערנידערונג און אומפֿרייהייט, דעמאָלט פֿאַרשטייט אַ ייד, בעסער ווי ווער נישט איז אויף דער וועלט, הכנעהדיק צו שטאַרבן, כּדי אַנדערע יידן זאָלן קענען הערליש לעבן, וואָס מיינט — זיך ראַנגלען פֿאַר ריינקייט און הייליקייט פֿון לעבן.

III.

פיזישער ווידערשטאַנד ביי אַמאָליקע און היינטיקע יידן

פאַראַן ביי אונדז נישט ווייניק בעלנים, וואָס זיינען מוכן ומזומן צו מאַכן עוואַנגעליש־קריסטלעכע אויספירן פונעם יידישן קדוש השם. און ווי גאָר אָפט, פעלשן אויך דאָ די פאַרטרעטער פון גייסטיקער, צו פיל גייסטיקער, יידישקייט איר אמתן גייסט, איר ריכטיקן פרצוף. די געטלעכע יידישע תורה איז געגעבן געוואָרן צו מענטשן און איז דעריבער דורכגעדרונגען מיט פולער דערקענטעניש פון דער וועלט, מיט איר גאַנצן שלעכטס, און פון דער מענטשלעכער נאַטור, מיט אַלע אירע שוואַכקייטן.

וואָלטן די קרבנות פון דער אינקוויזיציע און פון אַנדערע פריער־דיקע און שפּעטערדיקע גזירות געהאַט דעם מינדסטן שאַנס, די קלענסטע האָפענונג זיך צו ראַטעווען מיט געווער אין דער האַנט אָדער אָפּצושרעקן די פיינט, זיי זאָלן אויף אַנדערע יידן מער נישט האָבן קיין חשק אָנצופאַלן, וואָלטן זיי דאָס געווען געטאָן. האָבן זיי טאַקע דאָס געטאָן אין אַלע פאַלן, ווען ווידערשטאַנד האָט געקענט צו עפּעס פירן. זעט איר, וואָס אמת, איז אמת. אַנשטאָט צו ביילן די פויסטן אין אַן אָנמעכטיקן זשעסט פון „העלדישקייט", האָבן יידן געהאַלטן פאַר ווירדיקער און געהויבענער צו שטאַרבן מיטן שמע ישראל אויף די ליפּן. קריצן מיט די ציין און ווילד שרייען, וואָלט ביי אַ מענטשן געהאַט דעם זעלביקן מיין און דעם איינענעם עפעקט, ווי דאָס ברומען פונעם אָקס, וואָס מען פירט צו דער שחיטה. אויף אַן אינסטינקטיווער פיזישער רעאַקציע פונעם גוף, איז פעיק יעדער בעל־חי אין אַ מאָמענט פון לעבנס־סכנה. דורכן „אחד" אָבער האָט דער מענטשלעכער גייסט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע פליגלען און זיך אויפגעהויבן צו געטלעכע הימלישע הויכן.

אַ נישטיקע מינדערהייט, אַרומגערינגלט מיט שונאים, זיינען מיר אַמאָליקע ציטן בדרך כּלל גאָרנישט געשטאַנען פאַר דער ברירה צווישן ראַטעווען יידישע לעבנס דורך ווידערשטאַנד אָדער גיין פּאַסיוו דעם טויט אַנטקעגן. וואָלט דאָס געווען דער פאַל, וואָלט דער ייד

מחויב געווען זיך אנטקעגן צו שטעלן. זײַן אַלטערנאַטיוו איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערער: וואָס זאָל ער מקריב זײַן, דעם גוף אָדער די נשמה? און זײַן ענטפֿער ווייסן מיר.

אויך פֿיזישער כּוח, האָבן מיר געזען, קען באַקומען אַ גײַסטיקן תּיקון, אויב ער ווערט אָנגעווענדט מיט אַ העכערער כּוונה, אויב דער כּוח גופֿא איז אַן אויסדרוק פֿון געלײַטערטן מענטשלעכן ווילן און נישט קיין בלינדער אינסטינקטיווער רעפֿלעקס. האָבן יידן אַלע מאָל און אומעטום, וואו עס איז מעגלעך און נוצלעך געווען, זיך גענומען פֿאַרן וואָפֿן. דאָס לאַנד, פֿון גאָט אונדז צוגעזאָגט, האָט געמוזט אײַנגענומען ווערן מיט חיל. און הגם יהושוע איז געווען דער פֿירער פֿון דער דאָזיקער מלחמה, וואָס איז געווען אַ מלחמה ווי אַלע מלחמות אין יענע צײַטן, וואו מען האָט דעם פֿײַנט נישט געשאָנעוועט, האָט עס נישט אָפּגענומען בײַ אים דעם זכות, אַז איִם זאָל איבערגעגעבן ווערן די תּורה, וואָס משה רבנו האָט מקבל געווען פֿון באַרג סיני. און דוד המלך, וואָס אים שרײַבט די מסורה צו די אויטאָרנשאַפֿט פֿונעם תּהילים, דעם פֿרומסטן און הכנעהדיקסטן פֿון אונדזערע הייליקע ספֿרים, איז געווען יענער יידישער מלך, וואָס האָט געפֿירט מער מלחמות, ווי אַלע אַנדערע יידישע מלכים מיט די יידישע פֿיינט, מיט די פּלשתּים, עמון, מואב א״אַנד. און הגם עס שטייט געשריבן (דברי הימים א, כב: ח און כח: ג), אַז ווײַל ער האָט אַ סך בלוט פֿאַרגאָסן, האָט ער נישט זוכה געווען, אַז דורך אים זאָל דער בית־המקדש געבויט ווערן, איז אָבער פֿאַראַן אַן אגדה, וואָס זאָגט, אַז גאָט האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דוד המלך זאָל דעם בית־המקדש בויען, ווײַל אין זײַן זכות וואָלט ער געדאַרפֿט אייביק באַשטיין, בעת הקב״ה האָט פֿאַרויסגעזען, ווי ער זעט אַלץ פֿאָרויס, אַז צוליב יידישע זינד וועט ער אַמאָל מוזן צעשטערט ווערן (ילקוט שמעוני, שמואל ב, ז, ציטירט לויט דער אויסגאַבע פֿון פֿראַנקפֿורט בײַם מײַן פֿון שנת תמ״ז, דף כ״א, ב).

די מלחמות פֿון די חשמונאים, דעם גרויסן קאַמף פֿון די קנאים צום סוף פֿון בית שני און דעם אויפֿשטאַנד פֿון בר כּוכבא, וועט גענוג זײַן בלויז צו דערמאָנען, ווײַל גראָד וועגן דעם האָבן שוין גענוג גערעדט און געשריבן יענע, וואָס זעען יידישן ווידערשטאַנד בלויז אין די דאָזיקע געשעענישן. וועגן וואָס מען דאַרף אָבער יאָ לענגער

ריידן, דאָס איז וועגן דעם יידישן פּיזישן ווידערשטאַנד אין דעם גלות־פּעריאָד. מען האָט אַ סך באַשריבן און באַזונגען דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. געהערט ער בלי ספֿק צו די שיינע בלעטער פֿון דער לעצטער, אַזוי פֿינצטערער גזירה. מען האָט אָבער דערביי געוואָלט אַרויסרופֿן דעם איינדרוק, אַז בלויז די נייע פֿאָרמאַציע יידן איז ראוי געווען אַזעלכע העלדן־מעשים צו באַווייזן. משמעות, אַז אַ געוויסע קאַטעגאָריע יידן קען זיך נישט אָפּזאָגן פֿון דער מיאוסער רגילות, אַז בעת מען גיט אָפּ אַ כּשר פֿאַרדינטן כּבוד אַ קדוש פֿון אונדזער דור זאָל מען נישט אַ שטאָך טאָן פֿאַרבייגייענדיק דעם גלות־יידן מיטן „געבויגענעם רוקן". ווערט טאַקע כּדאַי זיין צו ציטירן די וויכטיקסטע פֿאַקטן פֿון פּיזישן יידישן ווידערשטאַנד זינט דעם גלות־אָנהויב, כּדי מען זאָל זען, אַז דער ייד, וואָס האָט געקענט שטאַרבן על קידוש השם, האָט אויך פֿאַרשטאַנען זיך צו שיצן און שלאָגן, ווען מען האָט באַדאַרפֿט און ווען דאָס איז צוועקמעסיק און באַרעכטיקט געווען.

וועלן מיר אָנהויבן מיטן גרויסן אויפֿשטאַנד אונטער טרויינוס קיסר, וואָס האָט אַרומגענומען די תּפֿוצות הגולה און זיך געצויגן כּמעט צוויי יאָר צייט (115—117). רוים האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ מלחמה, וואָס איר ציל איז געווען צו ברענגען אונטער איר קנאַפּל די פֿעלקער פֿון אַזיע, וואָס האָבן צו יענער צייט נאָך געגאָסן פֿון אַ געוויסער זעלבשטענדיקייט און פֿרייהייט. אין דעם מלכות פֿון די פּרתים, בפֿרט אין בבל, האָבן דעמאָלט זיך געפֿונען וויכטיקע יידישע ישובים. דער חורבן פֿון ירושלים האָט זיי איבערגעלאָזט אַ ביטערן פֿאַרגעשמאַק פֿונעם גורל, וואָס דערוואַרט יידן און יידישקייט אין די גלות־לענדער, וואָס וועלן אַרונטערפֿאַלן אונטער אדומס יאָך. האָבן יידן אין בבל זיך פֿאַראייניקט מיטן אָרטיקן פֿאָלק, זיך שטאַרק באַוואָפֿנט און צונויפֿגעשטעלט אַ קאָנטיקן יידישן חיל. נאָר אויב אין בבל האָבן די יידן געפֿונען שותּפֿים און זיינען נישט געבליבן אַליין אין פֿעלד, איז אָבער דער יידישער אויפֿשטאַנד אין די איבעריקע לענדער פֿון דער רוימישער הערשאַפֿט געווען פֿולשטענדיק איזאָלירט און יידן האָבן געמוזט זיך שלאָגן אויף צוויי פֿראָנטן: קעגן רוימישן חייל און קעגן דער אָרטיקער העלעניזירט־ראָמאַניזירטער באַפֿעלקערונג. פֿונדעסטוועגן האָט עס יידן נישט אָפּגעשראָקן. אָנגעהויבן

אין בבל, האָט זיך דער אויפֿשטאַנד אַריבערגעטראָגן קיין מצרים, סי־רענאַיקאַ און אויפֿן אינדזל קפּריסין, וואָס איז גראָד אין אונדזערע טעג געוואָרן טרויעריק־באַרימט ווי אַ תּפֿיסה פֿאַר די היינטיקע יידישע ווידערשטענדלער פֿון דער עליה ב׳. דער אויפֿשטאַנד אונטער טראַיאַנוס האָט יידן געקאָסט נישט ווייניק בלוט און דערפֿירט צום חורבן פֿון איינעם פֿון די גרעסטע דעמאָלטיקע גלות־צענטערס — אַלכּסנדריה של מצרים. די צאָל פֿון די יידישע קרבנות איז, משמעות, געווען גאָר אַ גרויסע, אָבער אויך זייערע פֿיינט זיינען נישט געשאָ־נעוועט געוואָרן. אַפֿילו אויב מיר זאָלן רעכענען פֿאַר אַ גוזמא דאָס עדות זאָגן פֿון געוויסע גריכישע היסטאָריקער, אַז בלויז אין קפּריסין אליין האָבן יידן אויסגעהרגעט איבער צוויי הונדערט טויזנט גויים, איז בכל אופֿן זיכער, אַז יידן האָבן אויף זייערע פֿאַרפֿאָלגער קיין רחמנות נישט געהאַט.[21]

די אָפּטע יידישע בונטן און אויפֿשטאַנדן אין ארץ־ישראל גופֿא נאָכן חורבן און אויך שפּעטער נאָכן דורכפֿאַל פֿון בר כּוכבא זיינען געגנוג באַוואוסט. געוועגדט זיינען זיי געווען לכתּחילה קעגן דער מערב־רוימישער און שפּעטער קעגן דער ביזאַנטישער אימפּעריע און זיך געצויגן פֿון צווייטן יאָרהונדערט ביז צום זיבעטן, ווען יידישע חיילות האָבן געהאָלפֿן די אַרמייען פֿון איסלאַם איינצונעמען דאָס לאַנד.

אָבער אויך אין די גלות־לענדער, אין שפּעטערדיקע צייטן, איז נישט אַדורך קיין איין גזירה, אַז יידן זאָלן נישט האָבן געפּרואווט זיך אַנטקעגנצושטעלן. שמעון בערנפֿעלד ברענגט לויט אַראַבישע מקורות, אַז בעת מחמד האָט אין יאָר 628 באַלאַגערט דעם יידישן ישוב אין חיבר, האָבן די יידן געקעמפֿט ווי די לייבן קעגן זיינע פֿאַנאַטי־זירטע באַנדעס און די שלאַכט האָט געדויערט גאַנצע צוויי חדשים.[22] אויפֿן גאַנצן אַראַבישן האַלב־אינדזל האָבן יידן זיך געפֿירט ווי זייערע ברידער אין חיבר. די, וואָס זיינען נישט געפֿאַלן אין שלאַכט, זיינען פֿאַרטיליקט געוואָרן דורך דער איסלאַמישער שווערד. שמד־פֿאַלן זיינען פֿאָרגעקומען זעלטן. דאָ זעט איר דעם מוסטער, וואָס חזרט זיך דערנאָך איבער כּמעט ביי אַלע שפּעטערדיקע גזירות אין אייראָפּע: יידן הויבן אָן פֿון ווידערשטאַנד און ערשט, ווען דער פּרואוו געלינגט נישט, ענדיקן זיי מיטן קלאַסישן יידישן קדוש השם.

די גזירות פֿון די קרייץ־טרעגער ווערן געוויינלעך באַטראַכט ווי אַ טיפּישער משל פֿון „פּאַסיוון" יידישן מאַרטירערטום. נעמען נעמט זיך דאָס מסתמא פֿון דער געוואַלדיק גרויסער צאָל יידישע קרבנות: גאַנצע קהילות אין די ריין־פּראָווינצן זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער ערד. נאָר די אויסערגעוויינלעך הויכע פּראָפּאָרץ פֿון קרבנות דערקלערט זיך פּשוט דערמיט, וואָס אין דייטשלאַנד איז דער גראַד פֿון יידישער פֿרומקייט געווען אַזאַ דערהויבענער, נישט לערך העכער ווי שפּעטער אין שפּאַניע, אַז שמד איז געווען אַ זעלטנ־קייט. אמת, ס'זיינען געווען פֿאַלן, ווען יידן זיינען אומגעקומען אָן שום פּרואוו פֿון ווידערשטאַנד. מסתמא דערפֿאַר, ווייל אַזאַ פּרואוו וואָלט געווען האָפֿענונגסלאָז, געווען אָבער אויך נישט ווייניק פֿאַלן פֿון פֿיזישן ווידערשטאַנד, הן פֿון יחידים, הן פֿון גאַנצע קהילות. געפֿינען מיר אין עמק הבכא אַ מעשה מיט איינעם שמואל בן יצחק פֿון מגנצא (מיינץ), אַ „איש גבור חיל", וואָס האָט אין אַ צוזאַמענ־שטויס מיטן פֿיינט איינער אַליין געהרגעט דריי אָנפֿאַלער.[23] און אַ פֿרומער כראָניקער פֿון יענער צייט דערציילט אָן ענלעכע געשיכטע מיט אַ יידישן בחור אין וואָרמס שמחה הכהן. מען פֿירט אים צום שמד צום עפּיסקאָפּ. געקומען אין פּאַלאַץ, האָט שמחה דערשטאָכן מיט אַ מעסער, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן, דעם עפּיסקאָפּס פּלעמעניק און נאָך צוויי פֿון זיינע מקורבים. וועט עס זיין מסתמא אַ סורפּריז און וועט קלינגען משונהדיק פֿאַר נישט ווייניק פֿון היינ־טיקע יידן דאָס, וואָס דער גאָטספֿאָרכטיקער כראָניקער ר' שלמה בר' שמעון זאָגט צום סוף פֿון זיין סיפּור, אַז דער בחור ר' שלמה הכהן האָט מיט דעם דערהרגענען דריי ערלים, ווי אויך מיט זיין טויט, מקדש השם געווען.[24]

דער אייגענער כראָניקער, ר' שלמה בר' שמעון, האָט אונדז איבער־געלאָזט אַ שילדערונג פֿון אַ מאַסן־ווידערשטאַנד קעגן די קרייץ־טרעגער אין דער ק"ק מגנצא. יידן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין בי־שאָפֿס הויף און פֿון גרויס ביז קליין זיך אָנגעטאָן פּאַנצערס און זיך באַוואָפֿנט מיט שפּיזן. און דער אָנפֿירער איז געווען נישט קיין אַנ־דערער, ווי דער פּרנס הקהל ר' קלונימוס בר' משולם. ערשט ווען די שטאָטישע איינוואוינער האָבן געעפֿנט די טויערן און אַריינגעלאָזט די שיכּורע באַנדעס און יידן האָבן געזען, אַז זיי זיינען פֿאַרלוירן,

האָבן אַ טייל זיך אַליין דאָס לעבן גענומען, זיי און זייערע פֿרויען און טעכטער, כּדי נישט אַרײַנצופֿאַלן אין די הענט פֿון די טמאים, און אַ טייל איז דערהרגעט געוואָרן.[25]

אין אַן אַנדער לאַנד, אין פֿראַנקרײַך, טרעפֿן מיר ווידער אַ פֿאַל פֿון ווידערשטאַנד פֿון אַ גאַנצער קהילה אין דער שטאָט קאַרענטאַן. די יידן האָבן זיך פֿאַרשפּאַרט אין אַ הויף און זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן אַ גאַנצער מחנה דײַטש־פֿראַנצויזישע קרייצפֿאָרערס און באַוויזן צו פֿאַרוואונדן און דערהרגענען אַ היפּשע צאָל, איידער זיי אַליין זײַנען סוף כּל סוף געפֿאַלן.[26] און נאָך מער פֿאַרוואונדערונג וועט מסתמא אַרויסרופֿן דער פֿאַקט פֿון ווידערשטאַנד פֿון פֿרומע יידן אין ארץ־ישׂראל קעגן די קרייצפֿאָרערס. בעת זיי האָבן אין 1099 יאָר זיך אַרײַנגעריסן אין ירושלים, האָבן יידן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ שול און דאָרט קעגן די באַנדיטן זיך פֿאַרטיידיקט. אַ סך ערנסטער איז געווען דער יידישער ווידערשטאַנד אין חיפֿה. די קרייצפֿאָרערס, דערצייילט אַלבערט מאַאַכן, האָבן באַלאַגערט די שטאָט הן פֿון דער יבשה, הן פֿון ים. די יידן זײַנען אַרויף אויף די שטאָט־מויערן און זיך ענערגיש פֿאַרטיידיקט מיט געווער. נאָך אַ פֿערצן־טאָגיקער פּעולה־לאָזער באַלאַגערונג און נאָך דעם ווי אַ היפּשע צאָל פֿון די רשעים האָבן זייער לעבן פֿאַרלוירן, זײַנען זיי בײַ זיך שטאַרק אַראָפּגעפֿאַלן און שוין זיך מייאש געווען בײַצוקומען די באַלאַגערטע. ערשט ווען איינער פֿון זייערע גרויסע שעפֿן, דער באַרימטער טאַנקרעד, האָט באַקומען אַ הבטחה אויף אַ גרויסער באַלוינונג פֿאַרן אײַננעמען די שטאָט, איז אים סוף כּל סוף געלונגען בײַצוקומען די באַלאַגערטע יידן און אַראַבער, אָבער ערשט נאָך אַ באַלאַגערונג, וואָס האָט געדויערט אַ חודש צײַט.[27]

מיטן סוף פֿון די קרייצצוגן האָבן גזירות קעגן יידן נישט אויפֿגעהערט. אין 1241 איז דער שטאָטישער המון אין פֿראַנקפֿורט בײַם מײַן באַפֿאַלן די יידישע געטאָ. יידן האָבן זיך דאָרט פֿאַרשלאָסן און זיך האַרטנעקיק פֿאַרטיידיקט מיט וואָפֿן אין די הענט. דעם ערשטן טאָג איז די באַנדיטן נישט געלונגען אַריינצורײַסן זיך אין געטאָ און זיי האָבן בײַ אירע טויערן איבערגעלאָזט אַ שפּאָר ביסל פּגרים. ערשט אויפֿן צווייטן טאָג האָבן זיי זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער יידן־גאַס און

דאָרט פֿאַרטיליקט די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג, חוץ אַ פּאָר צענד־ליק, וואָס האָבן זיך למראית עין געשמדט.[28]

בשעת דער אַזוי גערופֿענער גזירת רינדפֿלייש (דער בילבול פֿון דער האָסטיע־פֿאַרשוועכונג) האָבן אין יאָר 1298 יידן אין ראָטענבורג זיך פֿאַרשלאָסן אין דער שטאָט־פֿעסטונג און גאַנצע דריי טעג האָט זיך געצויגן די שלאַכט צווישן זיי און דעם המון באַנדיטן.[29] דאָס אייגענע איז געשען אין דעם שוין דעמאָלט באַרימטן נירענבערג.[30] שפּעטער, ווען עס איז אויפֿגעקומען דער בילבול פֿונעם „שוואַרצן טויט", וואָס האָט געדויערט גאַנצע דריי יאָר (1348—1350), האָבן יידן אויך אַרויסגעוויזן ווידערשטאַנד קעגן דעם צעיושעטן משוגע־געוואָרענעם המון. בפֿרט האָבן יידן אין מגנצא זיך מוטיק געשלאָגן און אויס־געהרגעט 200 גויים. אויך אין קעלן האָט דער צוזאַמענשטויס, וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אמתער שלאַכט, געדויערט דריי טעג.

אַז ס'איז שפּעטער, אין אָנהויב 14־טן יאָרהונדערט, געקומען אַ נייע גזירה, וואָס איז אין אונדזער געשיכטע פֿאַרבליבן אונטערן נאָמען „גזירת רועים", האָבן יידן אין אַ רייע ערטער אין נאַווארע, פּראָווואַנס און אַראַגאָן זיך מוטיק געשלאָגן מיט די פֿאַרווילדעטע פֿאַנאַטיזירטע פּאַסטעכער. אין מאָנרעאַל, נישט ווייט פֿון פּאַמפּעלאָנע, דערציילט ר' שלמה איבן ווירגא, האָבן יידן צעשלאָגן און פֿאַרטריבן אַ באַנדע פּאַסטעכער.[31]

בעת דעם „הייליקן קריג", וואָס די קירך אין שפּאַניע האָט דער־קלערט אַלע אַנדערש גלויביקע אין 1391, הונדערט יאָר פֿאַרן גירוש, האָבן יידן אין וואַלענסיע זיך פֿאַרטיידיקט קעגן דעם המון, וואָס איז אויף זיי אָנגעפֿאַלן מיטן לאָזונג: „שמד אָדער טויט", און דערהרגעט אַ היפּשע צאָל פֿון די אָנפֿאַלער.[32] און אַפֿילו אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער קירך, אין רוים, האָבן באַוואָפֿנטע יידן אין 1375 צוריק־געשטויסן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן אין געטאָ.[33]

היות ווי מזרח־אייראָפּע איז דאָס געבוירן־אָרט פֿונעם „מה יפֿית־ייד", איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אויך דאָרט האָבן יידן פֿאַרשטאַנען זיך אַנטקעגן צו שטעלן מיט געווער קעגן שונא. בשעת דער גזירת ת"ח האָבן אַלע יידן אין נעמיראָוו (צוליב צענזור־מאָטיוון האָט חיים נחמן ביאַליק, ווי באַוואוסט, גענומען נעמיראָוו ווי אַ פּסעוודאָנים

פֿאַר קישינעוו און דערמיט באַגאַנגען אַן עוולה קעגן נעמיראָוו), ווי עס דערציילט ר׳ נתן נטע האַנאָווער, מיט ווײַבער און קינדער זיך „פֿאַרקליבן אין דער ציטאַדעל־פֿעסטונג פֿון שטאָט, פֿאַרשלאָסן און פֿאַרריגלט די טויערן און זיך געגרייט צו האַלטן מלחמה״. און אויב זיי האָבן זייער פּלאַן נישט אויסגעפֿירט, איז דאָס געשען צוליבן פֿאַרראַט פֿון די שטאָטישע פּאָליאַקן, וואָס האָבן אָפּגענאַרט די יידן און זיי געהייסן עפֿענען די טויערן פֿאַרן פּוילישן חייל, בעת אין דער אמתן האָבן כמעלס קאָזאַקן זיך באַנוצט מיט פּוילישע פֿאָנען. אין דער קהילה קדושה טולטשין זײַנען יידן אַרײַן אין דער פֿעסטונג און צווישן זיי זײַנען געווען „מוטיקע שטרײַטער, געניטע אין פֿירן מלחמה״. פֿון דער פֿעסטונג פֿלעגן יידן צוזאַמען מיט פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפֿונען, „אַראָפּשיסן מיט פֿײַלן און ביקסן אויף די יוונים און געהרגעט אַ סך פֿון די יוונים. און די יוונים זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די יידן, און יידן האָבן זיך געשטאַרקט און האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געהרגעט פֿון זיי עטלעכע הונדערט מאַן״. אָבער אויך דאָס מאָל האָבן די פּאָליאַקן פֿאַרראַטן די יידן און זיי איבערגעענטפֿערט צום שונא. אין זאַסלאַוו זײַנען עטלעכע הונדערט יידן צוגעשטאַנען צום חייל, וואָס קיניג קאַזימיר האָט צונויפֿגענומען צו שלאָגן זיך מיט די קאָזאַקן. טויזנטער יידן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די דאָזיקע שלאַכטן.[34] די, וואָס האָבן ספֿקות אין דער באַגלויבטקייט פֿון נתן נטע האַנאָווערס דערציילונג וועגן דער באַלאַגערונג פֿון טולטשין, קענען געפֿינען אַ באַשטעטיקונג דערצו בײַ אַן אַנדערן מיטצײַטלער פֿון די דאָזיקע געשעענישן, ר׳ שבתי הכהן, דעם ש״ך.[35] אין לעמבערג — דוכט זיך, דער איינציקער פֿאַל — וואו די פּאָליאַקן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצוליפֿערן די יידן און זיך צו ראַטעווען פֿאַרן דאָזיקן פּרײַז, האָבן יידן צוזאַמען מיט זיי מוטיק געקעמפֿט און די שטאָט אָפּגעהיט. זעענדיק, אַז אײַננעמען די שטאָט איז נישט מעגלעך געווען, אָדער בכל אופֿן וואָלט דאָס געפֿאָדערט גרויסע קרבנות, האָבן די באַנדעס מסכּים געווען אָפּצוטרעטן פֿאַר אויסלייז־געלט.

בשעת די זעלנער פֿון צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש האָבן צוזאַמען מיט קאָזאַקן זיך אַרײַנגעריסן אין 1665 קיין ווײַסרוסלאַנד, האָבן יידן אין וויטעבסק גענומען אַן אַקטיוון חלק אין דער פֿאַרטיידיקונג

פֿון דער שטאָט.[36] און בעת דער צורר גאָנטאַ איז אין 1768 געשטאַנען ביי די טויערן פֿון אומאַן, האָבן יידן מיט געווער פֿאַרטיידיקט די שטאָט צוזאַמען מיט פּאָליאַקן. אָבער נישט צום ערשטן און נישט צום לעצטן מאָל האָבן זיי געפּעלשט אין זייערע וואָפֿן־ברידער און שלום געמאַכט מיטן שונא אויפֿן חשבון פֿון די יידן. נאָר אפֿילו נאָך אָט דעם פֿאַרראַט, ווען די יידן זיינען שוין געבליבן עלנט און אַליין, האָבן זיי זיך פֿאַרזאַמלט אין שול און געקעמפֿט קעגן די הײַדאַמאַקעס מיט מעסערס און קינזשאַלן. די שול איז געפֿאַלן ערשט דעמאָלט, ווען דער שונא האָט אָנגעהויבן שיסן פֿון האַרמאַטן. פֿאַר יידן איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך דאָס לעבן צו נעמען און אומקומען על קדוש השם.[37] אין יאָר 1687 האָט אַ באַנדע פֿון אייניקע טויזנט כוליגאַנעס אַטאַקירט דעם יידישן קוואַרטאַל פֿון פּויזן. דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָבן יידן זיך פֿאַרטיידיקט און עס איז זיי געלונגען די באַנדיטן צו פֿאַרטרײַבן. צום אָנדענק פֿון דאָזיקן „נס", האָט מען מתקן געווען אַ ספּעציעלע תּפֿילה, וואָס פֿלעגט געזאָגט ווערן אין דער פּויזנער שול ה' כסלו.[38] איר זעט בכן, אַז יידן האָבן מתפּלל געווען און געדאַנקט דעם רבונו של עולם דערפֿאַר, וואָס ער האָט געבענטשט זייער געווער אין דער שלאַכט מיטן פֿײַנט. אַז אַ המון פֿון פּוילישע בעל־מלאָכות האָט אין מאַי 1790 געפּרואווט זיך ארײַנרײַסן אין די יידישע גאַסן פֿון וואַרשע, האָבן יידן, לויט אַ פּוילישער כראָניק, זיך אַנטקעגן געשטעלט און אַזוי אַרום זייער לעבן געראַטעוועט.[39]

חוץ די אויבן ציטירטע פֿאַקטן, בין איך זיכער, אַז מען וואָלט געקענט ברענגען נאָך כהנה וכהנה. יידן האָבן גוט געוואוסט, אַז באַנוצן געווער, כּדי צו שיצן זיך קעגן דעם שונא, איז נישט בלויז מותר, נאָר אַ בפּירושע מצווה, וואָס אַ ייד דאַרף מקיים זײַן. אם בא להורגך, השכם להרגו — איז מן התּורה (סנהדרין עב, א.). דער פֿאַקט גופֿא, וואָס פֿרומע יידן „באַנק־קוועטשער", גמרא־לערנער און תּהילים־זאָגער האָבן געוואוסט ווי אַזוי מיט געווער אַרומצוגיין און געהאַט גרייט וואָפֿן, איז אַ רמז אויף דעם, אַז אַ יידישע זעלבסטשוץ האָט שוין אין אַמאָליקע צײַטן עקסיסטירט צווישן יידן און איז נישט קיין דער־פֿינדונג פֿון אונדזער לעצטער עפּאָכע. וואָס דאַרפֿט איר מער? אפֿילו אין ספֿר חסידים, איינער פֿון די פֿרומסטע ספֿרים פֿונעם מיטלעלטער,

וואָס איז אָנגענומען געוואָרן בײַם גאַנצן אַשכּנזישן קיבוץ, געפֿינט איר אַ ריי פּראַקטישע עצות ווי אַזוי זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן אָנפֿאַל פֿון די גוייִשע רשעים. עס איז אַ סברה, אַז אין 14־טן יאָרהונדערט האָבן יידן אין דײַטשלאַנד, די פֿרומסטע יידן פֿון יענער צײַט, מיט התמדה געלערנט די מלחמה־קונסט און די פֿאַבריקאַציע פֿון כּלי־זין. אין דער מינכענער ביבליאָטעק געפֿינט זיך אַ „פֿײַערווערק־בוך" (וועגן אַרטילעריע) געשריבן מיט אותיות מרובעות. דער אימפּעראַטאָר רודאָלף דער צווייטער האָט אין 1607 אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט, וואָס פֿאַרווערט קריסטלעכע מײַסטערס צו לערנען מיט יידן די קונסט פֿון פֿעכטן. משמעות, אַז צווישן יידן זײַנען שוין דעמאָלט געווען בעלנים אויף דעם.[40]

נאָר אויב די פֿאַקטן פֿון יידישער זעלבסטשוץ אַמאָל זײַנען נישט ווייניקער, אויב נישט מער, צאָלרײַך ווי אין אונדזער נײַער תּקופֿה, איז אָבער יאָ פֿאַראַן אַ גרויסער חילוק אין דער באַציאונג צו די דאָזיקע פֿאַקטן אַמאָל און הײַנט. אין דער דאָזיקער אַנדערשקייט ליגט די דערקלערונג, פֿאַרוואָס די לעגענדע וועגן דער נישט־פֿעיקייט פֿון אַמאָליקע יידן צו ווידערשטאַנד האָט זיך געקענט פֿאַרשפּרייטן. אַז איר לייענט די אַלטע כראָניקעס און פּינקסים וועגן אַמאָליקע גזירות, וועט איר טאַקע פֿון צײַט צו צײַט דאָרט טרעפֿן דערציילונגען וועגן אָרגאַניזירטער יידישער זעלבסטשוץ און נישט אָרגאַניזירטער פֿאַרטיידיקונג. איר וועט אָבער דאָרט נישט באַגעגענען קיין גלאָריפֿיצירונג פֿון דעם אַקט גופֿא פֿון פֿיזישער פֿאַרטיידיקונג. נישט די גבורה רופֿט אַרויס די התפּעלות פֿונעם כראָניקער, נאָר די קדושה, וואָס פֿירט צו איר, דער גײַסט, וואָס מאַכט דעם פֿיזישן כּוח פֿאַר זײַן געהאָרכזאַמען אינסטרומענט און קען דעם קליינעם דוד מאַכן שטאַרקער פֿאַר דעם ריז גלית. יידן האָבן זיך פֿאַרטיידיקט נישט צו ראַטעווען דעם גוף, נישט ווײַל צווישן לעבן און טויט האָבן זיי אויסגעקליבן לעבן, ווי דאָס וואָלט געטאָן יעדער מענטש און יעדער בעל־חי. זיי האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט נישט כּדי צו לעבן גלאַט אַזוי און בײַ אַלע אומשטענדן. דאָס וואָלטן זיי געקענט לײַכט דערגרייכן, אָן שום אָנשטרענגונג און אָן קרבנות. וואָס זיי האָבן געוואָלט, איז געווען אַ לעבן אין ריינקייט און הייליקייט. איז דאָס זיי נישט געלונגען דורך ווידערשטאַנד, האָבן זיי זייער לעבן מקריב געווען. זײַנען טאַקע די,

וואָס האָבן זייער לעבן פאַרטיידיקט, און די, וואָס האָבן דאָס נישט גע־קענט טאָן — גלײַכע קדושים, ווארעם דער גײַסט, וואָס האָט געפירט מיט זייער פיזישן יאָ־טאָן און נישט־טאָן, איז געווען דער אייגענער.

*

מיר האָבן געזען, אַז ס׳זײַנען פאַראַן צוויי טעמים, פאַרוואָס די לעגענדע וועגן יידישער פחדנות האָט געקענט, נישט געקוקט אויף איר פולער גרונדלאָזיקייט, באַקומען קרעדיט בײַ מאָדערנע יידן. ראשית דערפאַר, וואָס זיי האָבן איבערגענומען, ווי זי שטייט און גייט, די העלדישקייט השגות פון די אומות העולם. והשנית דערפאַר, וואָס אמאָליקע יידן, ווײַל זיי האָבן נישט „געמאַכט קיין צימעס" פון די גאָר אָפטע טאַטן פון פיזישן ווידערשטאַנד, וואָס זיי האָבן יאָ אַרויסגעוויזן, האָבן נישט געזען קיין גרונד מיט זיי זיך גרויס צו האַלטן און אַלע פּרטים צו פאַרשרײַבן און צו פאַראייביקן.

פאַראַן אָבער נאָך אַ טעם, וואָס האָט אין דער נײַער תּקופה גע־קענט שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז יידישע טראַדיציע דערלאָזט בכלל נישט קיין פיזישן ווידערשטאַנד בײַ קיין שום באַדינגונגען. און דאָס איז דער קלײנער אַנטייל פון די פירער פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט אין דער נײַער עפּאָכע פון אונדזער געשיכטע אין דער באַוועגונג פון יידישער זעלבסטשוץ. עס איז אַ פאַקט, באַוואוסט יעדערן, וואָס האָט זיך מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם פאַרנומען, אַז אָנהויבנדיק מיטן סוף 19־טן יאָרהונדערט, האָט זיך די איניציאַטיוו פון יידישן פיזישן ווידערשטאַנד קעגן אָנפאַלן און פּאָגראָמען על פּי רוב געפונען אין די הענט פון היינטוועלטיקע יידן. די אָרגאַניזאַציע פון יידישער זעלבסטשוץ איז געווען דער פאַרדינסט פון די נײַ־אויפגע־קומענע יידישע שטרעמונגען: דער ציוניסטישער און סאָציאַליסטי־שער, וואָס אונטער ביידנס השפּעה האָבן די יידישע מאַסן זיך געפונען.

דאָ זעען מיר דעם ערשטן אָנזאָג פון נײַע שפּראָצונגען פון יידישער קדושה. אָבער געהיימע קאַנאַלן פירן זיי צוריק צום אַלטן יידישן שורש — צו די סאָציאַלע וויזיעס פון דער יידישער נבואה, צום אַלטן גאולה־טרוים און צו דער גלאָריע פון יידישן קדוש השם. און אויב פירער פון טראַדיציאָנעלן יידנטום האָבן די דאָזיקע היי־ליקייט־פונקען נישט באַמערקט און זיך געהאַלטן פונדערווײַטנס

פֿונעם נײַעם ייִדישן גײַסטיקן אויפֿברויז, אויב זיי האָבן מיט חשד געקוקט אויף ייִדישער זעלבסטשוץ, איז דאָס איינער פֿון די סימנים פֿונעם פֿאַלן פֿון דער השפּעה פֿון די אָפּיציעלע פֿאַרטרעטער פֿון דער ייִדישער פֿרומקייט אויפֿן ייִדישן לעבנסגאַנג. דערמיט אַליין האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער פֿירנדיקער ראָלע, וואָס ייִדישקייט האָט פֿריער געשפּילט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון ייִדישן יחיד און פֿון ייִדישן כּלל. די פֿירערשאַפֿט פֿון ייִדישן ציבור האָט זיך במילא, וואָס ווײַטער אַלץ מער, ארויסגעגליטשט פֿון זייערע הענט.

אויב מיר טרעפֿן נישט קיין אָפּיציעלע פֿאַרטרעטער פֿון די טראַ־דיציאָנעלע ייִדן אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער מאָדערנער ייִדישער זעלבסטשוץ, הייסט עס אָבער כּלל נישט, אַז פֿרומע ייִדן האָבן זיך אין איר נישט באַטייליקט. שריפֿטלעכע מאַטעריאַלן וועגן ייִדישער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד זײַנען פֿול מיט פֿאַקטן, וואָס באַווײַזן, אַז אין דער מחנה פֿון די אַקטיווע פֿאַרטיידיקער פֿון ייִדישע לעבנס און ייִדישן האָב און גוטס האָבן זיך געפֿונען פֿרומע ייִדן אין קאָנטיקע צאָלן. לייענט, למשל, די זכרונות פֿון בן עמי, איינעם פֿון די אָרגאַני־זאַטאָרן פֿון דער ייִדישער זעלבסטשוץ אין אָדעס אין 1881. דערציילט ער, אַז דעם וואַרעמסטן אָפּרוף האָבן זיי געטראָפֿן צווישן „עמך" אין די אָרעמע בתּי־מדרשים. פֿאַרקערט, האָבן זיי גוט געוואוסט, אַז אין די רײַכע הײַנט־מאָדישע „טעמפּלען" האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו זוכן."

אויך אין ארץ־ישׂראל, דאָרט, וואו דער ייִדישער פֿיזישער ווי־דערשטאַנד האָט אָנגענומען אַ נישט לערך גרעסערן פֿאַרנעם ווי אין די גלות־לענדער, האָבן טראַדיציאָנעלע ייִדן גענומען אַ חלק הן אין דער אידעאָלאָגישער צוגרייטונג, הן אין דער אויספֿירונג פֿון ייִדישן ווידערשטאַנד. שוין ר' צבי הירש קאַלישער האָט אין זײַן דרישת ציון, 1862, געזאָגט, אַז איינע פֿון די וויכטיקסטע תּנאים פֿאַרן דער־פֿאָלג פֿון ישוב ארץ־ישׂראל איז די צוגרייטונג פֿון די שומרים, וואָס זאָלן האָבן אַ מיליטערישע אויסבילדונג. און ר' יחיאל בריל, דער רעדאַקטאָר פֿון דער פֿרומער צײַטונג „הלבנון", האָט 1869 גע־פֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר זעלבסטשוץ צווישן די ייִדן אין ארץ־ישׂראל. נאָך נאָך אין אַ פֿריערדיקער צײַט, אין 1834, זעען מיר ווי אין דער באַרימטער שטאָט פֿון די מקובלים, אין צפֿת, האָבן צוויי רבנים,

איינער אַן אַשכּנזישער, דער צווייטער אַ ספרדישער חכם, נישט האָבנ־דיק קיין וואָפן, מיט שטיינער זיך פאַרטיידיקט קעגן אַ ווילדן אַראַ־בישן המון. אַזאַ טיפּישער פאַרטרעטער פון אַלטן ישוב, ווי ר׳ „אריה נאמן״, דער מזכיר פון דעם פּרושים כולל, איז באַוואוסט געווען מיט אַקטיוון אַנטקעגן שטעלן זיך קעגן אַראַבישע און אַרמענישע אָנפאַלער אויף יידן."

אַ פיינע אילוסטראַציע הן צו דעם מיסטרויען פון אונדזער יונגן דור צו דער ווידערשטאַנד־פעיקייט פון דעם טראַדיציאָנעלן יידן, הן פון דעם לעצטנס אָנערקענונג פונעם פּרינציפּ פון יידישן ווידערשטאַנד, געפינען מיר אין דער באַשרייבונג פון יוסף טרומפּעלדאָר, וואָס איז נוגע דער פאַרמירונג פון יידישן לעגיאָן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. איין טאָג, דערציילט ער, באַווייזן זיך אין דער רעקרוטירונג־ביוראָ ביי אַלכּסנדריה אַ חסידישער יונגערמאַן אין דער באַגלייטונג פון זיין פאָטער. די לעגיאָנערן רינגלען זיי אַרום און קענען זיך ניט איינהאַלטן פון אַ דיסקרעטן שמייכל איבער דעם בחורס לאַנגע פּאות, זיינע טראַדיציאָנעלע יידישע מלבושים און זיין שוואַכן קערפּערלעכן בוי. דער טאַטע מאַכט זיך נישט וויסנדיק פון די אָפּשפּאָטער און פרעגט, ווי נישט אים מיינט מען, וואו פאַרשרייבט מען זיך דאָ אין יידישן לעגיאָן. און אַז מען פירט זיי אַריין צו טרומפּעלדאָרן, ווענדט זיך צו אים דער אַלטער בזה הלשון: מיין זון וויל גיין מלחמה האַלטן פאַר ארץ־ישראל, נעמט אים אַריין אין אייער מחנה. מיר זיינען געווען חלוקה־יידן און מענטשן פון אייער שניט מיינען אוודאי, אַז נאָר די חלוקה איז אונדזער חלק און נאָר זי איז אונדז טייער. אָבער דאָס איז גאָרנישט אַזוי. מיין זון וויל גיין אויף מלחמה אין גאָטס נאָמען און וועט אָפּגעבן זיין בלוט, אויב דאָס וועט נויטיק זיין. און דעמאָלט וועט איר זען, אַז ארץ־ישראל איז אונדז נישט ווייניקער טייער ווי אייך אַליין. ער געזעגנט זיך דערנאָך מיטן זון, קושט אים, נעמט אים אַרום און גיט אַפילו קיין קוק נישט, וואָס אַרום אים טוט זיך. און דער דאָזיקער שוואַכער ישיבה־בחור האָט זיך, ווי טרומפּעל־דאָר דערציילט, דערנאָך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמתן העלד."

אַז דער ישיבה־בחור איז נישט געווען קיין צופעליקער עקזעמ־פּלאַר, באַווייזט דער לערך קאָנטיקער חלק, וואָס די פרומע יידישע יוגנט פון אונדזערע טעג האָט אין דער מעפּילים־באַוועגונג און אין

דער הגנה, וואָס ביידע געהערן זיי צו די שענסטע גבורה־קדושה־בלעטער פֿון דער לאַנגער און הייליקער יידישער געשיכטע.

*

יידישער ווידערשטאַנד, גײַסטיקער און פֿיזישער, איז במשך פֿון אַט דער געשיכטע, נישט גערעכנט דעם קורצן פּעריאָד פֿון אָפּ־געשוואַכטקייט און פֿאַרלוירנקייט, תּמיד געגאַנגען צוזאַמען. האָט טאַקע די יידישע זעלבסטשוץ אין איר נײַער פֿאָרמאַציע געפֿונען דעם געהעריקן באָדן פֿאַר איר וואוקס און אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל, אין אונדזער היימלאַנד און אינאיינעם דערמיט דאָס לאַנד פֿון יידישער הייליקייט. און אין דער צווייטער ריי — אין יענע גלות־לענדער, וואו די גאַנצע אַטמאָספֿער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט יידישער טראַדיציע. אונטערן דרוק פֿון אַט דער אַטמאָספֿער האָבן אויך געלעבט די אַזוי גערופֿענע „פֿרײַע" יידן, פֿאַרשטייט זיך, בלויז די, וואָס האָבן מיטן פֿאָלק און מיטן לעבנסשטייגער, מיט זײַן שפּראַך, מיט זײַנע זכרונות און מיט זײַנע האָפֿענונגען נישט איבערגעריסן. צי האָבן זיי דערבײַ „געלייקנט שטיין און ביין" און לפֿנים קיין מגע און משא מיט יידישקייט נישט געוואָלט האָבן, האָט, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקענט אָפּטעמפּן זייערע טיפֿערע יידישקייט־עמאָציעס. „פֿרומע" און „פֿרײַע" האָבן נאָך אַלעמען געלעבט אין דער אייגענער ציוויליזאַציע און זײַנען נישט געווען אָפּגעזונדערט דורך אײַזערנע ווענט. אויב אין סאָציאַלן לעבן גילט נישט דער פֿיזישער געזעץ, לויט וועלכן די פֿליסיקייט אין צוויי קאָמוניקירנדיקע געפֿעסן מוז קומען אין ביידע אויפֿן גלײַכן ניוואָ, איז אָבער אויך דאָ פֿאַראַן אַ קעגנווירקונג פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן, אַ קעגנזײַטיקע השפּעה. זײַנען טאַקע די פֿרומע יידן פֿון דער לעצטער תּקופֿה נישט מער דאָס, וואָס זייערע עלטערן זײַנען געווען אין אַמאָליקע צײַטן. זײַנען אָבער, פֿון דער אַנדערער זײַט, אויך די „פֿרײַע" יידן אין די מזרח־לענדער נישט אויפֿגעפּרעסן געוואָרן פֿון דער אַסימילאַציע־פֿוילעניש, ווי דאָס איז געשען אין מערב־אייראָפּע, וואו די ירידה פֿון טראַדיציאָנעלער יידישקייט איז געגאַנגען פֿון קאַטאַסטראָפֿע צו קאַטאַסטראָפֿע און קיין נײַע פֿאָרמען פֿון אַ פֿולן יידישן לעבן זײַנען נישט אויפֿגעקומען. די אַסימילאַציע האָט דאָרט געבראַכט מיט זיך, און זי מוז דערצו פֿירן אומעטום, אַ גײַס־

טיקע אָפּשוואַכונג פֿונעם יידישן מענטשן ביז צו אַ מאָראַלישער דע־גראַדאַציע פֿון שוואַכערע כאַראַקטערס. מען קען נישט לייקענען, אַז אויך אין מזרח האָבן זיך באַוויזן סימנים פֿון ירידה, ווי אַ רעזול־טאַט פֿון שטייגנדיקע אַסימילאַציע־כוואַליעס, סימנים, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין טראַגישע פֿאָרמען בעת דער לעצטער שרעקלעכער גזירה, וואָס וועגן איר ווען מיר נאָך ריידן. אָבער דאָך האָט דאָרט די גאַנגרענע זיך נישט פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן פֿאָלקס־אָרגאַניזם.

עס איז טאַקע גאָרנישט קיין צופֿאַל, וואָס דאָס וויגעלע פֿון יידישער זעלבסטשוץ אין גלות איז געשטאַנען אין מזרח, אַז פֿון דאָרט זיינען אַרויסגעקומען די יידישע נקמה־נעמער, ווי אַ דאַשעווסקי, שוואַרצ־באַרד, אַ גרינשפּאַן און אַ פֿראַנקפֿורטער (אַגב די לעצטע צוויי — פֿרומע יידישע יונגעלייט). און פֿאַרקערט, געפֿינען מיר אין מערב קיין שום שפּורן נישט פֿון יידישן ווידערשטאַנד (סיידן צווישן די איינגעוואַנדערטע מזרח־יידן אָדער אונטער זייער ווירקונג), הגם אויך דאָרט זיינען געווען אָנפֿאַלן און כמעט פּאָגראָמען אויף יידן, ווי אין אָנהויב פֿון די אַכציקער יאָרן אין פּרייסן און בעת דער דרייפֿוס־אַפֿערע אין פֿראַנקרייך, שוין אָפּגערעדט פֿון היטלערישן פּעריאָד ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

היוצא מדברינו: נישט נאָר איז אויסגעטראַכט די סתירה צווישן יידישער קדושה און גבורה, אויסגעטראַכט פֿון יענע, וואָס באַגרייפֿן אינגאַנצן נישט די ערשטע און זעען נישט די נשמה־חיה פֿון דער לעצטער. אָבער עס איז אָפֿילו נישט ריזיקאַליש צו זאָגן, אַז די יידישע גבורה געפֿינט זיך אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרץ צו יידישער קדושה, אין אַלע אירע פֿאָרמען און געשטאַלטן, אַמאָליקע און היינ־טיקע. וואָס הייליקער און וואָס יידישלעכער אַ יידישע מחנה איז, אַלץ העכער איז איר פֿאַרטיידיקונגס־פּאָטענציאַל, אַלץ שטאַרקער איז איר ווידערשטאַנד־פֿעיקייט. און אויך דאָס פֿאַרקערטע איז ריכטיק. און וועגן דעם טאַקע וואָלטן יידן, וואו זיי זאָלן נישט זיין, געדאַרפֿט זיך גוט פֿאַרטראַכטן.

רעפֿערענצן

[1] Pierre Fernessol, *De la civilisation chrétienne.* Paris, 1945, p. 98.

[2] Edward Gibbon, *Decline and Fall of the Roman Empire.* New York, Chap. XVI.

[3] Hippolyte Delahaye, *Les origines du culte des martyrs.* Bruxelles, 1912, pp. 458-459.

[4] M. M. Gorce, *Le christianisme dans le monde romain. Histoire générale des réligions.* Paris, 1947, p. 271.

[5] Henri Brocher, *Le mythe du héros et la mentalité primitive.* Paris, 1932, pp. 30-31, 36-37.

[6] Marie Delcourt, *Légendes et cultes de héros en Grèce.* Paris, 1942, pp. 39, 43, 52-53.

[7] Erwin Rhode, *Psyche.* Kroeners Taschenausgabe, pp. 90-91, 94.

[8] Marie Louise Sjoestedt, *Dieux et héros des Celtes.* Paris, 1940, pp. 79-108.

[9] Buslaiew, *Russkaia chrestomatia.* Moskwa, 1912, pp. 386-408.

[10] L. Jeudon, *La morale de l'honneur.* Paris, 1911, p. 119.

[11] Thomas Carleyel, *On heroes, hero-worship and the heroic in history.* Oxford University Press, pp. 47, 53.

[12] **אַ פֿולן איבערבליק איבער די ייִדישע גיבורים־לעגענדעס קען דער לייענער געפֿינען בײַ לואיס גינצבערג אין זײַן בוך:**

The Legends of the Jews, The Jewish Publication Society of America, vol. I, pp. 114, 125-127, 148, 151; vol III, pp. 268-270, 273-275, 340, 345-346; vol. V, p. 155; vol. VI, pp. 94, 117, 120.

[13] **דאָס ציטירטע ווערק פֿון לואיס גינצבערג, באַנד 1, זײַט 232 און באַנד 5, זײַט 225.**

[14] ספר האגדה, כרך ראשון, חלק ראשון, מהדורה חדשה. תל־אביב תש״ו, ע״ע מ־נב.

[15] בראשית רבה, **פרשה צ״ח און צ״ט.**

[16] **זע דאָס וואָרט סאַמאָאוביסטוואָ (זעלבסטמאָרד) אין דער** רוסיש־ייִדישער ענציקלאָפּעדיע, **באַנד דרײַצן.**

[17] A. J. Festugière, *La sainteté.* Paris, 1943, pp. 73, 82.

[17] א. שני לוחות הברית, עניני תפילה וקריאה בספר תורה, דף פ״ה, א. (לויט דער ווארשעווער אויסגאבע, 1862).

[18] חשמונאים ב, ו.

[19] ציטירט לויט ישראל היילפרין, ספר הגבורה, חלק א. תל־אביב, תש״א, ע׳ 90.

[20] ספר חסידים, עפ״י נוסח כתב יד אשר בפארמא עם הגהות וכו׳ מאת יהודה הכהן וויסטינעצקי סימן ר״ס, פראנקפורט תרפ״ד.

[21] S. Dubnow, *Weltgeschichte des jüdischen Volkes,* B. III, S. 50.

[22] שמעון ברנפלד, ספר הדמעות, כרך ראשון. ברלין תרפ״ד, ע׳ קבה.

[23] ציטירט לויט דער אויסגאבע פון האחים לוין אפשטיין. ירושלים, ע׳ לא.

[24] ברנפלד, שם, ע״ע קנה־קנו.

[25] שם, ע״ע קסב־קסד.

[26] גזירת תתק״ו לרבי אפרים בר׳ יעקב מבונא, עמק הבכא, ציטירטע אויסגאבע ע׳ קמו.

[27] ציטירט לויט בן ציון דינבורג, ישראל בגולה, ספר ראשון, ירושלים תרצ״א, ע״ע 129־130.

[28] ברנפלד, שם, ע״ע רצה־רצו.

[29] ברנפלד, שם, חלק שני, ע״ע לח־לט.

[30] Dubnow, B. V., S. 175.

[31] שבט יהודה, סימן ו, אויסגאבע פון וויענער, הנובר תרט״ו. לויטן עמק הבכא, ע׳ נג, האבן יידן אויסגעהרגעט 170 פון די פאסטעכער.

[32] Dubnow, B. V, S. 261.

[33] Dubnow, B. VI, S. 120.

[34] יון מצולה, ציטירט לויט דער יידישער איבערזעצונג פון וו. לאצקי־בערטאלדי, ארויסגעגעבן פון ייוו״א, ווילנע 1938, זז׳ 28, 31־33, 63, 72.

[35] זע זיין מגילת עפה, ביילאגע צו דער ציטירטער אויסגאבע פון שבט יהודה, ע׳ 136.

[36] Dubnow, B. VII, S. 34.

[37] Dubnow, B. VII, S. 164-5.

[38] Dubnow, B. VII, S. 102-03.

[39] ספר הגבורה חלק ב, ע׳ 3.

[40] M. Ginsburger, *Les juifs et l'art militaire au moyen age.* R. E. J., tome LXXXVIII, No. 176, pp. 156-165.

[41] ספר הגבורה, שם, ע׳ 71.

[42] שם, ע״ע 106, 107, 114, 115.

[43] מורשת גבורה, ליקט וסידר זרבבל. ירושלים תש״ז. ע״ע 91־190.

גזירת ת"ש-תש"ה

מקורים

פֿאַר מײַן אַרבעט וועגן גזירות ת״ש—תש״ה האָבן מיר געדינט טײלווײַז פּערזענלעכע אײַנדרוקן פֿון יידישן לעבן און פֿון יידישע מענטשן אין פֿראַנקרײַך אין די יאָרן 1940—1942, צום טייל אַ שטודיע־רײַזע אין דײַטשע לאַגערן, וואָס איך האָב געמאַכט זומער 1947 און וואו איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו ריידן מיט צענדליקער יידן, וואָס האָבן די חורבן־יאָרן פֿאַרבראַכט אין געטאָס, אין קאַצעטן און צווישן די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. חוץ לזה האָב איך אויסגענוצט אַ היפּשן געדרוקטן מאַטעריאַל. נישט קענענדיק פּויליש, האָלענדיש און שוועדיש, האָב איך געוויסע ביכער, וואָס זיינען אַרויס אויף די דאָזיקע שפּראַכן און נישט איבערגעזעצט געוואָרן, נישט געקענט באַנוצן.

די מיינסטע ביכער, וואָס זיינען אָנגעגעבן אין דער ביבליאָגראַפֿיע, זיינען צונויפֿגעשטעלט פֿון זכרונות און גבית־עדות פֿון מענטשן, וואָס האָבן אַליין די שרעקלעכע יאָרן איבערגעלעבט אָדער געשריבן אויפֿן סמך פֿון זייערע דערציילונגען. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלץ, וואָס איז געדרוקט, איז פֿאַרלאָזלעך. סתּירות צווישן איינצלנע מחברים טרעפֿט מען גאָר אָפֿט. פֿאַראַן אויך נישט ווייניק טענדענציעזע באַשרײַבונגען. און ווי פֿלײַסיק מען זאָל נישט קאָנטראָלירן די געדרוקטע מאַטעריאַלן און ווי פֿאָרזיכטיק מען זאָל זיך מיט זיי נישט באַנוצן, ווייס איך וואויל, אַז מען קען אַרײַנפֿאַלן אין גרײַזן. איך מוז אָבער זאָגן, אַז מײַן ציל איז נישט געווען צו שרײַבן די געשיכטע פֿון די חורבן־יאָרן. מײַן אויפֿגאַבע איז געווען אי אַ לײַכטערע, אי אַ שווערערע: צו שאַפֿן פֿאַר זיך און איבערגעבן אַנדערע אַן אַלגעמיינע פֿאָרשטעלונג וועגן דער ווירקונג פֿון די דײַטשע גזירות אויף דעם מענטשן בכלל, אויפֿן יידישן מענטשן בפֿרט. קען זייער געמאָלט זײַן, אַז איך האָב מער פֿון אַלץ געזען יענע דערשײַנונגען, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעפּאַסט

אין מײַנע אַלגעמיינע אידייען וועגן מענטשן און יידן פֿון אונדזער עפּאָכע, און פֿאַרזוען, אָדער נישט געשאָנקען געגנוג אויפֿמערקזאַמקייט צו אַנדערע, ווײַל זיי זײַנען מיר אינערלעך פֿרעמד און ווײַט. פּרעטענדיר איך נישט אויף פֿולער אָביעקטיוויטעט און האַלט זי אַפֿילו פֿאַר לחלוטין נישט מעגלעך, בעת מען טראַכט און מען שרײַבט וועגן אַזוינע נאָענטע און ווייטיקדיקע געשעענישן. איך קען אָבער מיט אַ רואיקן געוויסן זאָגן, אַז בכּיוון האָב איך קיין פֿאַקטן, ווי ווײַט זיי זײַנען מיר באַקאַנט, נישט איגנאָרירט און נישט פֿאַרשלייערט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פֿאַר דער סאַמע אַרבעט האָבן מיך סטימולירט געוויסע אַלגעמיינע אידייען, האָב איך אין משך פֿון מײַן אַרבעט און בעת מײַנע איבער־טראַכטענישן איבער דער ביטערער טעמע גאָר אָפֿט מאָדיפֿיצירט אַ רייע געדאַנקען מײַנע, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרואוו פֿון נײַע פֿאַקטן און עדות־זאָגן, וואָס זײַנען צו מיר דערגאַנגען.

וועגן יידן אין די גזירה־יאָרן האָב איך זיך דער עיקר באַנוצט מיט העברעישע און יידישע שריפֿטן, און נאָר צו אַ קליינעם טייל — מיט נישט יידישע קוועלן. די לעצטע זײַנען מיר געווען מער נוצלעך פֿאַר דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פֿונעם לעבן אין די אָקופּאַציע־לענדער און אין די קאַצעטן. דעם ערשטן אָרט פֿאַרנעמען דאָ ווערק געשריבן אויף פֿראַנצויזיש. דאָס איז נאַטירלעך, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז צווישן די מערב־פֿעלקער זײַנען די פֿראַנצויזן געווען יענע, וואָס האָבן געגעבן די גרעסטע צאָל אינטערנירטע אין די לאַגערן און צווישן זיי — אַ שפּאָר ביסל אינטעלעקטואַלן.

צוליב פּינקטלעכקייט און צוליבן נוצן פֿון די לייענער, וואָס קענען האָבן די באַדערפֿעניש אַליין זיך צו באַקענען מיט די קוועלן, וואָס פֿון זיי האָב איך געשעפּט, גיב איך דאָ אַ רשימה פֿון די שײַכותדיקע שריפֿטן. אין טעקסט גופֿא פֿאַררוף איך זיך אויף זיי נאָר אין באַ־זונדערס וויכטיקע פֿאַלן, ווען די רעפֿערענץ אויף דעם אָדער יענעם מחבר האָט מיר אויסגעוויזן צו האָבן אַ באַטײַט.

ביבליאָגראַפֿיע

1) שרה אלתרמן, בידי טמאים. תל־אביב, תש״ז.

2) טוביה וזוסיה בלסקי, יהודי יער. תל־אביב, תש״ו.

3) מ. גלבלום, גזע כרת. תל־אביב, תש״ז.

4) חורבן ומרד יהודי ווארשה. ספר עדויות ואזכרות, לוקט וערוך בידי מלך ניישטט. תל־אביב, תש״ז.

5) מרדכי טננבוים־תמרוף, דפּים מן הדליקה. תל־אביב, תש״ח.

6) רעיה כגן, נשים בלשכת הגיהנום. 1947.

7) יצחק לוין, עליתי מספציה. תל־אביב, תש״ז.

8) אברהם לידובסקי, ביערות. תל־אביב, תש״ו.

9) מורשת גבורה, ליקט וסידר זרובבל. ירושלים, תש״ז (נאָך אַ קליינער טייל פֿון דעם בוך האָט צו טאָן מיט דער לעצטער גזירה).

10) מכתבים מין הגיטאות, לוקטו בידי ברכה חבס. תל־אביב, תש״ג.

11) יעקב פּלטיאל, באין נקם. תל־אביב, תש״ז.

12) מפּרשת השואה. בעריכת ד״ר ישראל קלוזנר. חזית יהודית באירופה.

13) מפּרשת השואה. מחנות ההשמדה בפולין. ירושלים.

14) ספר הזועות, תעודות וכו׳. בעריכת בנימין מינץ וד״ר ישראל קלוזנר. ירושלים, תש״ה.

15) שמעון סאמט, בבואי למחרת. תל־אביב, תש״ו.

16) משה פּרגר, מורדי הגישו. ירושלים, תש״ה.

17) ״ ״ יון מצולה החדש. תל־אביב, תש״א.

18) ״ ״ חורבן ישראל באירופה. תש״ח.

19) ״ ״ שואת ילדי ישראל באירופה. תש״ח.

20) רייזל קורצ׳ק (רוז׳קה), להבות באפר. מהדורה שניה, 1946.

21) יעקב קורץ, ספר עדות. תל־אביב, תש״ד.

22) רחל אויערבאַך, אויף די פֿעלדער פֿון טרעבלינקע. לאָדזש, 1947.

23) בערנאַרד גאָלדשטיין, פֿינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ. ניו־יאָרק, 1947.

24) יוסף גאַר, אומקום פֿון דער יידישער קאָוונע. מינכען, 1948.

25) וו. גראָסמאַן, י. וויערניק, טרעבלינקע. בוענאָס־איירעס, 1946.

26) ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי, ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום. פּאַריז, 1948.

27) ד״ר מ. ווײַנרײַך, היטלערס פּראָפֿעסאָרן. ניו־יאָרק, 1947.

28) א. װײַסבראָד, עס שטאַרבט אַ שטעטל. מינכען, 1948.

29) װלאַדקע, פֿון ביידע זײַטן געטאָ־מויער. ניו־יאָרק, 1948.

30) ד"ר הלל זיידמאַן, טאָגבוך פֿון װאַרשעװער געטאָ. בוענאָס־אײַרעס, 1947.

31) ישראל טאַבאַקסבלאַט, חורבן לאָדזש. בוענאָס־אײַרעס, 1946.

32) אַהרן טװערסקי, איך בין דער קרבן און דער עדות. ניו־יאָרק, 1947.

33) יאָנאַס טורקאָװ, אַזוי איז עס געװען. בוענאָס־אײַרעס, 1948.

34) ייװאָ־בלעטער. האַרבסט 1947, באַנד 30, נומערן 1 און 2.

35) די יידישע טראַגעדיע אין אייראָפּע. ביבליאָטעק „אונזער צייט", נומער 2. ניו־יאָרק, 1943.

36) ה. לייװיק, מיט דער שארית הפליטה. טאָראָנטאָ, 1947.

37) ב. מאַרק, חורבות דערציילן. אויפֿשטאַנד פֿון װאַרשעװער געטאָ. לאָדזש, 1947.

38) אַ. סוצקעװער, װילנער געטאָ. פּאַריז, 1946.

39) ה. סמאָליאַר, פֿון מינסקער געטאָ. מאָסקװע, 1946.

40) יעקב פּאַט, אַש און פֿײַער. ניו־יאָרק, 1946.

41) א. פּעטשאָרסקי, דער אויפֿשטאַנד אין סאָביבאָר. מאָסקװע, 1946.

42) פֿון לעצטן חורבן. צײַטשריפֿט פֿאַר געשיכטע פֿון יידישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים, העפֿטן 1—9, מינכען, 1946—1948.

43) מ. י. פֿײַגענבוים, פּאָדליאַשע אין אומקום. מינכען, 1948.

44) ש. קאַטשערגינסקי, חורבן װילנע. ניו־יאָרק, 1947.

45) מ. קאַגאַנאָװיטש, דער יידישער אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנער באַװעגונג פֿון סאָװעט־רוסלאַנד. רוים, 1948.

46) ד"ר י. קערמיש, דער אויפֿשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ. בוענאָס־אײַרעס, 1948.

47) לענאַ קעכלער, מײַנע קינדער. פּאַריז, 1948.

48) מרדכי שטריגלער, מײַדאַנעק. בוענאָס־אײַרעס, 1947.

49) מרדכי שטריגלער, אין די פֿאַבריקן פֿון טויט. בוענאָס־אײַרעס, 1948.

50) ל. שפּיזמאַן, די געטאָס אין אויפֿשטאַנד. ניו־יאָרק, 1947.

51) *La bataille du ghetto de Varsovie,* Ed. du Centre. Paris, 1946.

52) Mary Berg, *Le ghetto de Varsovie.* Paris, 1947.

53) Denise Dufornier, *La maison des morts.* Paris, 1945.

54) *Les enfants de Buchenwald, Ed. Union OSE.* Genève, 1946.

55) Eugen Kogon, *L'enfer organisé.* Paris, 1947.

56) David Knout, *Contribution à l'histoire de la resistance juive en France.* Paris, 1947.

57) Simon Laks et Réné Coudy, *Musique d'un autre monde.* Paris, 1948.

58) Henri Litman, *Les lumières et les ombres du ghetto de Varsovie.* Tourcoing.

59) Jacques Lazarus, *Juifs au combat,* Ed. du Centre. Paris, 1947.
60) Louis Martin Chouffier, *L'homme et la bête.* Paris, 1947.
61) Malaparte, *Kaput.* Paris, 1947.
62) Josèphe Onfray, *L'âme résiste.* Alençon, 1948.
63) Mgr. Gabriel Piguet, *Prison et déportation.* Paris, 1947.
64) David Rousset, *Le monde concentrationnaire.* Paris, 1947.
65) David Rousset, *Les jours de notre mort.* Paris, 1947.
66) Simone Saint-Clair, *Ravensbruck.* Paris, 1945.
67) Paul Tillard, *Mauthausen.* Paris, 1945.
68) *De l'Université aux Camps de Concentration.* Paris, 1947.
69) Georges Wellers, *De Drancy à Auschwitz,* Ed. du Centre. Paris, 1946.
70) Christopher Burney, *The Dungeon Democracy.* New York, 1946.
71) Philip Friedman, *This Was Oswiecin.* London, 1946.
72) Renya Kulkielko, *Escape from Pit.* New York, 1947.
73) Seweryna Szmaglewska, *Smoke over Birkenau.* New York, 1947.
74) Leo Szalet, *Experiment E.* New York, 1945.
75) Eugene Weinstock, *Beyond the Last Path.* New York, 1947.
76) J. Joss, *Leben auf Widerruf.* Olten, 1946.
77) Benedikt Kautsky, *Teufel und Verdammte,* Zürich, 1946.
78) J. Overduin, *Der Himmel in der Hölle von Dachau.* Zürich, 1947.

I.

הרהורי תשובה

צווישן די פֿאַרשיידענע באַגריפֿן און געדאַנקען, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די אַמאָליקע יידישע אידייען־וועלט, אַ מאָנומענטאַלער בנין, וואָס דורות יידן האָבן אים געבויט, באַפֿעסטיקט און אונטערגעשפּאַרט, ווען מען האָט געדאַרפֿט, איז געווען דער חוב פֿונעם מענטשן זיך מודה צו זײַן אויף זײַנע זינד און תשובה צו טאָן. גאַנצע צען טעג אין יאָר זײַנען בײַ אונדז ספּעציעל אָפּגעגעבן געוואָרן פֿאַר חרטה און תשובה — די עשרת ימי תשובה. האָט דעם יחיד אָדער דעם קהל חלילה אַן אומגליק געטראָפֿן, האָט מען קודם כּל זיך געפֿרעגט: ווער און מיט וואָס האָט זיך פֿאַרזינדיקט? זעט אַ מענטש, אַז עס קומען אָן אויף אים ליידן, זאָל ער גוט נאָכקוקן זײַנע מעשים — זאָגט די גמרא (אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו, ברכות ה, א).

אויב אַ גזירה האָט געטראָפֿן דעם פֿאָלק, האָט דער ערשטער געדאַנק געפֿירט צו דער אייגענער זינד, ווי די סיבה פֿונעם אומגליק. זאָגט דער ספֿר חסידים (אַ ספֿר וואָס איז אַליין געווען אַ פּראָדוקט פֿונעם גרויסן יידישן אומגליק בעת די מסעי הצלב): אַז דו זעסט, אַז דאָס הויז פֿון אַ צדיק אָדער אַ בית־הכּנסת ווערט חרוב, אָדער אַז רשעים און גויים באַלעבאַטעווען דאָרט, זאָלסטו וויסן זײַן, אַז יידן אַליין האָבן זיך דאָרט געפֿירט בזיונותדיק. אַ בית־מדרש, וואו יידן פֿירן זיך מיט קלות ראש, וועט זײַן גורל זײַן סוף כּל סוף אַרײַנצופֿאַלן אין די הענט פֿון ערלים. טוען גויים שלעכטס יידן, איז עס אַ סימן, אַז יידן אַליין האָבן זיך צווישן זיך שלעכט אויפֿגעפֿירט. תּלמידי חכמים ווערן נישט געקריוודעט ווערן, סײַדן זיי האָבן פֿריער איינער דעם צווייטן מבֿיז געווען אָדער זיי זײַנען זיך שלעכט באַגאַנגען

מיט דער תּורה און קיינער האָט זיי דערבײַ נישט געשטערט.[1] אַפֿילו סלאָגלידער אויף גרויסע פֿאָלקס־אומגליקן זײַנען גאָר אָפֿט באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען סליחות, וואָרעם זייער עיקר כּוונה איז געווען נישט אַזוי צו באַווײנען די אומגליקלעכע, ווי צו בעטן בײַם רבונו של עולם סליחה און מחילה פֿאַר די באַגאַנגענע זינד, וואָס האָבן דעם אומגליק אַרויסגערופֿן. און איר וועט נישט געפֿינען קיין איין סלאָגליד אָדער עלעגיע אויף אַ גזירה, וואו עס זאָל זיך נישט איבער־חזרן דער אויסדרוק בעוונותינו הרבים. אוי נא לנו כי חטאנו, על כן נוענו כולנו אבדנו, זאָגט זיך אין אַ קינה געשריבן פֿון ר׳ משה בר׳ אלעזר הכּהן נאָך דער גזירת רינדפֿלייש צום סוף 13־טן יאָרהונדערט.[2] דער דאָזיקער מאָטיוו, אין כּלערליי וואַריאַציעס, ציט זיך ווי אַ רויט שנירל דורך אַלע קינות און סליחות, צונויפֿגעשטעלט צום זכר פֿון יידישע קאַטאַסטראָפֿעס.

וועט נישט איין הײַנטצײַטיקער וועלטלעכער ייד מסתּמא פֿרעגן: אַנטקעגן וואָס דערציילט איר דאָס? אַמאָליקע גלויביקע יידן האָבן בכלל אין איטלעכער נאַטור־דערשײַנונג, אין יעדער געשעעניש געזען נאָטס האַנט און במילא האָבן זיי געזוכט אַן איבערנאַטירלעכע דער־קלערונג פֿאַר זאַכן און פּאַסירונגען, וואָס זעען אויס פּשוט און נאַ־טירלעך פֿאַר יעדן אויפֿגעקלערטן מענטשן און זײַנען בלויז אַ קליין רינגעלע אין אַ לאַנגער קייט פֿון נאַטירלעכע אָדער סאָציאַלע סיבות און פּעולות, פֿון אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן, וואָס ליגן אויסער אונדזער רשות און שטייען העכער פֿון אונדזער ווילן. אָט נעמט פֿאַר אַ משל די לעצטע גזירה, די היטלער־גזירה. ווייסן מיר אַקוראַט אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּרוזשינעס און אַלע שרײַפֿעלעך פֿון דער קאַטאַס־טראָפֿע. ווייסן מיר צוליב וואָס און ווי אַזוי דער נאַצי־פֿאַשיזם איז אויפֿגעקומען אַלס פּועל יוצא פֿונעם קריזיס פֿון דעם הײַנטיקן סאָ־ציאַל־ווירטשאַפֿטלעכן סדר, דעם קאַפּיטאַליזם, פֿון זײַן לעצטן געראַנגל פֿאַרן קיום און פֿון זײַנע גסיסה־קאָנוואולסיעס. קומען אַנדערע מיט אַן אַנדער דערקלערונג, אויך אַ נאַטירלעכע און אָביעקטיווע: שולדיק איז דער גלות, אונדזער מינדערהייט־מצב צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט.

קען מען האָבן טענות צו אָט די דערקלערונגען? אין איטלעכער פֿון זיי ליגט אַ שטיק אמת, איינער — אַ פּערמאַנענטער, דער גלות,

אַ צווייטער — אַן אַקטועלער, דער פֿאַשיזם. און פֿונדעסטוועגן זינדיקן זיי אַלע דערמיט, וואָס עפּעס פֿעלט אין זיי. און דער עפּעס איז דאָס אייגענע זינד־געפֿיל, דער מיטשולדיקייט־באַוואוסטזײַן, וואָס יעדער ייד וואָלט געדאַרפֿט פֿילן און האָבן.

פּונקט ווי מאָדערנע יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון יידישן שבת, יידישע יום־טובים און מינהגים, ווײַל ווי באַלד זיי זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט אמונה, האָבן זיי פֿאַר נישט גלויביקע פֿאַרלוירן יעדן מיין און חן — אַקוראַט אַזוי האָט מען אָוועקגעוואָרפֿן ווי אַ צעבראָכענעם שאַרבן אַ גאַנצע, אַמאָל — אַזאַ פֿעסטע, אידייען־ און געדאַנקען־וועלט, באשר בכן זי האָט בײַ יידן געהאַט אַ רעליגיעזן לבוש און במילא איז זי פֿאַר אונדז געוואָרן זינלאָז און ווערטלאָז. און אונטער די חורבות פֿון דער דאָזיקער וועלט ליגן באַגראָבן, מיט שטויב און גראָז פֿאַרדעקט און פֿאַרשאָטן, פּערל און דימענטן פֿון מענטשלעכן זשעני. און דאָס האָט אויך פּאַסירט מיטן געדאַנק פֿון יסורים און תשובה.

ווײַל איך מיך דאָ נישט אַרײַנלאָזן אין אַ וויכּוח מכּח דעם, צי האָבן מיר טאַקע אַ גרייטע נאַטירלעכע דערקלערונג פֿאַר אַלע דערשײַנונגען און געשעענישן. צי איז טאַקע אַלץ, וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט אָדער קומט איצט פֿאָר אויף דער וועלט בכלל, מיט אונדז יידן בפרט, אַזוי „קלאָר ווי דער טאָג", אַז מען זאָל זיך גאַנץ גוט קענען באַגיין אָן וואונקען פֿון השגחה, אָן דעם אצבע אלקים, וואָס גלויביקע דערבליקן אומעטום, אין אַלץ וואָס קומט פֿאָר אין מאַקראָ־ און מיקראָקאָסמאָס. פּונקט ווי אויף גלויבן פֿרעגט מען קיין קשיות נישט, אַקוראַט אַזוי האָט דאָס נישט־גלויבן אויף אַלץ אַ פֿאַרטיקן תּירוץ. אָנגענומען, אַז אַלץ אויף דער וועלט איז על פּי אונדזער פֿאַרשטאַנד כּשר וישר. און אויב יאָ, איז וואָס? איז דען נישט דער מענטש אַליין, דער מענטש דער יחיד, זײַן ווילן און זײַנע לײַדנשאַפֿטן, זײַנע גוטע און שלעכטע מעשים אויך עפּעס אַ יש, וואָס האָט אויך עפּעס צו זאָגן אין די וועלט־געשעענישן, און אפֿשר נישט ווייניקער, אויב ניט מער, ווי דער מלוכה־רעזשים, דער ווירטשאַפֿטלעכער סדר? סײַדן מיר נעמען אָן, אַז אַלץ טוט זיך אָן דעם מענטשן און אויסער אים דורך אַ מיסטישער הויה, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „אָביעקטיווע כּוחות". אָבער אויב עס איז נישט אַזוי, דעמאָלט איז דער

תשובה־געדאַנק, דאָס זוכן אין די אייגענע מעשים — אַ פּרוכטבאַרער געדאַנק, נישט בלויז פֿאַר די גלויביקע, נאָר פֿאַר איטלעכן מענטשן און פֿאַר איטלעכן מענטשלעכן קיבוץ. די טבע, וואָס האָט זיך ביַי אונדז איַינגעוואָרצלט, זינט מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון גלויבן און אינאיינעם דערמיט — פֿון יידישן וועלט־באַנעם, ארויפֿצוואַרפֿן די שולד פֿאַר אַלדאָס בייז, וואָס געשעט מיט אונדז, אויף דער רשעות פֿון דער וועלט, און, אין בעסטן פֿאַל, אויפֿן יידישן כּלל — איז אַ מיאוסע טבע. אירע וואָרצלען ליגן אין דער באַהאַלטענער שלעכטער כּוונה צו באַפֿריַיען דאָס יידישע פֿאָלק פֿון אחריות פֿאַר זיַין ביטערן גורל, בפּרט אָבער אָפּצופּטרן מיט פּוסטע רייד און אויסרייד די פּערזענלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון איטלעכן יידן פֿאַרן דאָזיקן גורל. דאָס אָביעקטיוויזירן און דאָס פֿאַרכּללעווען פֿון איטלעך געשעעניש איז אַ גוטע און ליַיטישע באַהעלטעניש פֿאַר פּערזענלעכער אָפּגעלאָזנקייט, פֿעלערן און חטאים.

האָבן דען אונדזערע עלטערן נישט געוואוסט, אַז ס'זיַינען פֿאַראַן אָביעקטיווע סיבות, דאָס הייסט אַזוינע, וואָס ליגן אין דעם מאָמענט, ווען דאָס אומגליק קומט פֿאָר און אַזוי ווי די זאַכן זעען דעמאָלט אויס, אויסער דעם רשות פֿונעם כּלל ישראל און פֿונעם איינצלנעם יידן? האָבן זיי נישט געוואוסט, אַז דער גלות איז שולדיק אין אונדזערע ליַידן און פּיַין, האָבן זיי נישט געזען, פּונקט ווי מיר, די רשעות פֿון דער וועלט? געווים האָבן זיי דאָס אַלץ געזען, אפֿשר נאָך דורכזיכטיקער און טיפֿער ווי מיר. זיי האָבן אָבער אויך געוואוסט, אַז אין דער „אָביעקטיווער" לאַגע האָבן מיר אַליין אַ שטיקל חלק, אַ גרעסערן אָדער קלענערן, אַז דער גלות גופֿא וואָלט נישט אויפֿגעקומען, ווען מיר זאָלן נישט האָבן צוגעלייגט אַ האַנט דערצו (מפּני חטאינו גלינו מארצנו) און אַז מיט אונדזערע היַינטיקע זינד האַלטן מיר אויף די ביאת המשיח.

פֿאַראַן אָבער נאָך עפּעס, וואָס באַרעכטיקט און דערהויבט גאָר הויך דעם תשובה־געדאַנק, אפֿילו אויב דער מענטש און דער כּלל האָבן נישט געזינדיקט. געווים איז לויטן אָנגענומענעם רעכט נישטאָ קיין שטראָף אָן אַ פֿאַרברעכן. אָבער יוריספּרודענץ איז איין זאַך, מאָראַל — אַ צווייטע. תשובה טאָן קען מען און דאַרף מען אפֿילו, אויב מען איז גראָד איצט קיין קאָנקרעטע זינד נישט באַגאַנגען.

אונדזערע חכמים, די אייגענע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אויב עס קומען אָן יסורים אויף אַ מענטשן, זאָל ער גוט בודק זײַן אין זײַנע אייגענע מעשים, האָבן געוואוסט, אַז נישט אַלע מאָל איז דער מענטש שולדיק אין זײַנע לײַדן, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן יסורים של אהבה, אָבער פֿונדעסטוועגן האָבן זיי אונדז פֿאַרזאָגט אָנצוהויבן דערמיט צו זוכן בײַ זיך אַליין. אפֿנים, האָבן זיי זיך געזאָגט: דער מענטש בכלל איז זינדיק, דאָס איז זײַן טבע. און טאָמער איז ער אַפֿילו אינעם געגנבענעם פֿאַל ריין ווי אַן אומשולדיק טײַבעלע, וועט ער צו דער רעוויזיע פֿון זײַן הנהגה נישט דערלייגן. וואָרעם ווען דען זאָל דער מענטש, אין מיטן פֿון אַ פֿאַרשמײַעט לעבן, פֿון דאגות און זאָרגן, זיך אָפּשטעלן און אַרײַנקוקן אין זיך גופֿא, בלײַבן אויג אויף אויג מיט זײַן אייגענער נשמה, אויב נישט בשעת ער לײַדט און שמאַכט? אַז אַלץ גייט כשורה, האָט ער, דער מענטש, נישט וואָס צו פֿרעגן און וואָס צו זוכן. אַ סימן, אַז ער „איז אין אָרדענונג" מיט זיך, מיט זײַנע מיטמענטשן און מיט זײַן גאָט. לאָזן זיך אָבער אַראָפּ צרות און פּורעניות אויף זײַן קאָפּ און ער קומט אַפֿילו דעמאָלט נישט צו קיין הרהורי תּשובה, איז ער שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער, איז זײַן נשמה אַזוי פֿאַרדרימלט, אַז קיין דונערן און בליצן קענען זי נישט אויפֿוועקן. איז טאַקע דער ציטירטער מאמר חז"ל (אם רואה אדם וכו') אַ טײַערער, אַ פּערלדיקער געדאַנק. אַזאַ פּשוטע און גלײַכצײַטיק טיפֿע מענטשנקענטעניש איז אין אים פֿאַרבאָרגן.

דער אמאָליקער ייד האָט נישט קיין מורא געהאַט צו בלײַבן מיט זיך אַליין און מאַכן זײַן חשבון הנפֿש. מיט אונדז הײַנט איז אָבער די צרה, וואָס מיר אַנטלויפֿן פֿון זיך. אַ פּחד נעמט אונדז אַרום פֿאַר דער סכּנה צו בלײַבן אַליין פּנים אל פּנים מיט אונדזער אייגענעם יידישן געוויסן. באַהאַלטן מיר זיך פֿון אים און פֿאַרטומלען זיך מיט ווערטער, מיט אויסגעדראָשענע פֿראַזעס און אָפּגעריבענע אַנאַלאָגיעס, אַבי נאָר דעם נאַקעטן און ביטערן אמת נישט צו זען.

איז געקומען אויף אונדזער פֿאָלק אַ גרויסער, אַ שרעקלעכער בראָך. באַווײנען מיר די מיליאָנען קרבנות, אונדזערע אייגענע ברידער און שוועסטער. אָבער ווער פֿון אײַך, וואָס איז געווען אויף יזכּור־מיטינגען און פֿאַרזאַמלונגען, איז פֿון דאָרט כּמעט אַלע מאָל נישט אַוועק מיטן געפֿיל, אַז נישט אַלע טרערן האָט מען אויסגעווײנט, אַז נישט

אליץ, וואָס דריקט אויף יידישע הערצער, איז אויסגעלייזט געוואָרן דורך דעם וואָרט, אַז אונדזער פּיַין האָט קיין תּיקון נישט באַקומען. ס'ווערט אונדז נישט לײַכטער, ווײַל דאָס געהערטע וואָרט איז נישט אַרײַנגעדרונגען ביז צו די סאַמע גרונטן פון דער אָנגעוויטיקטער נשמה, נישט פונעם רעדנער, נישט פונעם צוהערער. און דאָס אייגענע וועט אויך זײַן ריכטיק וועגן דעם גרעסטן טייל פון די נײַע עלעגיעס און פּערזן און פּראָזע. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווײַל כּדי זיפצן און טרערן זאָלן לײַכטער מאַכן, איז ווייניק צו פילן דעם ווייטיק פון אַ פאָלקס־אומגליק, פון מיליאָנען פּאַרשניטענע פרעמדע לעבנס. אונדזער פּײַן באַקומט אַ תּיקון, אונדזער ווייטיק — אַ דערלייזונג ערשט דעמאָלט, ווען פון אומגליק דערהויבן זיי זיך צו אַ טראַגעדיע. און נישטאָ קיין אמתע טראַגעדיע אָן דעם געפיל פון מיטשולדיקייט, ווען דער מענטש פילט זיך נישט ווי אַ מיטבאַטייליקטער אין דער דראַמע. אמתע טרערן, טרערן פון דערלײַכטערונג און אויסלייזונג, זײַנען נאָר יענע, וואָס דער מענטש וויינט איבער זיך אַליין, איבער זײַן שוואַכקייט און געפאַלנקייט. אָן דעם בעוונותינו הרבים ווערט פון אַ קינה און אַ סליחה אַ מער אָדער ווייניקער גוט געשריבענער לײַטאַרטיקל, אַ מער אָדער ווייניקער געראָטענע מיטינג־דרשה. איז נאָך אונדזער גליק, וואָס מיר האָבן נאָך נישט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם אל מלא רחמים און דעם קדיש, וואָס באַהעפטן אונדז מיט דער אַמאָליקער יידישער אידייען־וועלט, פול מיט אַ ציטער איבער אייגענע זינד, און עפּעס אַן אָפּגלאַנץ פון איר פאַלט אויף אונדזערע געבראָכענע און פאַרחלשטע געמיטער. אָן זיי וואָלט אונדזער טרויער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ זומפּ פון באַנאַלקייט און פון נישטיקייט.

און ווײַל מיר זײַנען גאָט די נשמה שולדיק, געפינען מיר אַזוי לײַכט אַ טרייסט. אָבער נישט די אמתע, וואָס פאַרהיילט די וואונד, ווי דער באַלזאַם, נאָר יענע, וואָס באַרואיקט און טעמפּט אָפּ אויף אַ ווײַל דעם ווייטיק, ווי דאָס טוט אַ נאַרקאָטיק. עפּעס אַ קליינִיקייט: ווי גרויס מוז זײַן דאָס פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן זעקס מיליאָן קדושים. און אויב די זעקס מיליאָן אומגעקומענע זײַנען געווען הייליקע, שטעקט דאָך די אייגענע קדושה אין די צען מיליאָן לעבנגע־בליבענע, פונעם אייגענעם טייג געקנאָטענע, וואָס נאָר על פּי צופאַל אָדער צוליב אַ נס זײַנען זיי „אין טרעבלינקע נישט געווען״ און דער

ביטערער פּוס האָט זיי אויסגעמיטן. זעקס מיליאָן עקדות האָבן מיר אוועקגעשטעלט, גלויבן מיר. די אם הבנים, מרים אָדער חנה ווי זי האָט געהייסן, האָט זיך גליקלעך געפֿילט, וואָס זי האָט זוכה געווען זיבן עקדות צו שטעלן, בעת אברהם אבינו, דער פֿאָטער פֿון אַלע ייִדן, זייער באַשיצער און פֿאָרבעטער, האָט נאָר איינע פֿאַר זײַן זון יצחק צוגעגרייט. הײַנט וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן, מיר מיט די זעקס מיליאָן עקדות? קען טאַקע קיין איין ייִדישער דור מיט אונדז זיך נישט גלײַכן לויט דער גרויס פֿון אומגליק. צי קענען מיר אָבער זיך גלײַכן מיט פֿאַרגאַנגענע ייִדישע דורות לויט דער מאָס פֿון קדושה? דאָס זאָל דערווײַל דאָ בלײַבן בלויז אַ פֿרעגצייכן, אַן אָנגע־לאָדענער מיט טראַגיק.

און הגם מיר טרייסטן זיך מיט אַנאַלאָגיעס מיטן אַמאָליקן קדוש השם, מיט דער עקדת יצחק, נאָיעט עס און גריזשעט עס פֿונדעסט־וועגן טיף אין האַרצן. עפּעס און ערגעץ שטימט נישט דער חשבון. און ער שטימט טאַקע נישט. פּונקט ווי עס שטימט נישט דער נאָמען „דער דריטער חורבן", וואָס מען האָט געגעבן דער היטלער־גזירה. די אַלע גלײַכענישן קענען זיך נאָר אויבנאויפֿיק אויסווײַזן פֿאַר ריכ־טיק. תּוכיק זײַנען זיי ווײַט איינע פֿון די אַנדערע ווי מזרח פֿון מערב. אברהם אבינו האָט געפֿירט זײַן זון יצחק צו דער עקידה פֿון זײַן פֿרײַען ווילן, כּדי צו דערפֿילן גאָטס באַפֿעל און אין גלויבן, אַז גאָט האָט פֿון אים דעם קרבן פֿאַרלאַנגט, הגם עס האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז דער ייִדישער גאָט האָט שוין אין יענע טונקעלע פֿאַר־היסטאָרישע צײַטן קיין מענטשלעכע קרבנות נישט נעדאַרפֿט און בלויז געוואָלט אויספּרואוון די פֿעסטקייט און געהאָרכזאַמקייט פֿון זײַן קנעכט און דינער. די עקידת יצחק איז רעפּראָדוצירט געוואָרן אין טויזנטער און הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן אין משך פֿון אונ־דזער לאַנגער מאַרטיראָלאָגיע, אָנגעהויבן פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס און געענדיקט מיט באָגדאַן כמעלניצקי — אַ היפּשער צײַטשפּאַן פֿון איבער 1800 יאָר. תּמיד האָבן ייִדן געהאַט די ברירה צווישן לעבן און טויט און מיטן פֿרײַען ווילן אויסגעקליבן דעם טויט, כּדי נישט צו לעבן אין טומאה און כּדי צו הייליקן גאָטס נאָמען און הויך צו האַלטן צווישן די פֿעלקער דעם נאָמען פֿון זײַן אויסדערוויילט פֿאָלק. דער בית ראשון און דער בית שני זײַנען חרוב געוואָרן נאָך אַ לאַנגן

און בלוטיקן גערא‍נגל. קיין איין טראָפּן יידיש בלוט וואָלט נישט פֿאַרגאָסן געוואָרן, ווען יידן וואָלטן זיך נישט אײַנגעשפּארט, ווען זיי וואָלטן זיך אונטערגעגעבן דעם שטאַרקערן און וואָלטן זיך נישט געקלאַמערט אָן זייערע הייליקייטן, זייערע פֿרײַהייטן און זייער היימלאַנד. איז בעת דער היטלער־גזירה אויך אונטערגעגאַנגען אַ יידיש פֿאָטערלאַנד, זײַנען יידן אומגעקומען אין אַ קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט און קדושה? אויב יאָ, האָבן מיר איבערגעלעבט אַ דריטן חורבן און פֿאַרלוירן מיליאָנען קדושים. אָבער אויב נישט, קען אַפֿילו די יידישע געשיכטע, אַזוי איבערגעלאָדן איבער אַלע מאָסן מיט קאַטאַסטראָפֿעס און חורבנות, קיין גלײַכעניש צו אונדזער איצטיקן בראָך נישט געפֿינען.

II.

פֿאַרוואָס איז נישט געווען קיין יידישער מאַסן־ווידערשטאַנד?

הגם יידן לאָזן זיך אײַנוויגן מיטן טרויערליד פֿון זעקס מיליאָן קדושים, געפֿינען זיי פֿונדעסטוועגן נישט קיין אמתע רו. דאָס איז נישט דאָס זינד־געפֿיל נאָך אַמאָליקע גזירות, וואָס רודערט אויף דעם מענטשן, צעטרייסלט אים ביז די נשמה־גרונטן און ער גייט דערפֿון אַרויס אַ געלײַטערטער. הײַנטיקע, פֿון דער שׂרפֿה אַנטרונענע, יידן פֿילן זיך חלילה נישט שולדיק. קען מען דען זינדיקן, אַז קיין זינד איז גאָר נישטאָ? אָבער שלעכט פֿילן זיי זיך יאָ. עפּעס אַ ביטערער טעם איז פֿאַרבליבן אויף דער נשמה און עס איז קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרצן. זינדיק פֿילן איז אַן אַקטיווער געמיט־צושטאַנד, שלעכט פֿילן — אַ פּאַסיווער. עס פֿירט אין ערגעץ נישט און באַוועגט צו גאָרנישט ניט.

פֿרעגן זיך יידן: היתּכן, ווי האָט דאָס געקענט געמאָלט זײַן, אַז מיליאָנען יידן זאָלן זיך לאָזן פֿירן צום שלאַכט־הויז און נישט רעאַגירן, ממש כצאן לטבח יובל? נישטערט מען און זוכט מען העראָישע מאָמענטן און מען טרייסט זיך מיט דעם אויפֿשטאַנד אין די געטאָס פֿון וואַרשע און ביאַליסטאָק, מיט דעם פּאַרטיזאַנען־קאַמף

אין די וועלדער און מיט ספּאַראַדישע ווידערשטאַנד־אַקטן אין אַנדערע געטאָס און אין די לאַגערן פֿון סאָביבאָר און טרעבלינקע. נאָר אויב שוין יאָ אידענטיפֿיצירן העראָיזם מיט פֿיזישן ווידערשטאַנד, איז אונדזער באַלאַנס אַזוי בידנע אָרעם, אַז דאָס האַרץ וואָלט געמוזט פֿאַרקלעמען, וואָרעם וואָס פֿאַר אַ וואָג האָבן די הייפֿלעך אַקטיווע ווידערשטענדלער אין אַ מענטשן־ים פֿון מיליאָנען. באַוויַיזט מען איַיך אָבער צוריק געזעצט מיט אותות ומופֿתים, אַז נישט קיין אי־נערלעכע העלדישקייט האָט געפֿעלט די מיליאָנען, נאָר אויסערלעכע מעגלעכקייטן. און די ראיות, וואָס מען ברענגט, זיַינען ביז גאָר שבלדיקע און וואָגיקע. יידן אין די געטאָס זיַינען געוואָרן פֿיזיש אָפּ־געשוואַכט, אויסגעמאַטערט און אויסגעהונגערט. קיין געווער האָבן זיי נישט געהאַט און נישט געקענט קריגן, ווי באַלד דער פּוילישער אונטערגרונט האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו העלפֿן. מחמת דער פֿיַינט־לעכער באַציִאונג פֿון דער ארומיקער באַפֿעלקערונג, פּוילישער, ליט־ווישער, אוקראַינישער אאַז״וו, האָבן יידן אַפֿילו נישט געקענט זיך באַנוצן מיט די באַגרענעצטע שוצמיטלען און באַהעלטענישן, וואָס די גויישע ווידערשטענדלער האָבן יאָ געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע. פֿון דער אַנדערער זיַיט, האָבן יידן אַ לאַנגע ציַיט נישט געוואוסט דעם אמתן און שרעקלעכן מיין פֿון עוואַקואַציעס און דעפּאָרטאַציעס, זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אין 20־טן יאָרהונדערט זאָל מען פּראָסט אויסראָטן מיליאָנען מענטשן. האָבן זיי זיך פֿאַרלאָזט אויף דיַיטשע הבטחות, אַז מען שיקט יידן אויף אַרבעט. און צום סוף: די אימה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט יידישע פֿירער און די יידישע מאַסן, אַז דער מינדסטער פּרואוו פֿון ווידערשטאַנד וועט, לויטן דיַיטשן כּלל פֿון קאָלעקטיווער אחריות, ברענגען צו דער טאָטאַלער אויסראָטונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג.

ווי געזאָגט, זיַינען אָט די אַלע טענות און אַרגומענטן, איטלעכער פֿאַר זיך, אַבסאָלוט ריכטיק. זיי וואָלטן זיך נישט געלאָזט אָפּפֿרעגן, ווען מען וואָלט מיט זיי געוואָלט דערוויַיזן, אַז די מעגלעכקייטן און באַדינגונגען פֿון ווידערשטאַנד זיַינען פֿאַר יידן געווען אַ סך קלענער און פֿיל שווערער, ווי פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער אונטערן דיַיטשן קנאַפּל. זיי באַוויַיזן אָבער נישט, אַז יעדער ווידערשטאַנד איז אומ־מעגלעך געווען. דאָס, וואָס די וואַרשעווער געטאָ, פֿיזיש און גיַיסטיק

אויסגעשעפּט פֿון נויט און הונגער, פּײַן און לײַד פֿון כּמעט פֿיר יאָר צײַט, מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון 40 טויזנט נפֿשות האָט געקענט באַווײַזן, פֿאַרוואָס האָט עס די אייגענע געטאָ נישט געקענט אויספֿירן אין די יאָרן 1940—1942, בעת די צאָל יידן האָט זיך געציילט אין די הונדערטער טויזנטער? ווײַל מען די דאָזיקע סתּירה פֿאַרענטפֿערן און אונדז באַרואיקן דערמיט, וואָס מיט יידן האָט פּאַסירט דאָס אייגענע, וואָס מיט אַנדערע פֿעלקער. אויך זיי האָבן די ערשטע אָקופּאַציע־יאָרן נישט געקענט קומען צו זיך פֿון די דײַטשע בליץ־ניצחונות און האָבן געדאַרפֿט צײַט אויף צו זאַמלען כּוחות אויף ווידערשטאַנד. לײַדט אויך די דאָזיקע אַנאַלאָגיע פֿון די פֿעלערן פֿון אַנאַלאָגיעס בכלל, ווײַל קיין פֿולע גלײַכעניש צווישן אונדז און זיי, צווישן אונדזער און זייער סיטואַציע איז נישט פֿאַראַן. קיין שום פֿאָלק האָט זיך נישט געפֿונען פֿאַר דער סכּנה פֿון טאָטאַלער פֿיזישער אויסראָטונג. האָבן זיי געקענט וואַרטן. אָבער די טעג, ממש די שעהן פֿון רעטונג זײַנען פֿאַר אונדז געווען געציילט. והשנית, זײַנען געווען פֿעלקער, ווי די יוגאָסלאַוון, למשל, וואָס זייער ווידערשטאַנד האָט קיין איין מאָמענט נישט אויפֿגעהערט. געוויס איז שווער געווען פֿאַר יידן צו געפֿינען געווער און נאָך שווערער — עס אַרײַנצוברענגען אין געטאָ. און פֿונדעסטוועגן, ווי עס באַשטעטיקן כּמעט אַלע עדי ראיה, וואָס זייערע זכרונות זײַנען נאָכן חורבן פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, האָט מען פֿאַר גוט געלט געקענט קויפֿן וואָפֿן, מען האָט זיי אויך צום טייל געקענט פֿאַבריצירן אין די געטאָס גופֿא, צום טייל אַרויסגנבֿענען פֿון דײַטשע סקלאַדן, וואו יידישע אַרבעטער זײַנען באַשעפֿטיקט געווען. אויף די אַלע וועגן האָבן יידן יחידים און קליינע גרופּעס זיך פֿאַרשאַפֿט געווער נישט בלויז אין די גרויסע געטאָס, ווי וואַרשע, ווילנע, נאָר אויך אין די קליינע (זע לידובסקי, ביערות, זז׳ 49—51 און קאַגאַנאָוויטש, זז׳ 88—96). ס׳איז זיכער, אַז פֿאַרן יידן איז דאָס אַלץ געווען אַ סך שווערער און ריזיקאַלישער ווי פֿאַר גויים, ווײַל נישט ווייניק גויים, וואָס וואָלטן אַליין געהאָלפֿן אָדער בכל אופֿן צוגעדריקט אַן אויג, ווען זיי וואָלטן עפּעס געוואוסט און באַמערקט פֿון אַ צוגרייטונג צו אַ ווידערשטאַנד בײַ זייערע אייגענע, וואָלטן די ערשטע געכאַפּט די יידן און איבערגעענטפֿערט צום דײַטש. אָבער שווערער און ריזיקאַלישער מיינט בלויז ווייניקער געווער און מער קרבנות, אָבער

נישט גאָר קיין געווער און גאָרנישט קיין מעגלעכקייטן פֿון ווידער־שטאַנד. געוויס האָט אויף יידן געדריקט ווי אַ באַלקן דער פּחד פֿאַר קאָלעקטיווער אחריות. אָבער האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ מלחמה, אַ רעוואָלוציע אָדער אַן אויפֿשטאַנד, וואו קאָלעקטיווע באַשטראָפֿונג זאָל נישט אָנגעווענדט ווערן בפּועל, אמת אָן געשריבענע דעקרעטן און נישט אין אַזאַ ברייטער מאָס ווי בײַ די דײַטשן. און צי האָבן מענטשן באַטייליקטע אין אַ מלחמה, אָדער רעוואָלוציאָנערן ווען עס איז זיך אָפּגעשראָקן פֿאַר די אומפֿאַרמײַדלעכע אומשולדיקע קרבנות, וואָס וועלן פֿאַלן אַלס רעזולטאַט פֿון דעם אָדער יענעם שטאַרקן קלאַפּ, וואָס זיי וועלן דעם שונא דערלאַנגען? די אייגענע בונדיסטן, וואָס האָבן אין וואַרשע און ווילנע און אין אַנדערע געטאָס זיך אַ לאַנגע צײַט געקווענקלט, צי איז בכלל מעגלעך און צוועקמעסיק אַ יידישער ווידערשטאַנד און, ווי אויף איינעם פֿון זייערע הויפּט־מאָטיוון קעגן, אָנגעוויזן אויף דער גרויסער פֿאַראַנטוואָרטונג, וואָס איז מיט יעדן ווידערשטאַנד אין געטאָ פֿאַרבונדן, האָבן זיי דען אַמאָליקע יאָרן, אין צאַרישן רוסלאַנד און אַפֿילו שפּעטער אין פּוילן, זיך געלאָזט אָפּהאַלטן פֿון רעוואָלוציאָנערע אַקטן אָדער פֿון אַ געוואַגטער פּאָליטי־שער פּאָזיציע מחמת דער מורא פֿאַר בלוטיקע קאָנסעקווענצן און פּאָגראָמען? האָבן זיי דען נישט אַליין אַמאָל באַשולדיקט אין פּחדנות מעסיקע יידישע פֿירער, וואָס האָבן זיך אָט דעם שרעק־אַרגומענט אונטערגעגעבן? דאָרט וואו מענטשן קעמפֿן פֿאַר אַ גרויסן היסטאָרישן אידעאַל, סאָציאַלן, רעליגיעזן אָדער נאַציאָנאַלן, זײַנען זיי געצוואונגען נישט צו רעכענען זיך מיט דעם פֿאַרלוסט פֿון מענטשלעכע לעבנס. דער, וואָס שטעלט זיך, צוזאַמען מיט דאָסטאָיעווסקין, אויף יענער מאָראַלישער הויך, וואו אַ געוויינלעכן בשר ודם הויבט דער קאָפּ אָן צו שווינדלען, אַז ער קוקט אַראָפּ אויף אונדזער זינדיקן יאָמער־טאָל — פֿאַר יענעם זײַנען אַלע רעוואָלוציעס פֿון דער וועלט נישט ווערט אַ טרער פֿון אַן אומשולדיק קינד. אַזוינער קען קיין חלק אין קיין שום אויפֿשטאַנד און אין קיין רעוואָלוציע נישט האָבן, מוז פֿון זיי אַנטלויפֿן און זיי פֿאַרשילטן, ווי דאָסטאָיעווסקי איז אַנטלאָפֿן און דער רוסישער רעוואָלוציע אַ קללה אין פּנים געוואָרפֿן. געוויס איז דאָ אַ חילוק צווישן מענטשן, אַרײַנגעצויגן אין אַ מלחמה אָדער רע־וואָלוציע. בלוט פֿאַרגיסן איז גרויזאַם, אַפֿילו אויב דאָס געשעט

לשם שמים. אײדעלע נאַטורן װערן פֿאַרהאַרטעװעט און זײער האַרץ פֿאַרשטײנערט. עס קומט אַ מאָמענט, װען בלוט װערט אַפֿילו בײַ זײ אַ װאָלװעלע סחורה. אָבער אױך יענע, װי דער באַרימטער רוסישער טעראָריסט קאַליאַיעװ, למשל, װאָס יעדער אַקט פֿון שפֿיכת דמים, בפֿרט פֿון די אומדירעקטע אומשולדיקע קרבנות, רודערט אױף זײער נשמה און גיט זײ קײן רו נישט, אַפֿילו אַט די רעװאָלוציאָנערן, הגם זײ װערן צעריסן פֿון דעם טראַגישן קאָנפֿליקט צװישן דעם לא תרצח און דער טרױעריקער נױטװענדיקײט, אױך זײ שטעלן זיך נישט אָפּ פֿאַר די לײַדן פֿון אומשולדיקע, אױב עס איז נישטאָ קײן מעגלעכקײט זײ אױסצומײַדן.

און צי האָבן מיר דען נישט געזען טאַקע בעת דער לעצטער מלחמה, אַז קאָלעקטיװע שטראָפֿן האָבן נישט געבראָכן דעם קאַמפּס־מוט פֿון דעם אײראָפּעישן אונטערגרונד? איז װידער אַמאָל דאָ, װי צװישן צאַרישן רוסלאַנד און דעם היטלער־רעזשים, פֿאַראַן אַ חילוק, פּונקט װי ס'איז דאָ אַ גרױסער אונטערשײד צװישן די שטראָפֿן, װאָס דײַטשן האָבן אַרױפֿגעלײגט אױף ייִדישע און גױישע „פֿאַרברעכער". די דײַטשן האָבן אין זײער מאָרד־סיסטעם אָנגעװענדט אַ דיפֿערענציעלע „גערעכטיקײט". דער פּרינציפּ פֿון נישט־גלײַכקײט, פֿון אַ היעראַרכיע צװישן מענטשן לױט ראַסע און פֿאָלק איז אױך דאָ גילטיק געװען. אױב אײן דײַטש לעבן האָט געמוזט אױסגעקױפֿט װערן מיט 10 פֿראַנצױזישע, 20 סערבישע אאז"װ, װאָלט דער דײַטשער „מאָראַלישער" װעלט־סדר געפֿאָדערט אַ סך מער ייִדישע קרבנות פֿאַר אײן דײַטשישן און אױך דעמאָלט װאָלט נאָך דער אמתער, דער „יושרדיקער" חשבון נישט געװען געסילוקט, לױט דער נאַציסטישער ראַסן־װערט־טעאָריע. און דאָך האָבן זײ קײנמאָל זײער „מאָראַל" ביז צום סוף נישט דערפֿירט. אָט האָט איר אַ פּאָר פֿאַלן פֿון אַ גאַנצער רײ. דער השומר הצעירניק יצחק פֿײַנער געפֿינט זיך צװישן אַן עדה ייִדן אױפֿן מאַרק אין טשענסטאָכאָװ, צונױפֿגעטריבן פֿון די דײַטשן פֿאַר „אומזידלונג". צילט ער מיט זײַן רעװאָלװער אין אַ דײַטשן אָפֿיציר, טרעפֿט אים אָבער נישט צום אומגליק. קומט אים צו הילף אַ חבר, אָבער אױך בײַ אים פֿאַרהאַקט זיך דער פּיסטױל. אַלס נקמה פֿאַר דעם נישט־געלונגענעם אַטענטאַט, פֿאַרלאַנגט דער דײַטשישער קאָמאַנדיר פֿונעם ייִדן־ראַט, ער זאָל אים צושטעלן הונדערט ייִדן אױף צו העג־

גען (פֿון לעצטן חורבן, העפֿט 2). בעת פֿון ווילנער געטאָ אַנטלויפֿט אין וואַלד די ערשטע גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער אין באַשטאַנד פֿון 38 מאַן, האָבן די דײַטשן גענומען נקמה פֿון זייערע משפּחות און דערשאָסן 32 נפֿשות. צווישן זיי אויך די אָנפֿירער פֿון די אַרבעט־קאָמאַנדאָס, וואָס צו זיי האָבן די אַנטלאָפֿענע געהערט (רייזל קורצ׳ס, להבות באפֿר, ע׳ קלב און מאַרק דוואָרזשעצקי, ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום, ז׳ 448).

עס איז נישט באַקאַנט קיין פֿאַל, אַז די דײַטשן זאָלן אַלס נקמה פֿאַר אַ „פֿאַרברעך" פֿון איין יידן האָבן פֿאַרשניטן אַ גאַנצע יידישע עדה, טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידן. זיי האָבן עס געטאָן און דערגרייכט די צאָל פֿון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען, אָבער נישט אַלס רעאַקציע אויף יידישע טאַטן, נאָר לויט זייער אייגענעם פּלאַן, לויט זייער אייגענעם אײַנזען און דעמאָלט ווען זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער פּאַסיקער מאָמענט איז געקומען. אין די איינצלנע פֿאַלן, ווען דײַטשן האָבן באַשטראָפֿט יידן צוליב „זינד" פֿון איינצלנע, ווי פֿאַר גנבה, פֿאַר טראָגן געווער, פֿאַר באַליידיקן אָדער אָנפֿאַלן אויף עמעצן פֿון דער הארן־ראַסע, האָבן זיי זייער סטראַשונעק פֿון קאָלעקטיווער שטראָף אָנגעווענדט אין אַזאַ באַגרענעצטער מאָס, אַז עס איז ממש זיך צו חידושן אויף זייער „מילדקייט".

און גאָר צום סוף קומט דער גרויסער אַרגומענט: יידן האָבן אַ לאַנגע צײַט נישט געוואוסט, אַז אַוועקשיקן אויף אַרבעט מיינט טויט. מעג דאָס זײַן ריכטיק פֿאַר אַ קורצער צײַט נאָך די ערשטע דעפּאָרטאַציעס. אָבער שוין אין סעפּטעמבער 1941 האָבן ווילנער יידן געהאַט גרוסן פֿון באַגלויביקטע עדי ראיה אַנטלאָפֿענע פֿון פּאָנאַר און זיי האָבן דעמאָלט שוין געוואוסט, אַז פּאָנאַר איז אַ מאַסן־קבר (דוואָרזשעצקי, זז׳ 53—55). אין נאָוועמבער פֿונעם אייגענעם יאָר האָבן שליחים פֿון ווילנע איבערגעגעבן די יידישע עסקנים אין וואַרשע וועגן די מאַסן הריגות אין פּאָנאַר און אין אַנדערע מקומות פֿון ווילנער געגנט (דאָרט, ז׳ 339). אין 1942 האָבן וואַרשעווער יידן שוין באַקומען איוב־בשורות פֿונעם ערשטן טויט־לאַגער אין כעלמנא (יאָנאַס טורקאָוו, אַזוי איז עס געווען, ז׳ 257) און שפּעטסטנס אין יולי 1942 זײַנען קײַן וואַרשע געקומען אַנטרונענע פֿון טרעבלינקע און געגעבן צו וויסן, אויף וואָס פֿאַר אַ מין „אַרבעט" מען שיקט אַהין

יידן. אָבער צי האָט מען דען געדאַרפֿט וואַרטן אויף ידיעות, בעת מען האָט מיט די אייגענע אויגן געזען ווי דײַטשן שיקן אויף „אַרבעט״ זקנים און זקנות, אינוואַלידן און עופֿהלעך? געגנוג צײַט איז אַוועק זינט דעמאָלט ביז צו דער ענדגילטיקער און כּמעט טאָטאַלער ליקווי־דאַציע פֿון יידן, געגנוג אויף צוצוגרייטן און אויסצופֿירן אַקטן פֿון ווידערשטאַנד. און דער ווידערשטאַנד, חוץ אין איינצלנע ספּאָראַדישע פֿאַלן, איז נישט געקומען.

די דאָ געבראַכטע אַרגומענטן און קעגן־אַרגומענטן זײַנען נישט אויסגעקלערט געוואָרן לאחר המעשה פֿון מענטשן, וואָס האָבן אַליין די קאַטאַסטראָפֿע נישט איבערגעלעבט. לייענט די זכרונות און די טאָגביכער פֿון די אַקטיווע טוער פֿון די געטאָס, און איך וועל דאָ נאָר אָנרופֿן מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו און אים צו לענגערע יאָר מאַרק דוואָרזשעצקי, הלל זיידמאַן, בערנאַרד גאָלדשטיין און רייזל קאָרטשאַק, וועט איר זען, אַז אין די געטאָס גופֿא האָט מען זיך די פֿראַגע וועגן יידישן ווידערשטאַנד געשטעלט און וועגן אים געפֿירט נישט בלויז לאַנגע, נאָר אויך טראַגישע וויכּוחים, וואו אין קאָן זײַנען געשטאַנען נישט אַבסטראַקטע וועלט־פּראָבלעמען, נאָר וואו מענטש־לעכע לעבנס, בתוכם פֿון די דעבאַטאַנטן גופֿא, זײַנען געלעגן אויף דער וואָגשאָל. אַזוי אַרום איז נישט באַרעכטיקט דער פֿאָרוואורף, וואָס מען מאַכט בײַ אונדז אָפֿט קעגן די, וואָס זײַנען „אין טרעבלינקע נישט געווען״ און האָבן די העזה אָפֿן צו זאָגן זייער געדאַנק אָדער אויסדריקן זייער געפֿיל וועגן מענטשן און פּאַסירונגען פֿון „יענער וועלט״. ס׳איז אמת, און דאָס זאָל נאָר דאָ דרך אגב געזאָגט ווערן, אַז די בעלי־טענות רײדן אָפֿט אין אַזאַ טאָן, אַז זיי פֿאָרדינען כּשר די פֿאָרוואורפֿן. מען איז ברוגז אויף די אומגליקלעכע יידישע קרבנות, וואָס זיי האָבן נישט אַרויסגעגעבן פֿון זיך געגנוג העלדן, וואָס מיר, די נישט־געליטענע און נישט־געפּרוואווטע, זאָלן זיך קענען מיט זיי גרויס האַלטן פֿאַר די גויים און זיך באַרימען. וואָס פֿאַר אַ חטאים מען זאָל נישט קענען אויסזוכן בײַ די יידן אין די געטאָס, און גראָד דאָס נישט אַנטקעגנשטעלן זיך פֿיזיש קעגן דעם דײַטש איז נישט פֿון זייערע גרעסטע חטאים און אפֿשר גאָר קיין חטא נישט. ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער נאָך זען, קענט איר אָבער זיכער זײַן, אַז יידן, וואָס האָבן געלעבט לערך רואיק, ווײַט פֿון דער פֿײַער־ליניע, וואו די האַנט פֿון

שונא האָט זיי נישט געקענט דערלאַנגען, וואָלטן בכל אופן נישט וויי־ניקער געזינדיקט ווי יענע, אויב נישט מער. ווער עס זאָגט „בעוונו־תיהם", דעם דאַרף מען פּראָסט אָפּשטעלן און צום באַלעמער נישט צולאָזן. ווער אָבער עס זאָגט, ווי יידן האָבן עס אַלע מאָל געטאָן, בעוונותינו, און נישט בלויז ער זאָגט, נאָר דאָס וויטיקט און פּייניקט אים, דער באַהעפֿט זיך צו דער יידישער טראַגעדיע, דער האָט דאָס רעכט און דעם חוב וועגן איר צו קלערן און מיט זיינע איבערטראַכ־טעגישן מיט יידן זיך צו טיילן.

און איצט לאָמיר זען, צי איז פֿון אָנהויב אָן ריכטיק צו נעמען דעם פֿיזישן ווידערשטאַנד אָדער נישט־ווידערשטאַנד קעגן די נאַצים ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פֿאַר דער אָפּשאַצונג פֿון די געטאָ־יידן, צי קען דאָס דינען ווי די איינציקע, אָדער אפֿילו די וויכטיקסטע, מאָס אויף צו מעסטן דעם יידישן געטאָ־מענטש.

דעם בעסטן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע קען אונדז געבן דער משל מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. דער יידישער פּאַרטיזאַן, סתם דער פּאַרטיזאַן, ווערט ביי אונדז דערהויבן ביז אין הימל אַריין. ער איז אונדזער שטאָלץ. ער איז פֿאַר אונדז אַ טרייסט פֿאַר די מיליאָנען פּאַסיוו־אומגעקומענע קרבנות. ווייסט איר אָבער, אַז פּשוטע יידישע מענטשן אין די געטאָס האָבן געקוקט אויף די פּאַרטיזאַנער ווי אויף גליקלעכע, וואָס אַנטלויפֿן פֿון אַ זיכערן טויט אין די געטאָס און זיי מקנא געווען, וואָס אין וואַלד וועלן זיי פּטור ווערן פֿון דער שטענדיקער אימה און פֿון דער ביטערער נויט און הונגער? דער פּאַרטיזאַן האָט זיך געפֿילט אונטער אַ געווויסן שוץ אין די געדיכטע און פֿינצטערע וועלדער. דאָ איז ער נישט אַזוי הילפֿלאָז ווי אין געטאָ. ער איז באַוואָפֿנט און קען זיך שיצן קעגן אַן אָנפֿאַל. ער איז מער נישט אַליין, צווישן אַנדערע שוואַכע הילפֿלאָזע ווי ער, נייערט אַרומגערינגלט פֿון וואָפֿן־ברידער, וואָס זייער עצם לאַגע, צי זיי זיינען יידן צי גוים, צווינגט זיי צו סאָלידאַרישער פֿאַרטיידיקונג. אין די פּאַרטיזאַנען־ראַיאָנען איז ער אויך מער געשיצט קעגן מסירות פֿון די אַרומיקע פּויערים, וואָס זיינען אָנגעשראָקן מיט רעפּרעסיעס און נקמה מצד די פּאַרטיזאַנער. זעען מיר טאַקע, אַז דעם גרעסטן פּראָצענט געראַטעוועטע יידן האָבן געגעבן די פּאַרטיזאַנער. אָבער אויך כּל־זמן ער לעבט, לעבט דער פּאַרטיזאַן און דערנערט זיך בע־

סער ווי די זעלנער פֿון דער רעגולערער אַרמיי און ווי דער ציווילער מענטש, פֿון די יידן אין געטאָס אָפּגערעדט (קאַגאַנאָוויטש, ז' 69). קוקן טאַקע די געטאָ־יידן אויף דעם פּאַרטיזאַן ווי אויף אַ בעל־מזל. פֿאַר זיי איז אַן עגאָיסט דער יונגערמאַן, וואָס אַנטלויפֿט אין וואַלד און לאָזט איבער אַליין, אין דערוואַרטונג פֿון זייער אומפֿאַרמײַדלעכן ביטערן סוף, אַלטע עלטערן, אַ פֿרוי אָדער אַ קינד. איז לייגט אַרויף די האַנט אויפֿן האַרצן, זאָגט זיך אויף אַ רגע אָפּ פֿון פֿרעמדע און פֿאַלשע באַגריפֿן און פֿרעגט זיך אויפֿריכטיק: ווער איז מער־העלד, דער פּאַרטיזאַן, צי דער יידישער זון אָדער די יידישע טאָכטער, וואָס אויך האָבנדיק די ברירה צו אַנטלויפֿן אין וואַלד, זײַנען זיי געבליבן אין געטאָ און אומגעקומען צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, פֿרוי און קינד, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיי פֿאַרלאָזן, זיי זאָלן אויסגיין אַליין, געוואָלט טיילן מיט זיי די לעצטע שעהן פֿון אַנגסט. אָבער לויט אונדזערע, פֿון דער פֿרעמד געליענע, השגות, איז דער פּאַרטיזאַן, האָט ער געמעגט לעבן בלײַבן, אַן אַקטיווער העלד, ווײַל ער האָט געטראָגן אַ ביקס, און דער טרײַער זון אָדער פֿאָטער, וואָס האָט זײַן לעבן מקריב געווען פֿאַר עלטערן אָדער פֿאַר קינדער, בלויז אַ „פּאַסיווער" קרבן, אויב נישט גאָר אַ פּחדן. און ווער דערמאָנט איצט די דאָזיקע העלדן? נאָמענלאָז זײַנען זיי אַוועק פֿון דער וועלט. אָבער זייערע נשמות וועלן פֿריער־שפּעטער זיך דערוואַרטן דעם גרויסן יידישן דיכטער, וואָס וועט זיי, די אײדעלע און ריינע, מצרף זײַן צו די נשמות פֿון יידישע קדוּ־שים פֿון אַלע צײַטן.

איז איטלעכער זעלנער אויף דער מלחמה אַ העלד? ווייסן מיר אַלע, אַז אויף טויזנטער און טויזנטער זעלנער, קען מען געפֿינען נאָר געציילטע, וואָס גייען פֿרײַוויליק אויף סכנותפֿולע העלדישע טאַטן. דער געוויינלעכער זעלנער שלאָגט זיך, ווײַל ער איז דערצו געצוואונ־גען. אָדער ער וועט דערהרגענען דעם פֿײַנט אָדער דער פֿײַנט וועט אים טויטן, אָדער גאָר אַן אייגענע קויל וועט אים פֿאַרענדיקן ווי אַ דעזערטיר, אויב ער וועט זײַן חוב נישט טאָן. אויך צווישן די יידישע פּאַרטיזאַנער זײַנען געווען העלדן, און זיכער אין אַ גרעסערער צאָל, ווי צווישן די גוייִשע מלחמה־אַרמייען. די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן בײַ די גרעסטע לעבנס־סכנות זיך געלאָזט אין די געטאָס, כּדי פֿון דאָרט אַרויסצוראַטעווען די רעשטלעך לעבן געבליבענע און אויף

אומקום פֿאַרמשפּטע יידן (קאַגאַנאָוויטש, ז׳ 299), זיי זײַנען אמתע העלדן, פּונקט ווי יענע, וואָס פֿלעגן פֿרײַוויליק זיך מעלדן אויף אויס־צופֿירן אַ באַזונדער געפֿערלעכן דיווערסיע־אַקט. אָבער בכלל זײַנען יידישע פּאַרטיזאַנער געגאַנגען אין וואַלד געשטויסן נישט דורך קאַמף־לוסטיקייט, נאָר דורך דעם פּשוטן זעלבסטרעטונג־אינסטינקט. מיטן אויסנאַם אפֿשר פֿון געציילטע יידישע קאָמוניסטן, האָבן פּאַר־טיזאַנער זיך בײַ אונדז באַוויזן ערשט נאָך די גרויסע שחיטות אין די געטאָס (קאַגאַנאָוויטש, זז׳ 78, 84 און אַנדערע ערטער), דאָס הייסט בעת די האָפֿענונגען אויף רעטונג אין געטאָ גופֿא זײַנען זיך צערונען. און די צווישן אונדזערע געשיכט־שרײַבער, וואָס ווילן איצט לאחר המעשה, צוליב קלאָרע, הגם פֿאַרשלייערטע פּאָליטישע פּניות, און מעגן זיי זײַן ווי ערלעך געמיינט, בלײַבן זיי דאָך פּניות, פֿאַרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז יידן האָבן זיך געריסן אין די וועלדער, כּדי בײַצוטראָגן זייער חלק צום קאַמף קעגן פֿאַשיזם, פֿאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם אָדער גאָר פֿאַר דער גליקלעכער צוקונפֿט פֿון זייערע „פֿאָטערלענדער", זיי פֿעלשן פּשוט ביודעים אָדער בלא יודעים די טראַגישע געשיכטע פֿון אונדזערע לעצטע יאָרן און נעמען אויף זיך אַ גרויסע זינד קעגן אונדזער הײַנטיקן דור און קעגן די צוקונפֿטיקע יידישע דורות.

האָבן מיר געזען בכן, אַז אויב מיר ווילן קריגן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דער הנהגה פֿונעם יידישן מענטשן אין די גזירה־יאָרן, טאָרן מיר נישט נעמען דעם איינציקן סימן פֿון זײַן גײַסטיקער הויכקייט אָדער נידעריקייט, צי ער האָט זיך יאָ אָדער נישט אַנטקעגן געשטעלט דעם שונא מיט וואָפֿן אין האַנט. און האָבן טענות צו דער יידישער מיליאָנען־מאַסע, פֿאַרוואָס זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין פֿיזישן ווידערשטאַנד, קענען בלויז די, וואָס ווילן נישט באַגרייפֿן די באַזונ־דערע לאַגע פֿון די יידן אין די געטאָס.

פֿאַרשטייט זיך, אויב מיר נעמען אָן פֿאַר גוט געלט די גוויישע אידייע, אַז דער כּבֿוד פֿונעם מענטשן פֿאָדערט, אַז ער זאָל אויף יעדער עוולה און אויף איטלעכער רשעות ענטפֿערן מיט כּוח, דע־מאָלט איז קיין פּראָבלעם נישטאָ. אַלץ איז דעמאָלט גלײַך בײַ די בעלי־טענות און אַלץ איז קרום בײַ די חורבן־יידן. ווי איז אָבער דער דין, אַז דער גאַנצער ענין פֿיזישער ווידערשטאַנד איז נישט מער ווי אַ פֿראַגע פֿון צוועקמעסיקייט און נוצלעכקייט? דעמאָלט ענדערט זיך

דאָס גאַנצע בילד. דעמאָלט וועלן מיר באַגרייפֿן, אַז פּונקט ווי יידן זיינען אַן אוניקום־פֿאָלק צווישן פֿעלקער, אַקוראַט אַזוי האָט אויך זייער לאַגע בעת דער מלחמה קיין גלייכעניש נישט צו זיך, נישט בלויז אין דער מאָס פֿון צרות און פּורעניות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצו־שטיין, נאָר אין דער סובסטאַנץ גופֿא. אַנווענדן צו יידן אין דער לאַגע, וואָס אין איר האָבן זיי זיך געפֿונען, קריטעריעס און מאָסן, גענו־מען ביי אַנדערע פֿעלקער און סיטואַציעס, וואָלט געהייסן זיך פֿאַרלאָזן אויף אויסערלעכקייטן און פֿאַרקוקן צוליב זיי די נשמה פֿון זאַכן און דערשיינונגען.

אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער זיינען געשטאַנען פֿאַר דער פּראָבלעם פֿון נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג און פֿון ניצחון איבערן שונא, ווי אַ פֿאַרבאַדינג דערצו. אָט דער ניצחון האָט געקענט דערגרייכט ווערן אויף צוויי וועגן, און אַזוי איז ער טאַקע דערגרייכט געוואָרן: דורך דער מלחמה אויפֿן פֿראָנט און דעם ווידערשטאַנד אין רוקן. אַלץ, וואָס האָט אים שאָדן געבראַכט הינטערן פֿראָנט, האָט אָפּגעשוואַכט זיינע כּוחות, דעזאָרגאַניזירט דעם פֿראָנט גופֿא, דעמאָראַליזירט די אָקופּאַציע־אַרמיי. אַהער געהערן: אַקטן פֿון סאַבאָטאַזש ביי דער צוגרייטונג פֿון כּלי־זין, פֿון אַמוניציע און אַפּראָוויזאַציע פֿאַר דער אַרמיי, די צעשטערונג פֿון זיינע קאָמוניקאַציע־ליניעס, דאָס אויסשפּירן פֿון די פּלענער און באַוועגונגען פֿון די פֿיינטלעכע אַרמיי־טיילן, דאָס טעראָריזירן דעם זעלנער און אָפֿיציר — דאָס אַלץ האָט געדאַרפֿט און געקענט זיין אַ צושטייער צום ניצחון, אויב ער איז בכלל מעגלעך געווען, און בכל אופֿן — אַ סימן פֿון אַ נישט געבויגענעם ווילן צו נאַציאָנאַלער פֿרייהייט, אַ ווילן, וואָס מיט אים וואָלט דער שונא געמוזט זיך רעכענען, אַפֿילו אויב ער וואָלט מיליטעריש געזיגט.

אַלע פֿעלקער האָבן געמוזט און געקענט האָבן געדולד און צייט. אינעם באַוואוסטזיין פֿון איטלעכן פֿאָלק, הגם בפּועל מעג דאָס נישט זיין אַזוי, איז זיין עקסיסטענץ אַן אייביקייט, פּונקט ווי זיין לאַנד איז אייביק. אָן דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין פֿון המשך פֿון דורות, אַמאָליקע, היינטיקע און קומענדיקע, וואָלט דאָס פֿאָלק געווען אַן ערב רב פֿון אַ גרעסערער אָדער קלענערער צאָל אינדיווידומס און דאָס לאַנד — נישט קיין נאַציאָנאַלע נחלה, נישט קיין אייגנהייט, נאָר אַ סומע פֿון פּאַרצעלן, וואָס איטלעכע פֿון זיי האָט איר אינדיווידועלן בעל־

הבית. דער גורל פֿון אַ פֿאָלק און פֿון אַ לאַנד, וואָס מיט אים איז עס געבונדן, ווערט נישט אין איין טאָג געחתמעט און הענגט נישט אָפּ פֿון ניצחונות און מפּלות אויפֿן שלאַכטפֿעלד, וואָס בײַטן זיך, הײַנט אַזוי, מאָרגן אַנדערש. ער הענגט אַפֿילו נישט אָפּ פֿונעם ענד־גילטיקן, גינציקן אָדער אומגינציקן, אויסגאַנג פֿון דער געגעבענער מלחמה. כּל־זמן דאָס פֿאָלק לעבט און דאָס לאַנד בלײַבט זײַנס, דאָס הייסט פֿון אים באַזעצט, באַוואוינט און באַאַרבעט, איז די האָפֿע־נונג נישט פֿאַרלוירן. קען עס פֿריער־שפּעטער, בײַ אַ נײַער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָנסטעלאַציע, בײַ נײַע כּוחות פֿאַרהעלטעניש, זײַנע פֿאַרלוירענע פֿרײַהייטן און סואווערעניטעט צוריק באַקומען. די פּראָבלעם פֿון פֿאָלק און לאַנד, וואָס פֿאַר איר זײַנען די פֿעלקער געשטאַנען אין דער מלחמה, איז בכן געווען אַ פּראָבלעם, וואָס גייט אַרויס פֿון די ראַמען און די גרענעצן פֿון די איצט לעבעדיקע מענטשן, פֿונעם הײַנטיקן דור. אַ פֿאָלק, וואָס ראַנגלט זיך פֿאַר זײַן קיום און פֿאַר דער גאַנצקייט פֿון זײַן לאַנד, פֿאַר אים איז קיין אײַלעניש נישטאָ. אַ פֿאָלק האָט אַלע מאָל צײַט. פֿאַרשטייט זיך, אַז איטלעכער יחיד דאַגהט פֿאַר זײַן אינדיווידועלער עקסיסטענץ, פֿאַר זיך און פֿאַר זײַנע נאָענטע. אויך דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט אַ לעבנס־אינטערעס צו ברענגען וואָס ווייניקער מענטשן־קרבנות, אויסצומײַדן צעשטערונגען און חורבות פֿון די לאַנד־רײַכטימער. ביידע מאַכן שוואַכער דאָס פֿאָלק און אָרעמער דאָס לאַנד און לײַדן פֿון זיי וועלן נישט בלויז די הײַנט־לעבעדיקע מענטשן, נאָך אויך קינפֿטיקע דורות, מיט איין וואָרט — דאָס פֿאָלק ווי אַ קאָלעקטיוו. אָבער גורלדיק, דעצידירנדיק זײַנען די פֿאַרלוסטן נישט. ס'איז פֿאַר דער נאַציע נישט קיין פֿראַגע פֿון „זײַן אָדער נישט זײַן“.

יידן זײַנען געווען די איינציקע, וואָס זײַנען געשטאַנען נישט פֿאַר דער דילעמע — מפּלה אָדער ניצחון, נאַציאָנאַלע פֿרײַהייט אָדער קנעכטשאַפֿט, נאָר פֿאַרן ביטערן פֿרעגצייכן — לעבן אָדער טויט, פֿאַר איטלעכן פֿון זיי און פֿאַר אַלעמען צוזאַמען. די אַלטערנאַטיווע פֿון אַלע איבעריקע פֿעלקער האָט זיך פֿאַר זיי נישט געשטעלט צוליב צוויי גאָר נישט קנאַפּ וויכטיקע טעמים, איינער וואָס וואָרצלט אין זייער געשיכטלעכן גורל און אין זייער מצב אין דער וועלט, און דער צווייטער — אין די צילן פֿון זייער שונא. אין די לענדער, וואו דער

פֿײַנט האָט זיי געטראָפֿן, זײַנען יידן געווען ווי אומעטום אין גלות, פֿרעמדע. אמת, די צוקונפֿט פֿון איטלעכן פֿון זייערע וואַנדערלענדער איז און דאַרף זיי נישט זײַן גלײַכגילטיק. פֿון איר הענגען אָפּ, אין אַ געוויסער מאָס, די אינטערעסן פֿון יידן־יחידים, און אין אַ קלענערער מאָס — אויך דער גײַסטיקער מצב פֿון יידישן קיבוץ. אָבער קיין מיט־בעלי־הבתים פֿון לאַנד זײַנען זיי נישט און קענען קיינמאָל נישט ווערן, סײַדן זיי וועלן אויפֿהערן צו לעבן ווי אַ באַזונדער פֿאָלק. די געשיכטע פֿון לאַנד־פֿאָלק איז נישט זייער געשיכטע און זײַן צוקונפֿט איז נישט דווקא זײַן צוקונפֿט. ווער ווייס, אויף וועלכער ברייט און אויף וועלכער לענג פֿון דער ערד־פֿלאַך וועל איך זיך געפֿינען אין דער גאָר נאָענטער צוקונפֿט, האָט זיך זיכער געקלערט נישט איין פּוילישער ייד נאָך פֿאַר דער מלחמה. און די אייגענע פֿראַגע וואָלט זיך געדאַרפֿט שטעלן דער הײַנטיקער פֿראַנצויזישער, ענגלישער אָדער אַמעריקאַנער ייד, אויב ער האָט בכלל צײַט און גײַסטיקן גלײַכגעוויכט צו טראַכטן וועגן זײַן גורל. און איז דער גלות־ייד נישט קיין שותּף צו דער פֿאָלקס־אייביקייט פֿון זײַן שכן, מוז ער זײַנע באַציאונגען מיט אים תּופֿס זײַן אין קאַטעגאָריעס פֿון צײַט און פֿון באַגרענעצטער צײַט, פֿונעם הײַנט און פֿונעם נאָענטן מאָרגן. זאָגט זיך דאָס אַרומיקע פֿאָלק נישט אָפּ אין אַ געוויסן מאָמענט און פֿאַר אַ געוויסער צײַט פֿון אונדזער מיטהילף, זײַנען מיר און דאַרפֿן זײַן לאָיאַל צו אים און גיבן אים די הילף, וואָס מיר זײַנען בכּוח צו געבן. אָבער אויך דעמאָלט באַטראַכט עס אונדז נישט, און מיר אַליין פֿילן זיך נישט, ווי גלײַכע מיט גלײַכע, ווײַל קיין אומבאַדינגטע צוקונפֿט־געמיינזאַמקייט איז צווישן אונדז נישטאָ. במילא קען צווישן אונדז אויך נישט עקסיסטירן קיין נשמה־געמיינשאַפֿט, ווייל פֿאַר איר פֿאָדערט זיך אַ שותּפֿות פֿון דורות, אַמאָליקע און קומענדיקע. אַז זי איז נישטאָ, איז פֿון וואַנעט זאָל זיך נעמען דער ענטוזיאַזם, וואָס נאָר ער קען אָנצינדן מענטשלעכע מאַסן און זיי באַוועגן צו גרויסע קרבנות אין צײַט פֿון סכּנה. יחידים קענען זיך אָנוואַרעמען בײַ אַ קליין פֿײַערל, אַפֿילו בײַם ליכט פֿון אַ גליווערעמל און אַמאָל אַפֿילו זיך מקריב זײַן, בלויז ווײַל דער שׂכל אָדער דער ערן־געפֿיל זײַנען עס מחייב. די וואַרשעווער יידישע טוערס, וואָס האָבן זיך אַריבערגעראַטעוועט אויף דער אַרישער זײַט, האָבן דאָרט אין דער צײַט פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד

אין נאמען פון די אויפשטענדלער ארויסגעלאזט דעם אויפרוף צו די פאליאקן, און, אגב אורחא (און אפשר גארנישט בהיסח הדעת), אריינגעשטעלט דארטן אלכסנדר הערצנס בארימטן זאץ געווענדט צו די פאליאקן, אז דער קאמף גייט „פאר אונדזער און אייער פרייהייט". אבער ווי ווייניק הארציקער אמת ליגט אין דער דאזיקער פראזע, אנגעווענדט צום געטא־אויפשטאנד. גענוג זיך צו פרעגן, צי געפינען זיך נישט א טייל פון די מחברים און די וואס האבן זיי אינספירירט, אויב זיי לעבן נאך, צי געפינען זיי זיך נישט שוין היינט, פיר יאר נאכן אויפשטאנד, אין ניו־יארק, בוענאס־איירעס, קייפטאן און מעלבורן און אפשר גאר, א קשיה אויף א מעשה, אין תל־אביב אדער ירושלים, און זייער אייגענע צוקונפט, בכל אופן פון זייערע קינדער (אין דעם באגרענעצטן זינען, וואס דאס ווארט צוקונפט באדייט פאר יידן, וואס בלייבן אין גלות), איז שוין גאר פארבונדן מיט צפון־ אדער דרום־אמעריקע, מיט אויסטראליע אדער דרום־אפריקע. די יידישע קעמפער, איינגעשלאסן הינטער דער געטא־וואנט און אפגעשניטן פון דער פוילישער באפעלקערונג דורך א צווייטער וואנט פון שנאה און גלייכגילטיקייט, האבן זיכער געפילט זייער אבסאלוטע איינזאמקייט און אינעם טראגישן מאמענט, ווען דער מענטש שטייט פארן טויט מיט זיין נאקעטן געוויסן, נישט געקענט האבן קיין נישט־אויפריכטיקע מחשבות, וואס נאר פאליטישע און טאקטישע כוונות קענען זיי ארויסברענגען און אמאל אפילו בארעכטיקן. זיי האבן נישט געקלערט — און האבן זיי געמעגט פריער זיין די פארברענטסטע דאיסטן און פוילישע פאטריאטן — וועגן דער צוקונפט פון פוילן: זיי, וואס זיינען זיכער געווען, אז זיי זיינען די לעצטע אדער כמעט די לעצטע רעשטלעך פונעם דריי־מיליאניקן יידישן קיבוץ פון פוילן־לאנד. אפילו קיין אילוזיע פון צוקונפט־געמיינשאפט האבן זיי מיטן דאזיקן לאנד אין אט דעם לעצטן לעבנס־מאמענט מער נישט געקענט פארבינדן. און אויב א טייל פון די קעמפער האט יא געפילט דאס באדערפעניש צו באהעפטן זייער לעצטן אטעם מיט וועלכן נישט איז געאגראפישן פונקט אויפן ערדקיילעך, האט אט דער פונקט זיך געקענט געפינען נאר אין מזרח, דארט, וואו די וויג פון אונדזער אומה איז געשטאנען, דער איינציקער פונקט אויף דער וועלט, וואו יידישער המשך איז מעגלעך. ווי זאגט איינער פון די אנטיילנעמער אין א סדר, געפראוועט

פון השומר הצעיר אין ווילנער געטאָ (זיכער איינעם פון די טראַ־גישסטע סדרים, וואָס די יידישע געשיכטע האָט וועו עס איז געקענט):
„פון די טויזנטער מענטשלעכע באַשעפעניש, וואָס זיינען פאַרטיליקט געוואָרן און האָבן געפונען זייער בשותּפותדיק קבר אין די בערג פון פאָנאַר, וועט גאָרנישט פאַרבלייבן אויסער בלוטיקע זכרונות, אַ טראַגישע לעקציע, אַ ווייטיק, אַ טיפע וואונד אין פאָלקס־האַרצן, וואָס וועט נישט פאַרצויגן, ווייל די, וואָס זיינען אומגעקומען זיינען געפאַלן אויף פרעמדער ערד. דאָס זעלביקע בלוט פון אונדזערע חברים, וואָס וועט פאַרגאָסן דאָרט, אין ארץ־ישראל, פאַרבעסערט דעם באָדן, פליסט אין אים אַריין און פאַרבלייבט דאָרט אויף אייביק. און מיט דער צייט שפּראָצט דאָרט אַרויס אַ ניי לעבן, עס בליען אויף נייע שאַפונגען און אַזוי פאַרוואַנדלט זיך דער טויט אין לעבן" (רוז'קה, ע' עה).

אַזוי האָט גערעדט אַ חבר. וואָס ער האָט דעמאָלט נישט געקענט פאָרויסזען איז, אַז די סאַמע נאָענטסטע צייט וועט ברענגען אַזאַ בלוטיקע טראַגישע אילוסטראַציע פאַר זיינע ווערטער. יידן, וואָס האָבן אין די געטאָס און אין די לאַגערן הכנעהדיק געליטן אונטערן שווערן יאָך, האָבן אין זייערע מאַסן אין די צענדליקער טויזנטער שפּעטער געוויזן דער וועלט, שוין לאַנג נישט געזעענע מוסטערן פון מוט און העלדישקייט אין זייער אייגענעם לאַנד, אין ארץ־ישראל, אינעם לאַנד פון יידישער אייביקייט, פון יידישער גבורה־קדושה.

אָבער אין קיין איינעם פון די גלות־לענדער האָבן יידן נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן דאָס געפיל, אַז זיי זיינען איינגעוואָרצלט אין באָדן, אַז זיי זיינען ביי זיך אין דער היים און לעבן צווישן זייערע שכנים ווי צווישן אייגענע. אויך נישט אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אויך דאָרט האָט דאָס יידישע היים־געפיל נישט אויסגעהאַלטן די ערשטע ערנסטע לעבנס־פּראָבע. אַ ראיה האָט איר, אַז אין סאָוויעט־אוקראַינע האָבן צענדליקער טויזנטער יידן זיך געלאָזט אויסשעכטן אָן ווידערשטאַנד פּונקט אַזוי ווי אין גלות־פּוילן, ליטע וכדומה. פון טויזנטער שטעט און שטעטלעך אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, מיט אַן אַנזעעוודיקער צאָל יידן, האָבן מיר נישט מער, און אפשר נאָר נאָך ווייניקער, ידיעות וועגן ספּאָראַדישן ווידערשטאַנד, ווי פון די אַיבעריקע לענדער. דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון אַ גלות־פאָלק האָט

בדרך כּלל אויסגעגלייכט דעם ביטערן יידישן גורל אין די געטאָס פֿון אַלע לענדער און אונטער אַלע רעזשימען. אויך אין די געטאָס אין די אָקופּירטע ערטער פֿון סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד איז די יידישע פּאַרטיזאַנ־טשינע אויפֿגעקומען נישט צוליבן קאַמפּס־חשק, נאָר ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען אין די איבעריקע מזרח־לענדער, ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער אין ברירה־לאַגע, ווי אַ מיטל זיך צו ראַטעווען פֿונעם טויט, וואָס האָט געלויערט אויף איטלעכן יידן אין געטאָ. מעג ה׳ סמאָליאַר עדות זאָגן, אַז שוין אין ערשטן געטאָ־חודש אין אויגוסט 1941 האָבן די מינסקער יידישע קאָמוניסטן באַשלאָסן צו געהאָרכן „סטאַלינס רוף״ ארויסצוגיין פֿון געטאָ און זיך לאָזן אין וואַלד אַריין, כּדי דאָרט „זיך אָנשליסן אינעם אַלפֿאָלקישן קאַמף קעגן דעם אָקופּאַנט״... „אין דעם גרויסן קאַמף, וואָס דאָס גאַנצע סאָוויעטישע פֿאָלק האָט אויפֿגענומען קעגן בלוט־שונא פֿון אונדזער היימלאַנד״... (אין מינסקער געטאָ, זז׳ 22, 23). די פֿאַקטן אָבער, וואָס ער אַליין ברענגט, באַווייזן, אַז יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען אויך פֿון מינסקער געטאָ, פּונקט ווי פֿון די געטאָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַוועק אין וואַלד ערשט נאָך אַ ריי גרויסע שחיטות (דאָרט, זז׳ 46, 50).

*

צי האָט היטלער געצילט אין דעם לעבן פֿון איטלעכן יידן, אָדער דער יידישער גוף איז פֿאַר אים געווען בלויז אַ ציל־ברעט, וואָס דורך אים און ווייטער פֿון אים האָט ער געזוכט די יידישע נשמה צו דער־גרייכן, דאָס איז אַ באַזונדערע פֿראַגע, וואָס צו איר וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. בכל אופֿן איז זיין דירעקטע אויפֿגאַבע, די וואָס האָט זיך נעלאָזט קלאָר זען, געווען צו פֿאַרשניידן יידישע לעבנס. האָט ער אונדז אַזוי אַרום לכתּחילה געשטעלט אין דער לאַגע, אַז נאָר איין זאַך און איין געדאַנק איז אונדז איבערגעבליבן: לעבן, דאָס בידוע לעבן אויפֿצוהאַלטן, וואָס פֿאַר אַ לעבן דאָס זאָל נישט זיין. און ראַטעווען האָט מען זיך געמוזט היינט, ווייל מאָרגן קען זיין צו שפּעט. מאָרגן קען מען דורכן קוימען פֿון טרעבלינקע אַוועק אויף יענער וועלט. היינעם פֿראַנצויזישער גרענאַדיר, וואָס קומט פֿון רוסישער געפֿאַנ־גענשאַפֿט און דערוויסט זיך, אַז זיין קייזער איז אַריינגעפֿאַלן אין די

הענט פֿון פֿראַנקרײַכס שונאים, מאַכט שלום מיטן טויט און בעט בלויז אים מקבר צו זײַן מיט זײַנע מעדאַלן און זײַן געווער. ליגן וועט ער אין קבר און זיך צוהערן צו די טריט אַרום און אַרום, ביז ער וועט דערהערן דעם שאָס פֿון די האַרמאַטן און דעם טראָט פֿון זײַן קייזער איבער זײַן קבר און אויפֿשטיין וועט ער דעמאָלט מיט זײַן גרייטער באַוואָפֿענונג זײַן קייזער צו שיצן. איז דאָ בלויז אַן אידייע אויסגעדריקט. ס'איז אַ גרויסער ספֿק, צי גלויבט דער גרענאַדיר, אַז ער וועט אויפֿשטיין תּחית המתים. ער ווייסט אָבער אויך, אַז אַנדערע וועלן זײַן אָרט פֿאַרנעמען און זײַן פֿאָטערלאַנד וועט לעבן. אַנדערש אָבער קלערט זיך דער אַלטער ייִד, וואָס יעקב קורץ גיט איבער זײַנע ווערטער: מיר איז נישט קיין טרייסט, וואָס מײַנע קינדער וועלן, ווען איך וועל שוין מער אויף דער וועלט נישט זײַן, קומען אָנקלאַפּן אין מײַן קבר און מיר אָנזאָגן די בשורה, אַז היטלער האָט די מפּלה געכאַפּט. וואָס וועל איך האָבן דערפֿון, ווען דאָס מיך פֿון טויט לעבעדיק מאַכן?

אַרום און אַרום האָבן פֿעלקער געפֿירט אַ מלחמה, איטלעכער פֿאַרן ניצחון, פֿאַר זײַן פֿרײַהייט און זײַן צוקונפֿט. און צווישן זיי האָבן זיך ייִדן געקאָרטשעט אין פֿאַר־גסיסה קאָנוואולסיעס. סטראַטעגישע, ווירטשאַפֿטלעכע און דיפּלאָמאַטישע פּלענער זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿריער־שפּעטער אַראָפּברענגען דעם זיג איבערן פֿײַנט. האָט געקענט זײַן אַ שותּפֿות צווישן זיי און דעם ייִדן, וואָס האָט קיין שפּעטער נישט געהאַט, וואָס שפּעטער האָט פֿאַר אים געמיינט נאָר איין זאַך: טויט? וואָלטן די קריסטלעכע פֿעלקער, בפֿרט זייערע הערשער און פֿירער, געהאַט אין זיך כאָטש אַ ברעקל דערפֿון, וואָס מיר רופֿן מענטשלעכקייט, וואָלטן זיי אונדז צוהילף געקומען און העלפֿן האָבן זיי אונדז געקענט. נאָר גיי פֿאַרלאַנג רחמנות פֿון יענע, וואָס דאָס וואָרט גופֿא איז פֿון זייער פּאָליטישן וואָקאַבולאַר פֿאַרשוואונדן, וואָס פֿאַרבליבן איז עס בלויז אין די עוואַנגעליעס און באַנוצן באַנוצט מען עס נאָר איין מאָל אין דער וואָך, זונטאָג, און מען פֿאַרגעסט עס, ווי נאָר מען האָט די קירך פֿאַרלאָזט. וועט איר נאָך טרעפֿן, הגם גאָר זעלטן, איינצלנע קריסטלעכע מענער און פֿרויען, און אַזוינע האָבן זיך געפֿונען אַפֿילו אין פּוילן, וואו די סאַמע לופֿט איז שוין זינט יאָרן געווען פֿאַרסמט מיט

שנאה, וואָס בײַ זיי איז דער מענטשלעכער פּונק נישט אויסגעלאָשן און וואָס זיי זײַנען גרייט אויסצושטרעקן אַ האַנט אַן אומגליקלעכן באַ־שעפֿעניש, מעג עס זײַן אַ ייִד. אָבער פּאָליטיק און פּאָליטישע פֿירער־שאַפֿט ווייסן נישט פֿון קיין סענטימענטן בכלל, פֿון הומאַניטאַרע בפֿרט. און די גאַנצע טיפֿקייט, די תּהומיקייט פֿון דער ייִדישער טראַ־געדיע האָט זיך בעת דער מלחמה באַוויזן נישט אַזוי אין דער דעקלאַרירטער פֿיינטשאַפֿט צו אונדז פֿון די אַקטיווע אַנטיסעמיטן, ווי אין אונדזער פֿולער איינזאַמקייט און עלנטקייט צווישן די פֿעל־קער אין דער וועלט. עלנט ווי אַ שטיין זײַנען מיר געווען אין דער שעה פֿון אונדזער גרעסטער פּײַן. קיינער האָט אונדז נישט געוואָלט העלפֿן, ווײַל קיינער האָט אונדזער הילף נישט באַדאַרפֿט. אין אַ וועלט, וואו דאָ אוט דעם איז די איינצלנע אויסטויש־מטבע, זײַנען מיר גע־שטאַנען, ווי די אייביקע קבצנים, וואָס האָבן נישט וואָס אָנצובאָטן, ווײַל זיי באַזיצן גאָרנישט. אפֿילו פֿרײַנט, איך מיין פּאָליטישע פֿרײַנט, פֿרײַנט לויט אידעאָלאָגיע און פּראָגראַמען, האָבן אונדז פֿאַרלאָזן. וואָס האָבן זיי פֿון אונדז געקענט דערוואַרטן, חוץ אונדזער דער־עסענעם געוויין און די נמאס געוואָרענע אַפּעלן צו מיטגעפֿיל און רחמנות.

נעמט די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם פּוילישן אונטערגרונד וועגן הילף פֿאַר די געטאָס, בפֿרט מיט געווער. איז ווי אין אַ טראָפּן זעט מען דעם ים, אַזוי וועט איר פֿון אָט דעם פּרט לערנען אויפֿן כּלל. געווים זײַנען אין פּוילישן אונטערגרונד, פֿאַרבונדן מיט דער פּוילישער רע־גירונג אין גלות, געווען אַ שפּאָר ביסל אַנטיסעמיטן, וואָס זײַנען גרייט געווען אַליין ייִדן אומצובריינגען און זײַנען געווען מלא שמחה, וואָס היטלער האָט זיי פֿאַרשפּאָרט די טרחה און די אַרבעט דורכגעפֿירט אַזוי פּערפֿעקט, ווי זיי וואָלטן בײַם בעסטן ווילן און פֿולער גרייט־קייט נישט געקענט טאָן. אָבער מיר מאַכן זיך לײַכטער און זיסער די ביטערקייט פֿון אונדזער אייגענער משונהדיקער און טראַגישער סיטואַציע, בעת מיר פֿאַרשרײַבן אַלץ אויפֿן חשבון פֿון אַנטיסעמיטיזם. געווען צווישן די טוער פֿונעם דאָזיקן אונטערגרונד אויך פֿאַרטרעטער פֿון פּאַרטייען, וואָס אידעאָלאָגיש און פּראָגראַמאַטיש זײַנען זיי נישט קיין אַנטיסעמיטן, אָדער, לכל הפּחות, קענען זיי זיך אַלס אַזעלכע נישט דעקלאַרירן און זייער פּאָליטישע הנהגה דורכן אַנטי־

סעמיטיזם נישט לאָזן באַשטימען. אָבער אין איין פּרט זײַנען זיי אַלע מסכּים געווען: געבן יידן אַ געהעריקן קוואַנטום געווער טאָר מען נישט (און די נישטיקע צאָל, וואָס זיי האָבן יאָ געגעבן, האָט געהאַט גאָר אַ קנאַפּן ווערט). ראשית, ווי קען מען אָנפֿאַרטרויען וואָפֿן עמעצן, וואָס מען איז מיט אים נישט זיכער, אַז אַמאָל קען ער זיי גאָר אָנווענדן קעגן אײַך אַליין. יידן זײַנען אינגאַנצן פֿרעמדע אָדער האַלב־פֿרעמדע. ווער ווייס ווי זיי וועלן זיך האַלטן אין אַ מאָ־מענט, ווען די אינטערעסן פֿון פּוילן, ווי די דאָזיקע אינטערעסן ווערן פֿון איר פֿירערשאַפֿט אינטערפּרעטירט, וועלן זיך געפֿינען אין אַ קאָנפֿליקט מיט יידישע אינטערעסן. ווען, למשל, די סאָוויעטן וועלן פֿאַרטרײַבן די דײַטשן פֿון דער פּוילישער ערד, וועלן זיי אויך זײַן מיט אונדז, וועלן זיי אויך באַשטיין אויף דעם, אַז ווילנע זאָל בלײַבן פּויליש? דאָ האָט איר אַ מאָטיוו, וועלכער איז אַגב פֿון די מער אויפֿ־ריכטיקע פּוילישע טוער, אַפֿילו סאָציאַליסטישע, מער אָדער ווייניקער בפֿירוש אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אַ מאָטיוו, וואָס איז נישט צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט געוואָרן צו אונדז, און וועט נאָך אָנגעווענדט ווערן, הײַנט פֿון איין צד, מאָרגן — פֿונעם קעגנערישן, כּל זמן מיר וועלן בלײַבן אין אונדזער קלאַסישער, אומפֿאַרמײַדלעכער, גלות־ראָלע ווי אַ פֿאָלק צווישן דעם האַמער און דער קאָוואַדלע. בײַט זיך דער האַמער, מעג זיך בײַטן די קאָוואַדלע. וואָס עס בײַט זיך אָבער נישט, דאָס איז אונדזער פּאָזיציע, אונדזער לאַגע צווישן ביידע.

יידן אין וואַרשעווער געטאָ גרייטן זיך צום אויפֿשטאַנד. זיי זוכן הילף בײַ די פּוילישע ווידערשטענדלער, זיי זוכן אַ קאָאָרדינאַציע מיט זיי. פֿירט מען דאָך אַ קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. אַ מאַגיש וואָרט אָט די קאָאָרדינאַציע, וואָס האָט אַזוי אָפֿט געהיילט, אין דער אמתן נאָר צוגעדעקט די יידישע וואונדן, פֿאַרשלייערט די יידישע עלנטקייט אויף דער וועלט. ענטפֿערן אַלע פּוילישע פּאַרטייען, דאָס מאָל אָן שום אויסנאַם, פֿון רעכטס ביז עקסטרעם לינקס: די צײַט פֿאַר אַ פּוילישן אויפֿשטאַנד איז נאָך נישט געקומען. נישט די אַלגעמיינע לאַגע איז מוכשר דערצו, נישט אונדזערע כּוחות זײַנען צײַטיק גענוג. און אונ־דזער אומגליק איז געווען, אַז עס איז געווען אַ פֿולער אמת. סוף 1942 באַקומט אַרטור זיגלבוים ז״ל אַ בריוו פֿון „בונד“ אין פּוילן מיט אַן אָנקלאַגע קעגן פּוילישן אונטערגרונט, אַן אָנקלאַגע, וואָס זיי

„וועלן קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן“. זיי בעטן ביי די פּוילישע פֿריינט געווער צו קענען כאָטש שטאַרבן ווי מענטשן, און מען האָט זיי אָפּגעזאָגט (אונדזער צייט, מערץ 1943). איז דער פּוילישער „בונד“ געווען טויזנט מאָל גערעכט בנוגע די פּאָליאַקן. אָבער טויזנט מאָל נאָך מער גערעכט וואָלט ער געווען צו זיין אייגענעם פֿאָלק, ווען ער וואָלט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין היינטיקע מלחמות ווערן וואָפֿן באַנוצט בלויז פֿאַר קאַמף און ניצחון. און עס איז נישט די שולד פֿון פּוילישן אונטערגרונד, וואָס יידן האָבן געברויכט וואָפֿן נאָר כּדי ווירדיק צו שטאַרבן. אָבער נישט בלויז דער פּוילישער „בונד“, נאָר אַ סך אַנדערע יידן ווילן דאָס אויך נישט באַגרייפֿן, ווייל דערזען דעם גאַנצן אמת הייסט זיך אָפּזאָגן פֿון האָפֿענונגען און גלויבנס, וואָס יאָרן און יאָרן האָט מען זיך מיט זיי מחיה געווען. מען וויל נישט פֿאַרשטיין, אַז די, וואָס קענען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דער געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק, בלייבן אויך אויסער די ראַמען פֿון זיין סטראַטעגיע. איז טאַקע זייער סטראַטעגיע און אונדזערע געווען פֿאַרשיידן. זייערע הייסט — זיי וואַרטן און ביי אונדז ברענען די האָר אויפֿן קאָפּ. אַ פֿאַרלוירענע מינוט איז דער זיכערער טויט. קען מען פֿון די פּאָליאַקן פֿאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן צוליב אונדז ריזיקירן זייערע שאַנסן אויף אַ ניצחון אין אַ שפּעטערדיקן און מער צוגעפּאַסטן מאָמענט, פֿאַרלאַנגען בלויז אין נאָמען פֿון מענטשלעכקייט? טאַקע געטראָפֿן דאָס אָרט, וואו צו רייִדן וועגן דעם — אויף די שלאַכטפֿעלדער, וואו מענטשלעך בלוט גיסט זיך ווי וואַסער.

יידן אין ווילנער געטאָ פֿאַרבינדן זיך מיט סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס. בעטן זיי הילף פֿאַרן אומגליקלעכן געטאָ. זאָגן יענע צו די יונגע און מוטיקע יידישע קעמפֿער: קומט צו אונדז אין וואַלד אַריין מיט אייערע וואָפֿן (וואָס זיי האָבן חוזקדיק קנאַפּ) און קעמפֿט מיט אונדז צוזאַמען, וועט איר זיין אָנגעלייגטע חברים. איז זייער פֿאָדערונג נישט קיין גערעכטע? טויזנט מאָל אַ גערעכטע, פֿאַר מענטשן, וואָס קעמפֿן פֿאַרן ניצחון און גלויבן אין זיין אָנקומען, מעג ער זיך פֿאַרזוימען. אָבער די אומגליקלעכע, וואָס גוססן אין אוממענטשלעכע ליידן און פּיין אין געטאָ גופֿא, די זקנים, פֿרויען און עופֿהלעך, אינטערעסירן זיי נישט, ווייל סטראַטעגיש־מיליטעריש זיינען זיי אין בעסטן פֿאַל אַ נול, אויב נישט קיין מינוס. אַזאַ איז די לאָגיק

פֿון די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער, זיכער פֿון די בעסטע פֿרײַנט, וואָס מיר האָבן געהאַט בעת דער מלחמה. נאָר אויך דער בעסטער פֿרײַנט קען נישט אָפּנעמען בײַ אײַך אײַער הויקער און אים אַרויפֿזעצן אויף זיך. און אַ פֿאָלק אין גלות איז אַ פֿאָלק, וואָס טראָגט מיט זיך זײַן הויקער אומעטום און אַלע מאָל, אין אַלע לענדער און אַלע צײַטן. אָבער די דאָזיקע יידישע קעמפֿער, און אַפֿילו אויב זיי זײַנען אינ־טערנאַציאָנאַליסטן, קענען זיי זייערע ברידער נישט פֿאַרלאָזן אין דער שעה פֿון אומקום און אונטערגאַנג. באַשליסן זיי אין געטאָ צו בלײַבן. נאָר נישט אַלע קענען, משמעות, זיך מודה זײַן, אַז דאָס נאַטירלעכע סאָלידאַריטעט־געפֿיל מיט ברידער אין נויט און פּײַן רעדט דורך זיי. שאַפֿן זיי זיך די אילוזיע, אַז אין געטאָ גופֿא וועלן זיי, צוזאַמען מיט דער יידישער מאַסע, פֿירן אַ קאַמף אויפֿן יידישן „אָפּשניט פֿונעם אַלגעמיינעם פֿראָנט".

אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אײַנרעדעניש, וועלן מיר שפּעטער זען.

דער אייגענער קאָנפֿליקט צווישן צוויי לאָגיקעס און צוויי פּסיכאָ־לאָגיעס, וואָס וואָרצלען אין צוויי אין תּוך פֿאַרשיידענע סיטואַציעס, קומט צום שײַן פֿון דעם ליכט אויך שפּעטער, בעת הונדערטער יידן פֿאַרלאָזן די געטאָס, ווען זייער גורל איז שוין פֿאַרחתמעט און קיין מינדסטע האָפֿענונג אויף קאַמף און רעטונג אין געטאָ גופֿא איז שוין נישט איבערגעבליבן. ראַטעווען זיי זיך מיט סכּנת נפֿשות אין די וועלדער און שטייען דאָרט צו צו די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער אָדער פֿאָרמירן אייגענע גרופּעס, וואָס אַרבעטן אין קאָנטאַקט מיט יענע. די פּוילישע פּאַרטיזאַנער (אַ. ק.) און די אוקראַינישע („די גרינע") ווילן בכלל פֿון יידן נישט הערן און כאַפּן זיי אַ פּאַר־טיזאַן, האָבן זיי פֿאַר אים גרייט נאָר איין מתּנה — אַ קויל. די סאָ־וויעטישע, מיטן אויסנאַם פֿון געוויסע אָטריאַדן, וואָס האָבן פּרינ־ציפּיעל קיין יידן נישט צוגענומען מיטן אויסרייד, אַז יידן ווילן נישט און קענען נישט קעמפֿן (קאַגאַנאָוויטש, ז' 165), זײַנען גרייט אויפֿ־צונעמען יידישע פּאַרטיזאַנער אויף גלײַכע יסודות ווי אַלע אַנדערע און פֿונדעסטוועגן, פֿונדעסטוועגן... הערן נישט אויף די רײַבונגען צווישן זיי, וואָס דערגייען פֿון צײַט צו צײַט צו שאַרפֿע קאָנפֿליקטן און אַפֿילו בלוטפֿאַרגיסונג (זע טוביה ווזוסיה בלסקי, יהודי יער,

זז' 44—43, 89—88, 65—63, 91, 157, 164—163, 169—168; רוז'קא, זז' פּא־ב, קלב; קאַגאַנאָוויטש, זז' 118, 119, 142, 155, 170, 171, און אַבֿרהם לידובֿסקי, ביערות, זז' 147—146, 163—162). און ווידער אַמאָל שטאַמען זיי אַרויס נישט בלויז פֿון באוואוסטזיניקן אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויך פֿון דעם אָביעקטיוון חילוק צווישן יידן און נישט־יידן, וואָס מיט קיין גוטן ווילן און מיט דער וואַרעמסטער פֿרײַנטשאַפֿט לאָזט ער זיך נישט באַזײַטיקן. רוסישע און אַנדערע פּאַרטיזאַנער קומען אין די וועלדער אַליין. זייערע פֿרויען און קינדער, זייערע אַלטע עלטערן זיצן רואיק ערגעץ הינטערן פֿראָנט אין רוסלאַנד און ציטערן נישט פֿאַר יעדן שאָרך ווי אַ בלאַט אויפֿן בוים. יידן האָבן נישט וואו צו לאָזן זייערע זקנים, פֿרויען און קינדער — די נעציילטע, וואָס האָבן זיך פֿון דער שׂרפֿה אַרויסגעראַטעוועט. נעמט מען זיי מיט מיט זיך אין וואַלד אַרײַן. מאַכן די גויישע פּאַרטיזאַנער קולות: צו וואָס דאַרפֿט איר אין וואַלד, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, די „משפּחות"? וואָס האָבן זיי דאָ צו טאָן און וואָס קענען זיי דאָ טאָן? די אַפּראָוויזאַציע איז איינע פֿון די גרעסטע דאגות פֿון דער פּאַר־טיזאַנקע, איינע פֿון אירע שווערסטע פּראָבלעמען. די פּויערים הונגערן אַליין און וויפֿל קען מען בײַ זיי אַרויסבאַקומען מיט גוטן צי מיט בייזן? און דאָ קומט איר מיט אַ גאַנצע כאַפּטע קינדער, ווײַבער און אַלטע לײַט, וואָס לאָ די זיי קענען אויף קיין „אַקציעס" נישט גיין, זײַנען זיי נאָך דערצו איבעריקע מײַלער און אַ שווערער באַלאַסט אין מיליטערישן זינען. מען דאַרף אָפּציען קעמפֿער פֿון זייער דירעקטער אויפֿגאַבע אויפֿן פּאַרטיזאַנער־פֿראָנט, כּדי די משפּחות צו באַוואַכן און צו פֿאַרטיידיקן. אָט דעם ווידערווילן קעגן די הילפֿלאָזע קרובים פֿון די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אַפֿילו נישט געקענט אויסראָטן די פֿאָרמעלע באַפֿעלן פֿון מאָסקווע צו נעמען אין שוץ און צו זאָרגן אויך פֿאַר די נישט־קאַמפּספּעיקע קרבנות פֿון נאַציזם (קאַגאַנאָוויטש, זז' 143, 155, 158). די דאָזיקע באַפֿעלן, וואָס ווען זיכער פֿאַר־בלײַבן ווי איינע פֿון די זעלטענע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון הומאַניזם מצד אַ רעגירונג אינעם ברען פֿון דער מלחמה, האָבן פֿונדעסטוועגן, הגם זיי האָבן געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון אַ היפּשער צאָל אַלטע לײַט, פֿרויען און קינדער, ניט געקענט ראַדיקאַל אויסוואָרצלען דעם טיפּן קאָנפֿליקט צווישן יידישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער. קיין איבעריק פֿאַרטרויען צו

די יידן איז נישטאָ בײַ די פּאַרטיזאַנער. זיי קלערן זיך: אַט האָבן זיי דאָך, כּל זמן די דײַטשן האָבן זיי געלאָזט לעבן, געאַרבעט פֿאַר זייער חיל, געמאַכט כּלי־זין און גענייט קליידער און שיך פֿאַר זייערע זעלנער, און די אַרבעט אַפֿילו נישט סאַבאָטירט, חוץ אין גאָר זעלטענע פֿאַלן (אין ווילנע און מינסק, למשל) און מיט התמדה געהאָרעוועט ווי טרײַע שקלאַפֿן פֿאַר זייער האַר. וואו איז די זיכערקייט, צי וועט נישט עמעצער פֿון די יידישע פּאַרטיזאַנער אַליין אָדער פֿון די משפּחות, אויב זייערער אַ נאָענטער געפֿינט זיך נאָך אין לעבנס־סכּנה בײַ די דײַטשן, נישט אַרויסגעבן סודות, אויב ער וועט צו די דײַטשן אַרײַנפֿאַלן, כּדי צו ראַטעווען אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ פֿרוי, אַ קינד. יידן, קלערן זיי זיך, און ווי מיר האָבן געזען, מיט אַ היפּשן גרונד, זײַנען על פּי רוב געקומען אין די וועלדער נישט כּדי מיטן נאַצי־פֿאַשיזם צו קעמפֿן, נאָר זייער אייגן לעבן צו ראַטעווען. זײַנען זיי נישט קיין קעמפֿער, נאָר אַנטרונענע פֿון לעבנס־געפֿאַר. און געפֿינט זיך נאָך אַ באַהאַלטענער אָדער אָפֿענער אַנטיסעמיט צווישן זיי, און אַזוינע האָבן זיך אין היפּשע צאָלן געפֿונען אַפֿילו צווישן די רויטע פּאַרטיזאַנער, אַפֿילו צווישן פּאַרטיי־מיטגלידער און העכערע קאָמאַנדירן (קאַגאַנאָוויטש, ז׳ 160), זאָגט ער זיך און אַנדערע: דעם דײַטש האָבן די יידן „אָפּגעגעבן" אַלץ — זייער געלט און גאָלד, זייער פּראַצע און האָב און גוטס. און צו אונדז זײַנען זיי געקומען נאַקעטע, באָרוועסע און אויסגעהונגערטע און זיי נעמען אָפּ בײַ די פּויערים די לעצטע פּאָר שטיוול און דעם לעצטן לאַבן ברויט. וואָס, וואָס, נאָר אויב שוין יאָ עפּעס נעמען בײַ זיי, געהערט עס על פּי דין און על פּי יושר צו אונדז, ווײַל מיר קעמפֿן פֿאַר זייער באַפֿרײַאונג. מיט דער צײַט זאַמלט זיך אַרום דער סאָוויעטישער יאָדרע אַ גאַנצער ערב רב פּויערים פֿון דער אומגעגנט, וואָס די דײַטשן האָבן פֿאַרברענט זייערע הײַזער אַלס רעפּרעסיע פֿאַר איינצלנע סאַבאָטאַזש־אַקטן; עס קומען אַנדערע עלעמענטן פֿון דעם אייגענעם מין, ווי אויך איבערלויפֿער פֿון וולאַסאָווס אַרמיי נאָך דעם ווי די דײַטשע מפּלה האָט זיך שוין קלאָר באַוויזן אויפֿן האָריזאָנט און אַנטלאָפֿענע פֿון דער דײַטשער געפֿאַנגענשאַפֿט, וואו דער אַנטיסעמיטישער סם האָט זיך צו זיי צוגעקלעפּט. צוזאַמען מיט זייער צאָל וואַקסט אויך דער אָפֿענער אַנטיסעמיטיזם. מען באַגנבעט און מען הרגעט יידישע פּאַרטיזאַנער און לית דין ולית דין. אמת, געווען

איינצלנע פֿאַלן, ווען די סאָוויעטישע קאָמאַנדאָ האָט האַרב באַ־שטראָפֿט, אַפֿילו מיטן טויט די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געמאָרדעט יידן, אָבער זי האָט ניט געקענט פֿירן קיין אַקטיוון קאַמף ביזן סוף קעגן אַנטיסעמיטיזם דורך מאַסן־דערשיסונגען און דעגראַדאַציעס פֿאַר מורא, אַז דאָס זאָל נישט געבן קיין שפּײַז דער דײַטשער פּראָפּאַגאַנדע (קאַגאַנאָוויטש, ז׳ 187). טראַגיש קלינגט דער ענטפֿער, וואָס אַ דעלע־גאַט פֿון מאָסקווער קאָמסאָמאָל, שוין אַן איבערצײַגטער און גלוי־ביקער קאָמוניסט, גיט אַ דעלעגאַציע פֿון יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס די פֿירערשאַפֿט פֿון אָרטיקע גרופּעס האָבן אָנגעווענדט אַלע שפּיצלעך און קונצשטיק, יידן זאָלן צו אים נישט קענען נאָענט צוקומען. און אַז עס איז דער דעלעגאַציע סוף כּל סוף געלונגען מיט אים זיך צו טרעפֿן און זיי האָבן פֿאַר אים אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ אויף דער שלעכטער באַציאונג צו די יידישע פּאַרטיזאַנער, רעדט ער צו זיי בזה הלשון: מיינט נישט, אַז מיר אין מאָסקווע ווייסן נישט דערפֿון. עס איז אַ וואונד, אָבער מיר מוזן צוקוועטשן אַן אויג, זי נישט צו זען. מיר שטייען אין אַ ביטערן געראַנגל און אויף דער וואָגשאָל הענגט דער גורל פֿונעם גרויסן סאָוויעטישן לאַנד און פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. קענען מיר צוליב אַ הייפֿל יידן אײַנרײַסן מיט אונדזערע פּאַרטיזאַנער און צעשטערן אַ באַוועגונג, וואָס איז וויכטיק און וואָגיק פֿאַרן אויסגאַנג פֿון דער מלחמה?

דאָ רעדט נישט קיין פּוילישער נאַראָדאָוויעץ. נישט קיין אַ. ק.־אָוויעץ. דאָ רעדט אַ פֿרײַנט, איינער פֿון די ווייניקע, וואָס זײַנען אונדז דעמאָלט פֿאַרבליבן אין דער וועלט פֿון רשעות, וואו מיר האָבן גע־לעבט. און אויב אויך זײַן ענטפֿער לאָזט איבער אין מויל אַ ביטערקייט און אויף דער נשמה — אַ טרויער, קענען מיר צו קיינעם נישט אַפּע־לירן, סײַדן צום רבונו של עולם, ווען די איצטיקע וועלט און אַפֿילו זײַן אייגן פֿאָלק וואָלטן נישט געווען אַזוי ווײַט פֿון אים, קענען מיר צו קיינעם קיין טענות נישט האָבן, סײַדן צו זיך אַליין, וואָס מיר זיצן אויף אַ באָדן, וואָס ברענט אונטער אונדזערע פֿיס און מיר מאַכן זיך נישט ווייסנדיק און ריידן זיך אײַן, אַז נישט קיין פֿײַער־קוילן זײַנען דאָס, וואָס בריען און בראָטן, נאָר זונענשטראַלן, וואָס וואַרעמען און גלעטן.

און צי דאַרף מען זיך נישט אָרײַנעמען אַ מוסר השכל דערפֿון, ווי די אָביעקטיווע לאָגיק פֿון אונדזער ספּעציפֿישער סיטואַציע אין דער וועלט וואַרפֿט אַריבער אַ פֿאַראייניקונגס־בריק צווישן פּאָליטישע פֿירער און פּאַרטייען, וואָס בדרך כּלל אין זייער באַוואוסטזיניקער באַציאונג צו יידן גייען זיי זיך שטאַרק פֿונאַנדער. אַז הלל זײַדמאַן פֿרעגט בײַ איינעם פֿון די פֿאַרטרעטער פֿון פּוילישן אונטערגרונד, פֿון פּ. פּ. ס., פֿאַרוואָס זיי רעאַגירן נישט קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט געפֿירט פֿון אייניקע אונטערערדישע פּוילישע צײַטונגען, באַקומט ער אין תּוך דעם אייגענעם ענטפֿער, וואָס דער ציטירטער פֿאַרטרעטער פֿון סאָוויעטישן אונטערגרונד האָט געגעבן: גענוג טײַער האָט אונדז געקאָסט די פֿאַראייניקונג פֿון די פֿאַרשיידענע גרופּירונגען פֿון פּוילישן ווידערשטאַנד, מיר זאָלן זי קאַליע מאַכן דורך אַ פּאָלעמיק וועגן דער יידישער פֿראַגע (טאָגבוך פֿון וואַרשעווער געטאָ, ז׳ 176).

און לסוף קומען מיר צום לעצטן און צום סאַמע שרעקלעכסטן קאַפּיטל פֿון אונדזער נײַסטער מאַרטיראָלאָגיע. מיר געפֿינען זיך אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַן אַנדער וועלט עפֿנט זיך דאָ פֿאַר אונדז. אַזוינע, וואָס אונדזערע אָבות אַבותינו און נישט מיר אַליין האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען. דער גרויסער לעבנס־לייטער, וואָס אויף אים דראַפּען זיך מענטשן אין דער אַזוי גערופֿענער, נאָרמאַלער וועלט און איטלעכער סטאַרעט זיך מיט אַלע כּוחות אַרויפֿצוקריכן וואָס העכער, איז דאָ איבערגעקערט געוואָרן מיטן שפּיץ אַראָפּ און מיטן אונטן אַרויף. טאַקע ממש — עליונים למטה ותחתונים למעלה. נאָר יידן האָבן זייער פּאָזיציע נישט געביטן. אויפֿן נײַעם לייטער, ווי אויפֿן אַלטן, געפֿינען זיי זיך אויפֿן לעצטן שטאַפּל, אָדער ריכטיקער — אַפֿילו אויך דאָרט נישט, וואָרעם אַפֿילו דער לעצטער שטאַפּל איז פֿאָרט אַ שטאַפּל. יידן הענגען אָבער צווישן, ערגעץ אײַנגעקוועטש אין די שפּאַרונעס אָדער אין אַ פּוסטן חלל. בײַ דער מינדסטער באַוועגונג, צי פֿון די, וואָס קלעטערן אויבן, צי פֿון יענע, וואָס קײַקלען זיך אַראָפּ אויף אונטן, ווערן די יידישע קאַצעטניקעס צוגעדריקט און גייען אַרויס מיט ריסוק אברים. און אַזוי ווי זיי פּלאָנטערן זיך צווישן די פֿיס, שטערן יידן אַלעמען, טראָגן זיי אַרײַן אַן אומסדר אין יעדן סדר, צי איז דאָס דער „נאָרמאַלער" סדר פֿון „גערעכטיקייט און געזעץ", פֿון

דער געוויינלעכער וועלט, צי די אָרדענונג פֿון פֿײַערלעך דעקלאַרירטן אַנטי־געזעץ און דער פּראָקלאַמירטער אומגערעכטיקייט פֿון דער קאָנצ־לאַגער־וועלט.

איר וועט אָבער האָבן אַ טעות, אויב איר וועט מיינען, אַז בלויז די דײַטשן האָבן אוועקגעשטעלט די יידישע קאַצעטניקעס אין דער לאַגע פֿון פּאַריעס צווישן פּאַריעס. אויך די שקלאַפֿן גופֿא האָבן זייערע יידישע „גורל־ברידער" פֿאַר אונטערמענטשן געמאַכט. אַליין אין קייטן געשמידטע, האָבן זיי זיך אויסגעקליגלט זייערע יידישע „חברים" דאָפּלטע קייטן אָנצוטאָן. אין די לאַגערן האָט תּמיד געהערשט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע פֿון פֿאַרוואַלטונג, וואָס האָט זיך געפֿונען אין די הענט פֿון די לאַגערניקעס גופֿא, די ערשטע יאָרן אומעטום — פֿון די „גרינע" (קרימינעלע און האַלב־קרימינעלע פֿאַרשוינען) און זינט 1942 — איז אין געוויסע לאַגערן (בוכענוואַלד, דאַכאַו, זאַקסענהויזן, נייענגאַמער און אַנדערע) די „מאַכט" אַריבער צו די „רויטע" (פּאָליטישע), דער עיקר — קאָמוניסטן. איז וועגן די „גרינע" האָבן מיר נישט וואָס צו ריידן. רעדט צו ווילדע חיות. אָבער וואָס הערט זיך מיט די „רויטע"? האָבן זיי, לכל הפּחות, געהאָלפֿן די אומגליקלעכסטע צווישן די אומגליקלעכע, די פֿאַרשקלאַפֿטע בײַ די שקלאַפֿן? דער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע איז נישט קיין פּשוטער, און די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט פּרטים, דאַרפֿן זיך ווענדן צו די ווערק פֿון רוסע, אויגן קאָגאָן, קרים־טאָפֿאָר בוירנעי, בענעדיקט קאַוטסקי און ווײַנשטאָק (זע די ביב־ליאָגראַפֿיע). פֿאַר אונדזער טעמע, און פֿאַר די, וואָס ווילן אַרײַנדרינגען אין דעם טיפֿערן זינען פֿון מענטשלעכע האַנדלונגען, וועט גענוג זײַן צו זאָגן אָט וואָס: נישטאָ קיין ספֿק, אַז די באַציאונג פֿון די „רויטע", די דײַטשע פּאָליטישע אַרײַנגערעכנט, צו די יידישע קאַצעטניקעס איז געווען אומפֿאַרגלײַכלעך בעסער, אומפֿאַרגלײַכלעך מענטשלעכער, ווי די פֿון די דײַטשן אין דעם פֿאַרברעכערישן ערב רב פֿון אַלע פֿעלקער פֿונעם ערדקײַלעך, וואָס זײַנען צוזאַמענגעטריבן געוואָרן אין די לאַגערן, אָנגעהויבן פֿון די הויכע קולטור־פֿעלקער ביז צו די וואַנ־דערנדיקע ציגײַנער. דאָס איז אַלץ ריכטיק בעת מען האָט אויפֿן אויג יידן יחידים. אָבער צום יידן ווי אַ מענטשן־טיפּ, צום יידישן כּלל, איז אויך זייער באַציאונג נישט געווען, און פֿון זייער קוק־ווינקל נישט געקענט זײַן, קיין באַציאונג ווי צו גלײַכע. אַן אַרויסגעזאָגטער

אָדער פֿאַרשלייערטער אומצוטרוי צו יידן קוקט אַרויס פֿון יעדער טאַט פֿון דער לאַגער־אָנפֿירונג דאָרט, וואו זי איז אײַנגעשטאַנען בײַ די פּאָליטישע. יידן זײַנען פֿאַר זיי געווען נישט קיין זיכערער, נישט קיין פֿאַרלאָזלעכער עלעמענט. דער רײַכער אָדער באַמיטלטער ייד, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין לאַגער, איז פֿאַרן קאָמוניסט אָדער סאָציאַליסט געבליבן, על פּי טראַדיציע, דער בורזשוי, אַ פֿרעמדער, אויב נישט קיין פֿײַנט. דער ייד „קריכט אויף אַלע פֿיר" פֿאַרן ס. ס., וואָס פֿאַרקערפּערט אַ רעזשים, וואָס מיט אים קעמפֿן די פּאָליטישע אויף לעבן און טויט. דער ייד זוכט, נאַטירלעך, מיט אַלע מיטלען זיך אויסצוקויפֿן און איז גליקלעך, אויב ער קען עפּעס מיט שוחד דערלאַנגען. פֿאַרן פּאָליטישן לאַגערניק זײַנען, אויך נאַטירלעך, אָט די מעטאָדן מיאוס און זיי באַטראַכטן זיי ווי „טיפּיש יידיש" (בענעדיקט קאַוטסקי, ז' 9—8, 193). קומט אָן אין בוכענוואַלד אַ טראַנספּאָרט פֿון אונגאַרישע יידן, מאַרשירן זיי פֿאַר די ס. ס. מיט „געגנזן טריט", די הענט אויפֿגעהויבן צום היטלער־גרוס. מיינען די אומגליקלעכע, אַז דערמיט וועלן זיי זיך אײַנקויפֿן בײַ די ס. ס. און אפֿשר זייער לעבן ראַטעווען. זוכן זיי דען עפּעס אַנדערש און עפּעס מער? ווי די ס. ס. רעאַגירן, פֿאַרשטייט זיך אַליין: אָט די פֿאַרשאָלטענע שקלאַפֿן ווילן נאָכמאַלפּעווען דעם הארן־זשעסט? האָבן זיי נישט כּשר פֿאַרדינט שמיץ און עינוים? און זיי באַקומען זיי אין היפּשע פּאָרציעס (רוסע, ז' 120—118). וואָס עס קלערן די פּאָליטישע, קענט איר זיך אויך לײַכט אָנשטויסן. איבעריקנס, באַהאַלטן זיי נישט זייער אויפֿגעבראַכטקייט און זייער פֿאַראַכטונג פֿאַר אָט די יידן, וואָס ווילן לעבן און נאָר לעבן. און איז עס דען נישט מער ווי „מענטשלעך", אַז מען פֿאַרגעסט דערבײַ, אַז פֿאַר קיינעם חוץ יידן, שטייט נישט אַזוי נאַקעט גרויזאַם אויסגעטאָן דער לעבנס־אינסטינקט. און אַז מען שטרענגט זיך שוין אָן און מען באַגרייפֿט עס שוין יאָ, איז וואָס קומט אַרויס דערפֿון? קיין חברים, קיין שותּפֿים, וואָס ראַנגלען זיך פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט, וועלן זיי דאָך נישט ווערן, ווײַל נישטאָ קיין צוקונפֿט פֿאַר פֿאַרמשפּטע אויף אומקום.

ערב דער באַפֿרײַאונג פֿון בוכענוואַלד, פֿרילינג 1945. געציילט זײַנען די טעג פֿון דער ממשלה פֿון די ס. ס. דער אונטערגרונד פֿון לאַגער מיט אַ קאָמוניסטישער פּרעדאָמינענץ קלײַבט צוזאַמען אַ

היפּשן קוואַנטום געוועזער אויפֿן פֿאַל, אויב די נאַציס זאָלן באַשליסן, ווי ס'איז געווען גענוג גרונד מורא צו האָבן, פֿאַר זייער אַנטלויפֿן צו ליקווידירן די לאַגערניקעס. אויף אַ געהיימער זיצונג ווערט באַשלאָסן, אַז בײַם ערשטן באַפֿעל פֿון „עוואַקואַציע", און זאָל זײַן נאָר אַ טיילווײַזער, ווערט פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינער אויפֿשטאַנד, וואָס האָט געהאַט געוויסע שאַנסן אויף דערפֿאָלג בײַ דעם צושטאַנד פֿון געפֿאַלענעם מוט און דעמאָראַליזאַציע, וואָס איז מיט יעדן טאָג, ווי די מפּלה האָט זיך דערנעענטערט, אַלץ מער אַרײַנגעדרונגען צווישן די לאַגער־הערשער. און כּך־הווה: אין אַ פּאָר טעג אַרום אַ באַפֿעל צו אַלע יידן זיך צו פֿאַרזאַמלען אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ, וואָס האָט געמיינט אָפּטראַנספּאָרטירן זיי פֿון לאַגער. און אַז אַ „טראַנספּאָרט" האָט גע־הייסן טויט פֿאַר 95, אויב נישט פֿאַר די גאַנצע 100 פּראָצענט, איז פֿאַר איטלעכן און פֿאַר אַלעמען קלאָר געווען. קומט זיך ווידער צו־זאַמען די אונטערגרונד־פּירערשאַפֿט און דער באַשלוס איז געפֿאַלן אַזוי און אַזוי: פֿאַר יידן וועט מען זיך נישט שלאָגן. סאַבאָטירן דעם באַפֿעל יאָ, העלפֿן יידן זיך אויסבאַהאַלטן — יאָ, אָבער שלאָגן זיך — לאַ. און דער דאָזיקער באַשלוס רופֿט נישט אַרויס פֿון קיין זײַט קיין פּראָטעסט, אויך נישט מצד די פֿראַנצויזישע, רוסישע, טשעכישע און אַנדערע פּאָליטישע, וואָס בדרך כּלל האָבן זיי ניט געזאָגט אָמן צו דער פֿאַרזיכטיקער טאַקטיק פֿון די דײַטשע קאָמוניסטן, וועלכע זײַ־נען געשטאַנען בראָש פֿונעם לאַגער־אונטערגרונד. אמת, די איי־גענע דײַטשע קאָמוניסטן האָבן מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיך אויך אָפּגעזאָגט צו פּראָקלאַמירן אַן אויפֿשטאַנד בשעת די ריי פֿון עוואַקו־אַציע איז דערגאַנגען צו די רוסן. אָבער אינעם דאָזיקן פֿאַל האָט זייער טאַקטיק, לכל הפּחות, אַרויסגערופֿן אַ גאַנצן שטורעם אין לאַגער. מען האָט זיי באַשולדיקט אין קריכערישקייט, נאָכגיביקייט און פּחד־נות. בײַם יידישן „פֿאַל" איז דאָס נישט געשען. אַלע האָבן אײַנגעזען די לאָגישקייט, די קלוגשאַפֿט און „יושרדיקייט" פֿונעם באַשלוס פֿאַר יידן זיך נישט צו שלאָגן. איז מילא וועגן יושר וועלן מיר בעסער נישט ריידן. קען מען דאָך, נאָך גרויסע עקשנותדיקע זוכענישן, קוים אַ סימן דערפֿון געפֿינען אין דער „נאָרמאַלער" וועלט, וואָלט עס געווען גאַיוו צו נישטערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אָבער פּאָליטישע חכמה, לויט הײַנטיקע השגות, לויטן מאַקיאַוועלישן כּלל גדול, וואָס

האָט זיך אָנגענומען איבער דער גאַנצער וועלט, אַז פּאָליטיק מיט מאָראַל, מיט יושר און גערעכטיקייט זײַנען נישט קיין פּאָר קליידער, אָט די פּאָליטישע קלוגשאַפֿט איז אינעם דאָזיקן באַשלוס יאָ געווען און איטלעכער בר דעת האָט דאָס פֿאַרשטאַנען. זעט איר, אַז די ס.ס. האָבן געפּרואווט עוואַקואירן די פּאָליטישע פֿירער אַליין — דאָ האָט מען אָן שום קווענקלענישן און וואַקלענישן דערקלערט: דער ענטפֿער אויף דעם וועט זײַן אַן אַלגעמיינער אויפֿשטאַנד. און ווידער אַמאָל איז דאָס געווען „אין אָרדענונג". וואָרעם דאָ האַנדלט זיך נישט מער וועגן ראַטעווען מענטשן פֿון טויט. אויפֿהיטן די קאַדרעס פֿונעם צוקונפֿטיקן דעמאָקראַטישן רעזשים אין דײַטשלאַנד, ראַטעווען די פֿריערדיקע און צוקונפֿטיקע קעמפֿער, הייסט אַרבעטן פֿאַר דער רעוואָלוציע. און רעוואָלוציע איז ווערט קרבנות, ווי גרויס זייער צאָל זאָל נישט זײַן.

איך האָב דאָ אַרײַנגעבראַכט אַ טעמע אין אַ טעמע: די יידישע עלנטקייט אויף דער וועלט, וואָס די טראַגישע יאָרן האָבן אויף איר געוואָרפֿן אַ נאָך מער טראַגישן ליכט, אין דער טעמע פֿון יידישן ווידערשטאַנד. זייער שײַכות וועט קלאָר ווערן שפּעטער אַביסל. דערווײַל בין איך אויסן געווען צו אילוסטרירן דעם טיפֿן אונטערשייד און די קאָנפֿליקטן, וואָס דער דאָזיקער אונטערשייד האָט אַרויסגערופֿן, צווישן יידן און גויים. דער אונטערשייד אין דער אָביעקטיווער סיטואַציע פֿון יידן און נישט־יידן פּנים אל פּנים מיט דעם געמיינזאַמען שונא, דער תּהום צווישן אונדז און דער וועלט איז נישט אויפֿגעקומען אין די מלחמה־יאָרן. ער עקסיסטירט פֿון לאַנג, זינט יידן זײַנען פֿון זייער לאַנד פֿאַרטריבן געוואָרן און צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן צווישן די פֿעלקער. אָבער אין אונדזערע גרויזאַמע טעג האָבן יידן אין דעם דאָזיקן תּהום אַרײַנגעקוקט און אים דערזען אין זײַן גאַנצן גרויל און שרעק. וועלט־פּראָבלעמען פֿון די אַנדערע האָבן פֿאַר זיי אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן. פּוסט איז געוואָרן אויף דער נשמה און נאָר איין אינסטינקט איז איבערגעבליבן, דער אינסטינקט פֿון יעדער בעל־חי — לעבן, ציִען דאָס לעבן ווי לאַנג נאָר עס לאָזט זיך.

אָט אין דעם דאָזיקן, דוכט זיך, אַלגעמיין באַקאַנטן געמיט־צושטאַנד פֿונעם געטאָ־יידן ליגט דער שליסל צו אונדזער גאַנצער פּראָ־

בלעם, די תּשובֿה אויף דער ביטערער שאלה, וואָס רופֿט אונדז און גיט אונדז קיין רו נישט: פֿאַרוואָס האָבן יידן זיך געלאָזט פֿירן צום טויט, פֿאַרוואָס האָבן די יידישע מאַסן זיך נישט אַנטקעגן געשטעלט? וואָלט איך וועלן אויפֿגעבן די יידישע ליבהאָבער פֿון אַנאַלאָגיעס אַ פּשוטע אויפֿגאַבע: זאָלן זיי אויף טשעקאַוועס באַווײַזן אין דער וועלט־געשיכטע, אין דער אַלטער און אין דער נײַער, כאָטש איין פֿאַקט, ווען פֿעלקער און מאַסן זאָלן האָבן געקעמפֿט בלויז פֿאַרן נאַקעטן לעבן? אַלע רעוואָלטן פֿון אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע גרופּן, פֿון רעליגיעזע סעקטעס, אַלע מלחמות, וואָס מענטשן האָבן געפֿירט, זײַנען געפֿירט געוואָרן אין נאָמען פֿון פֿרײַהייט אָדער גערעכטיקייט, אָדער פֿון ביידע צוזאַמען. אַזוי איז געווען מיט דעם אויפֿרור פֿון די פּלעבעער אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די ברידער גראַקכוס, מיט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די שקלאַפֿן בראָש מיט ספּאַרטאַקוס אין אַלטן רוים, מיט די פּויערים־בונטן אין מיטלעלטער און אין דער נײַער צײַט און געענדיקט מיטן פֿרײַהייט־געראַנגל פֿון די אונטערדריקטע אייראָפּעיִשע פֿעלקער אין משך פֿון גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט. פֿאַר אידעאַלן קעמפֿן נאָך הײַנט די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פֿעלקער און דער אַרבעטער־קלאַס פֿון דער גאָרער וועלט. מענטשן זײַנען געגאַנגען און גייען נאָך הײַנט אויף מלחמה־פֿראָנטן און אויף באַריקאַדעס נאָר דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען אינספּירירט פֿון אַ העכערן אידעאַל, אַן אמתן אָדער אַ פֿאַלשן, דאָס האָט מיט אונדזער ענין נישט צו טאָן. מענטשן זײַנען זיך מקריבֿ בלויז פֿאַר עפּעס, וואָס שטייגט איבער זייער אייגן לעבן. צי וועלן זיי אַליין געניסן די פֿרוכט פֿון ניצחון, דאָס איז על פּי רובֿ כּלל נישט זיכער, גיכער נישט — ווי יאָ. אָבער זייערע קינדער און קינדס־קינדער, גלויבן זיי, וועלן לעבן אַ שענער און בעסער לעבן. אומגערעכטיקייט וועט פֿאַרשווינדן און גערעכטיקייט וועט הערשן אויף דער וועלט. פֿאַר אָט דעם קעמפֿן מענטשן־מאַסן, פֿאַר אָט דער אַבסטראַקציע זײַנען זיי זיך מקריבֿ, פּונקט ווי זיי גיבן אָפּ פֿרײַדיק זייער לעבן פֿאַרן גלויבן, פֿאַר אַן אמונה, וואָס אויפֿגעקלערטע און „קלוגע” מענטשן האַלטן פֿאַר פּוסטע אײַנרעדענישן. און דאָך, און דאָך קווענקלען זיך נישט מענטשן אָפּצוגעבן פֿאַר די דאָזיקע „אײַנרעדענישן און אילוזיעס” דאָס איינציקע רעאַלע, וואָס זיי באַזיצן, וואָס זיי קענען זען מיט זייערע אויגן, אָנ־

טאָפּן מיט זייערע הענט און פילן מיט זייערע חושים: זייער פאַרמעגן און זייערע פאַרגעניגנס און זייער נפש גופא.

טרעפט עס דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון מענטשלעכע געזעלשאַפטן און פון אונדזער אייגענער יידישער געשיכטע, אַז אַ גאַנץ פאָלק האָט געדאַרפט זיך ראַנגלען פאַרן סאַמע קיום, פאַרן פיזישן קיום. איז טאַקע דער געראַנגל נישט געקומען, הגם עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז גראָד דאָ האָט ער געדאַרפט זיין דער פאַרביסנסטער און דער עקשנותדיקסטער. וואָרעם קען דען עפּעס דעם מענטשן טייערער זיין ווי זיין אייגן לעבן? האָט מען טאַקע געהערט און הערט מען נאָך איצט אָפט די טענה פון גויישן צד, אָבער אויך פון נישט וויניק יידן: וואָס איז געשען מיט די געטאָ־יידן, סיי ווי איז דאָך זייער לעבן געווען פאַרלוירן, וואָלטן זיי לכל הפחות געשטאָרבן ווי „מענטשן", מיט די פויסטן זיך געשלאָגן, אבי זייער כבוד און דעם כבוד פון זייער פאָלק צו ראַטעווען. אָבער מענטשן־מאַסן קעמפן נישט צוליב דעם, ווייל סיי ווי סיי איז אַלץ פאַרלוירן, נאָר דווקא ווייל נישט אַלץ איז נאָך פאַרלוירן. בלויז האָפענונג קען דערמוטיקן דעם מענטשן צו אַ שלאַכט. האָפענונגסלאָזיקייט פירט די מאַסן צו אַפּאַטיע און יאוש. איז דאָס לעבן סיי ווי פאַרלוירן, טאָ זאָל דער טויט קומען ווען ער מוז קומען, מיט אייגענע הענט אים דערנענטערן, דאָס איז קעגן דעם עלעמענטאַרן לעבנס־אינסטינקט. אָט דאָס ווילן נישט איינזען אָדער קענען נישט משיג זיין די אַלע, פרעמדע און אייגענע, וואָס קומען מיט טענות צו די געטאָ־ און לאַגער־יידן. די פּסיכאָלאָגיע פון זעלבסטמאָרד איז נאָך עד היום אַ טונקעלער ענין, נישט געקוקט אויפן שלל ביכער, וואָס זיינען אויף דער טעמע געשריבן געוואָרן. עס איז אָבער נישטאָ קיין ספק, אַז אין יעדן אַקט פון זעלבסטמאָרד ליגט עפּעס פּאַטאָלאָגישעס, אויב מען נעמט אָן די געוויינלעכע מענטשן אָלס די געזונטע נאָרמע, און קיין אַנדער מאָס האָבן מיר נישט. אַ מענטש קען פרייוויליק גיין דעם טויט אנטקעגן און אַפילו מיט די אייגענע הענט אַ סוף מאַכן צו זיין לעבן, ווי ס'איז אָפט געווען דער פאַל מיטן יידישן קדוש השם, ווען אין זיין באַוואוסטזיין איז זיין טויט נישט דער סוף פון אַלע סופן. ווען ער גלויבט אָדער אין פּערזענלעכער השארת הנפש, אָדער אַז ער וועט

דורך זײַן טויט לעבן אין זכּרון פֿון די צוקונפֿטיקע דורות, אינעם כּלל, צי איז דאָס זײַן פֿאָלק אָדער די מענטשהייט.

אַט פֿאַרוואָס די טענות קעגן די געטאָ־יידן, ווי לאַגיש זיי זאָלן נישט אויסזען, געפֿינען זיך אין דער אבסאָלוטער סתּירה מיט דער פּסיכאָלאָגיע פֿון מענטשן און פֿון מענטשלעכע מאַסן. דאַרף איך מײַן נאַקעטן לעבן ראַטעווען, איז לאָזט מיך. דאָ איז דער יחיד אי דער בעל־הבית, אי דער קליגערער, וואָרעם ווער וועט פֿאַר מײַן לעבן וועלן און קענען אַזוי גוט זאָרגן ווי איך אַליין. אַזוי דענקט דער מענטש און ער איז בדרך כּלל גערעכט. און אַפֿילו אויב ער איז זיך טועה, וועט איר אָבער די מענטשלעכע נאַטור נישט ענדערן. אויף ראַטעווען זיך, וועט ער גיין מיטן כּלל בלויז, אויב ער האָט שאַנסן מיטן און דורכן כּלל זיך צו ראַטעווען אָדער ווען ער האָט שוין לאַנג פֿאַרלוירן יעדע האָפֿענונג לעבן צו בלײַבן און זיך בהדרגה אײַנגעלעבט מיטן געדאַנק וועגן טויט, דאָס הייסט, אַז ער הערט אויף ביסלעכווײַז צו זײַן אַ נאָרמאַלער מענטש. דאָס קען פּאַסירן בפּרט, ווען די גאַנצע סבֿיבֿה פֿון דעם מענטשן איז דורכגעזאַפּט מיטן טויט־געפֿיל, וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ מאַסן־פּסיכאָז. אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָט זיך געפֿונען די וואַרשעווער געטאָ פֿאַר איר ענדגילטיקער אויסראָטונג, ווען בײַ דער מערהייט פֿון די נאָך איבערגעבליבענע זײַנען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון לאַנגיאָריקן טויטשרעק אָפּגעטעמפּט געוואָרן די נאָרמאַלע לעבנס־חושים, די נאָרמאַלע רעאַקציעס, טאַקע דעריבער איז דער אויפֿשטאַנד געקומען אַזוי שפּעט און האָט נישט געקענט קומען פֿריער.

איר קענט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, ווי שווער עס איז פֿאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן, כּל זמן ער לעבט, באמת ובפֿועל צו פֿאַרלירן יעדע האָפֿענונג אויף צו לעבן און מושווה צו ווערן מיטן טויט־געדאַנק. די אינדישע מיטאָלאָגיע גיט אַ פֿײַנעם אויסדרוק צו אַט דעם געדאַנק: אַז יאַמאַ, דער גאָט פֿון טויט, פֿרעגט דעם העראָ יודשיסטיראַ: וואָס איז די פּלאַימדיקסטע זאַך אינעם לעבן, ענטפֿערט ער: — דאָס, וואָס דער מענטש, זעענדיק ווי דער טויט פֿאַרשנײַדט איטלעכן טאָג אַזוי פֿיל מענטשן אַרום אים, ווייל ער פֿונדעסטוועגן נישט הערן און נישט וויסן וועגן אייגענעם טויט.[3] אַ מענטש קען נישט גלײַכצײַטיק אי לעבן אי טויט זײַן אין זײַן געפֿיל. לעבן און טויט געהערן צו די

זאַכן, וואָס אין עצם שליסן זיי אויס איינע דאָס אַנדערע נישט בלויז פֿיזיש, נאָר געדאַנקלעך און געפֿילמעסיק. דער פֿראַנצויזישער שרײַבער רוסע, וואָס האָט אָנגעשריבן איינעם פֿון די בעסטע ביכער וועגן דער קאָנצלאַגער־וועלט, באַשרײַבט אַ סצענע, ווי אַן אַלטער מאַן, וואָס גייט מיט אַ גאַנצער עדה זײַן לעצטן וועג צו דער גאַזקאַמער, פֿאַלט פֿון די פֿיס, בלײַבט זיצן, ווײַל ער קען זיך מער נישט רירן. שרײַט אויף אים דער דייטשער וואַכמאַן, דו, הונט איינער, וועסט נישט גיין, שיס איך דיך אויפֿן אָרט. נעמט דער אַלטער צונויף זײַן לעצט ביסל כּוחות, שטעלט זיך אויף: איך גיי, איך גיי, מײַן הער, און ער לאָזט זיך געהאָרכזאַם אויפֿן וועג צום טויט. איז דאָס נישט מאָדנע, נישט צו באַגרײַפֿן: ער ווייסט וואויל, וואוהין מען פֿירט אים, ער ווייסט, אַז זײַנע מינוטן זײַנען געציילטע און אַז דער טויט דורך אַ שאָס איז אַ סך לײַכטער און פֿאַרשאַפֿט ווייניקער יסורים, ווי די לאַנגע גסיסה אין דער גאַזקאַמער. אַפֿנים, אַז דאָס איז גאָרנישט מאָדנע, אַז ס'איז מענטשלעך און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די, וואָס האָבן אַזוינע איבערלעבענישן אַליין געהאַט. מרדכי שטריגלער, וואָס אין דער יידישער חורבן־ליטעראַטור איז זײַן „מאַידאַנעק" איינע פֿון די אויפֿריכטיקסטע און טיפֿסטע זאַכן, וואָס האָבן זיך ביז איצט באַוויזן, לאָזט אונדז באַגרײַפֿן, וואָס הייסט 5 מינוטן לעבן דווקא ווען דער מענטש ציטערט, טאָמער זײַנען דאָס זײַנע לעצטע מינוטן. אַ מינוט לעבן איז פֿאַרן מענטשן געגליכן צו דער אייביקייט, וואָרעם כּל־זמן דער מענטש איז נישט אַריבערגעטרעטן די שוועל פֿון טויט, מוז ער די דאָזיקע מינוטן האַלטן פֿאַר אַן אייביקייט, און מעג ער וויסן, אַז דער טויט מוז קומען, און וועלכער שטערבלעכער ווייסט נישט זײַן ענד, אָבער פֿילן זײַן סוף קען ער נישט און וועט קיינמאָל נישט קענען. סײַדן אַמאָל וועט דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט אָפּגעווישט ווערן, און דער פֿאָרהאַנג, וואָס פֿאַרדעקט ביידע מיסטעריעס פֿאַר די מענטשלעכע אויגן, וועט פֿאַלן.

נישט דערפֿאַר האָבן יידן אין די געטאָס זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, ווײַל זיי האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז אין טרעבלינקע און אוישוויץ שיקט מען אויף אַרבעט, נאָר ווײַל זיי האָבן אין ווידערשטאַנד נישט געזען קיין שום רעטונגס־שאַנסן און פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַרקערט — זיך אַנטקעגנשטעלן — הייסט טויט הײַנט, בעת אין

טרעבלינקע דאַרף מען ערשט פֿאָרן. האָבן זיי דערוויַיל באַטש גע־
האַט אַן אילוזיע און זיך מיט איר געטרייסט. און ביז וואָס ווען,
אפֿשר וועט אַ נס געשען, ווי ד״ר מארק דוואָרזשעצקי האָט אין זיַין
גלענצנדן און רייַך־דאָקומענטירטן ווערק איבערן חורבן־ווילנע אויס־
געצייכנט כאַראַקטעריזירט די שטימונג פֿון ווילנער געטאָ. און אַז
מען איז שוין יאָ אין טרעבלינקע, איז שוין כּלו כּל הקצין? לויט
דער וואָרשיינלעכקייט־טעאָריע, קען יעדער ייד זיך קלערן, אַז גראָד
ער, און פֿאַרוואָס טאַקע נישט ער, וועט זיַין צווישן דער נישטיקער
צאָל, וואָס וועט פֿון דאָזיקן גיהנום אַרויס לעבעדיק.

יידן אין געטאָס האָבן גאָר אָפֿט ריזיקירט מיט זייער אייגענעם
לעבן און לעבן פֿון זייערע קינדער. אָבער ווען? ווען זיי האָבן דאָס
געמוזט טאָן זייער חיות אויפֿצוהאַלטן, דורכצושמוגלען דורך די
געטאָ־ווענט אַ לעבל ברויט אָדער אַ שטיקל פּוטער. ריזיקירן מיטן
לעבן צוליבן לעבן, האָט אַ זין. אָבער גיין אויפֿן טויט צוליבן
טויט?

יידן אין די געטאָס זיַינען געווען איזאָלירט פֿון דער אַרומי־
קער באַפֿעלקערונג און פֿון איר נישט געקענט דערוואַרטן קיין ממשות־
דיקע הילף אין פֿאַל פֿון אַ ווידערשטאַנד. איזאָלירט אָבער איז אויך
געווען פֿון דער יידישער מאַסע דאָס הייפֿעלע יידישע ווידערשטענד־
לער. די דאָזיקע מאַסע האָט דעם קאַמף מיטן שונא, אַ קאַמף נישט
אויף לעבן און טויט, נאָר בלויז אויף טויט — נישט געוואָלט. דע־
ריבער איז טאַקע די צאָל פֿון אַקטיווע אָנטיילנעמער אין די אויפֿ־
שטאַנדן אין די געטאָס געווען אַזוי נישטיק קליין, הגם די דאָזיקע
אויפֿשטאַנדן זיַינען פֿאָרגעקומען אין אַ מאָמענט, ווען דער יאוש
האָט שוין איינגאַנצן באַהערשט די יידישע באַפֿעלקערונג, וואָס האָט
שוין זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק פֿון איר ביטערן סוף. די האָפֿע־
נונגסלאָזיקייט האָט אָבער נאָר געקענט האָבן די פּעולה, וואָס די
יידישע מאַסע האָט נישט געשטערט, זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט
קעגן די יידישע ווידערשטענדלער, ווי זי האָט עס געטאָן דאָרט, וואו
עס איז נאָך געווען אַ פּיצל שיַין פֿון האָפֿענונג אויף רעטונג. לייענט
ביַי רוזשקע און ביַי ד״ר דוואָרזשעצקי זייערע טראַגישע באַשריַי־
בונגען פֿון די פּאַסירונגען אין ווילנער געטאָ. די געסטאַפּאָ פֿאָדערט
דעם קאָפּ פֿונעם פּירער פֿון יידישן אונטערגרונד איציק וויטענבערג,

און אויב נישט — וועט די גאנצע געטאָ, פֿון קליין ביז גרויס, אי־בערגעענטפֿערט ווערן דעם פֿײַער און דעם שווערד. קומט זיך צוזאמען דער שטאב פֿון יידישן ווידערשטאנד און ער שטייט פֿאַר איינעם פֿון די סאמע דראמאטישע באשלוסן, וואָס קעמפֿער האָבן ווען נישט איז געהאט אָנצונעמען: זיך אונטערגעבן און דערמיט אפֿשר ראטע־ווען טויזנטער לעבנס, אָדער נישט נאָכגעבן און פֿארטיידיקן דעם מענטשלעכן כּבוד, אפֿהיטן די לאָיאלקייט און טרײַקייט צו אַ חבר און אַ העלד. שטורעמט דער המון דעם זיצאָרט פֿון דער פֿ.פּ.אָ. (פֿאראייניקטע פּארטיזאנער־אָרגאניזאציע). העכער פֿון אלעמען שרײַט די יידישע אונטערוועלט אויף די „גזלנים", וואָס ווילן אומברענ־גען פֿרויען און קינדער. אָבער אויך מאסן ארבעטער געפֿינען זיך צווישן דעם אויפֿגעבראכטן המון, אפֿילו אזוינע מסתּמא, וואָס אין פֿריערדיקע נאָרמאלע צײַטן זײַנען זיי געווען רעוואָלוציאָנערן און גרייט געווען צו לײַדן פֿאַר זייערע יידיש־נאציאָנאלע אָדער אינטער־נאציאָנאלע אידעאלן. און בקול אחד פֿאָדערט די מאסע, מען זאָל ארויסגעבן וויטענבערגן, כּדי די איבערגעבליבענע רעשטלעך אין געַ־טאָ צו ראטעווען. און עס העלפֿן נישט די שטארקסטע ארגומענטן, וואָס די ווידערשטענדלער ברענגען ארויס פֿאַר דעם המון: נישט וויטענבערגס קאָפּ, זאָגן זיי, וויל דער דײַטש, נאָר אונדזער אלעמענס. ער וויל פּטור ווערן פֿון די קעפּ פֿון ווידערשטאנד, כּדי דערנאָך צו קענען זיך נעמען צו אלע יידן, די רואיקסטע און שטילסטע ארײַנ־געַרעכנט, כּדי אונדז אלעמען לײַכטער צו ליקווידירן. און אַז דער דאָזיקער ארגומענט איז געווען ריכטיק און קלאָר ווי דער טאָג, ווער קען דערין איצט, לאחר המעשה, צווייפֿלען? האָבן דאָך די געַ־שעעענישן זיך אנטוויקלט פּונקט אזוי, ווי די ווידערשטענדלער האָבן דאָס פֿאָרויסגעזען. אָבער אלע ארגומענטן שפּרינגען ווי אַ בומעראַנג אויף צוריק, זיך אָנשטויסנדיק אויפֿן לעבנס־אינסטינקט פֿונעם מענטשן. די יידישע רעוואָלוציאָנערן זעען, ווי עס רוקט זיך אָן די שרעק פֿון קאמף נישט מיט די דײַטשן, וואָס צו אים האָבן זיי זיך צוגעגרייט, ריזיקירנדיק יעדע שעה און יעדע רגע זייער לעבן, נאָר פֿון אַ ברודער־מלחמה מיט זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער, וואָס האלטן זיך שטײַף בײַ זייערע האָפֿענונגען און אילוזיעס. ווי־טענבערג אליין, לויט איין ווערסיע, זײַנע חברים פֿון שטאב, לויט אַן

אנדערער, באַשליסן, ער זאָל פּריוואַטליק און לעבעדיקערהייט, ווי די דײַטשן האָבן געפֿאָדערט, זיך איבערגעבן אין זייערע הענט. מיט פֿעסטע טריט און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ שפּרײַזט וויטענבערג דורך די געטאָ־געסלעך ביז ער קומט צו דער דײַטשער וואַך און גיט זיך איר אונטער. דער המון בארויקט זיך און פֿון אַלעמענס ברוסט הערט זיך דאָס מורמלען, דערשטיקט פֿון געוויין: אַ גיבור איז ער, אַ קדוש איז ער, אָט דער יידישער שוסטער איציק וויטענבערג. מיט אָראַפּגעלאָזטע קעפּ שטייען זײַנע קאַמפֿס־חברים. זיי ווייסן, אַז רבן דקרו. נאָר אַזוי איז געווען דער ווילן פֿון פֿאָלק און מיטן אייגענעם פֿאָלק קען מען קיין מלחמה נישט פֿירן. קען מען נישט? האָבן דען דאָס נישט געטאָן אַלע רעוואָלוציאָנערן פֿון אַלע צײַטן און פֿעלקער? זײַנען רעוואָלוציאָנערן בײַ זייער בראשית נישט געווען אַלע מאָל איזאָלירט פֿון פֿאָלק און קעגן פֿאָלקס ווילן זיך געראַנגלט מיט זײַנע אונטערדריקער און פֿאַרפֿאָלגער? ערשט מיט דער צײַט איז זיי געלונגען, נישט בלויז דורך פּראָפּאַגאַנדע, נאָר טאַקע דורך זייערע אַקטן, וואָס האָבן לכתחילה אַרויסגערופֿן פּראָטעסטן בײַ דער מאַסע, זי צו דערציען, אָט די מאַסע, און ביסלעכווײַז צו געווינען פֿאַר זייערע — אירע אידעאַלן. אָבער דאָ, אין געטאָ, האָט אין לעצטן קריטישן און טראַגישן מאָמענט אויפֿגעלויכטן אין די מוחות און די נשמות פֿון דעם הייפֿל יידישע רעוואָלוציאָנערן, העלדן און קדושים, דאָס טראַגישע ליכט פֿון די ביטערע געטאָ־רעאַליטעטן. זייער דערציאונג אינעם שוים פֿון רעוואָלוציאָנערע אידייען, יידיש־ציוניסטישע אָדער אינטערנאַציאָנאַליסטיש־סאָציאַליסטישע, זייער ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט, זייערע פּערזענלעכע השגות פֿון מענטשלעכער ווערדע און כּבוד — אַלץ איז מיט אַמאָל צעשמעטערט געוואָרן אָן דער אײַזערנער וואַנט פֿון מענטשלעכע באַשעפֿענישן, וואָס ווילן לעבן און נאָר לעבן. מיט העראָישע אַקטן קען מען נישט באַשײַנען און דערציען אַ פֿאָלק, וואָס זײַנע לעבנס־טעג זײַנען געציילט, וואָס זײַן צוקונפֿט איז נישט אַ נײַער אָנהויב פֿון אַ לעבן, נאָר דער סוף פֿון אַלע סופֿן — דער טויט. און דעמאָלט איז בײַ זיי צײַטיק געוואָרן דער געדאַנק, וואָס זיי אַליין האָבן פֿריער מיט אים און מיט זיך אַליין זיך געראַנגלט: אַוועק פֿון געטאָ אין וואַלד אַרײַן, איבערלאָזן די יידישע מאַסע צו איר שרעקלעכן גורל און קעמפֿן ווי יחידים, כּדי נקמה

צו נעמען פון די מערדער פון יידישן פאָלק, פון יידישע פרויען און קינדער.

איך פיל, אז איך האָב מיך דאָ צוגערירט צו אַ טעמע, וואָס איך בין צו איר נישט דערוואַקסן. וועל איך באַלד שטעלן אַ פּונקט. איך וויל נאָר זאָגן, אַז אויב דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן, און ווער עס גלויבט נישט דערין, הערט אויף אַ ייד צו זיין, וועט אַמאָל ביי אונדז אויפשטיין אַ יידישער גאון און וועט אויפשרייבן איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס, וואָס די וועלט־ליטעראַטור פאַרמאָגט און וועט פאַרמאָגן, וועגן דעם קדוש איציק וויטענבערג, דעם יידישן קאָמוניסט, וואָס האָט פאַר זיין פאָלק מקריב געווען נישט בלויז זיין ערדישן גוף, נאָר אויך זיין רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, זיין נשמה. ווי זאָגט ער דורך אַ. סוצקעווערן: „כ'האָב אָפּגעגעבן גאָר, מיין חלום און מיין וואָר". אינעם געראַנגל צווישן זיין קעמפער־נאַטור און זיין „פינטעלע־ייד" האָט ער, אין דער שעה פון גרויסן און לעצטן נסיון, געבויגן זיין שטאָלצן קאָפּ פאַר זיין אָרעמען, געבראָכענעם און אין דרייען גע־בויגענעם ברודער — דעם ברודער פון טויזנטער יאָרן, וואָס זיינען אַוועק, פון טויזנטער יאָרן, וואָס וועלן קומען.

III.

די דעזהומאַניזאַציע פונעם מענטשן

אידענטיפיצירט מען דאָס העראָישע אינעם מענטשן און אין מענטש־לעכע געזעלשאַפטן מיט זייער פיזישן ווידערשטאַנד, איז קיין חדוש נישט, אַז די צווישן אונדז, וואָס דענקען אַזוי, האָבן, בעת זיי האָבן גע־זוכט עפּעס ליכט אין דער טיפער חשכות פון די לעצטע גזירה־יאָרן, קאָנצענטרירט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער פראַגע, צי האָבן יידן זיך אַנטקעגן געשטעלט מיט וואָפן אין די הענט; אויב יאָ, צי אין אַ גענוגנדער מאָס, און אויב ניט — טאָ פאַרוואָס.

פרעגט מען אָבער אָפּ די ריכטיקייט גופא פון אַזאַ מאָסשטאָב, און אַ ייד, וואָס לעבט מיט יידישע אידייען און השגות, איז מחויב דאָס אָפּצופרעגן, דעמאָלט דאַרף מען זיך ווענדן קודם כל צו דער

האַלטונג פֿונעם געטאָ־יידן, צו זײַן הנהגה אין דער צײַט פֿונעם שרעק־לעכן מבול און זיך פֿרעגן: ווי אַזוי האָט ער מענטשלעך, מאָראַליש רעאַגירט קעגן די קלעפּ און דערנידערונגען, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף זײַן קאָפּ, ווי האָט ער זיי אַריבערגעטראָגן. האָבן די צרות בלויז זײַן גוף געבראָכן, זײַנע פֿיזישע כּוחות אָפּגעשוואַכט, אָדער אויך גע־מינערט זײַן מענטשלעכן מהות און זײַן נשמה פֿאַרברודיקט? דאָ, און נאָר דאָ, ליגט דער ריכטיקער קריטעריום אויף אָפּצושאַצן מאָ־ראַלישע פֿעסטקייט פֿונעם מענטשן און זײַנע גײַסטיקע ווידערשטאַנד־פֿעאיקייטן. וואָרעם צרות און יסורים זײַנען די שטאַרקסטע און די ריכטיקסטע פֿײַער־פּראָבע פֿאַרן מענטשן. ווײַל מען אויסמעסטן דעם ווערט פֿאַר זיך, און אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע, פֿון אַ באַשטימטער ציוויליזאַציע אָדער פֿון אַ געוויסן פֿאָלק, אין פֿאַרשיידענע מדרגות און עפּאָכעס פֿון זייער אַנטוויקלונג, איז נישטאָ קיין בעסערע מאָס, ווי די מאָס פֿון גײַסטיקער שטײַפֿקייט און עקשנות, וואָס מענטשן פֿון דער אָדער יענער סביבה ווײַזן אַרויס אין קריטישע צײַטן און אומשטאַנדן. אויף אָפּצושאַצן דעם מאָראַלישן שטאַנד פֿונעם יידישן מענטשן אין די געטאָס און די לאַגערן, דאַרפֿן מיר אים נעמען אי פֿאַר זיך, אי אין פֿאַרגלײַך מיט די מענטשן פֿון אַנדערע פֿעלקער און מיט די יידישע מענטשן פֿון אַמאָל, בעת אויך זיי זײַנען געשטאַנען פֿאַר דער סכּנה פֿון אומקום, הגם ס'מוז פֿון אָנהויב אָן געזאָגט ווערן, אַז באַנוצן זיך סתּם מיט די דאָזיקע אַנאַלאָגיעס אָן אַ קריטישן אַנאַליז פֿון די ספּעציפֿישע אומשטאַנדן, וואָלט געהייסן באַגיין דעם גרעסטן פֿעלער און קומען אומפֿאַרמײַדלעך צו פֿאַלשע מסקנות.

צי האָט היטלער שוין אין סאַמע אָנהויב מלחמה, אָדער אפֿשר נאָך פֿריער, געהאַט פֿאַרטראַכט דעם פֿיזישן אויסראָט פֿון אַלע יידן, וואָס זײַן האַנט וועט נאָר דערגרייכן, און פֿון אַ פּאָר צענדליק מיליאָ־נען פֿון די סלאַווישע פֿעלקער, וואָס זייערע לענדער האָבן נאָכן ניצחון געדאַרפֿט קאָלאָניזירט און באַזעצט ווערן פֿון דײַטשע פּויערים און אַרבעטער — איז שווער צו זאָגן אויפֿן סמך פֿון די פֿאַקטן און סותרדיקע דאָקומענטן, וואָס זײַנען ביז איצט באַוואוסט געוואָרן. עס קען גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז ער און זײַנע נאָענטע מיטפֿאַרברעכער זײַנען שוין לאַנג באַהערשט געווען פֿון דעם מאַסן־מאָרד־שגעון. אָבער פֿאַר דער פֿאַרשטענדעניש פֿון די יאָמער־געשעענישן איז ווייניקער

וויכטיק דער מאָמענט, ווען די אויסראָט־תאווה איז אויפֿגעקומען אין מענטשלעך־טייוולאָנישע געהירן, ווי דער מאָמענט, ריכטיקער — די מאָמענטן, ווען דער פֿאַרטראַכטער און געפּלאַנטער גיהנום האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד, ווען דער אויסראָט־געדאַנק האָט זיך מיט הויט און ביינער באַדעקט. אַלץ, וואָס מיר ווייסן פֿון פֿאַקטן, באַווײַזט, אַז אויב ס'איז יאָ געווען אַ לכתחילהדיקע כוונה פֿון מאַסן־פֿאַרטי־ליקונג, איז אָבער איר דורכפֿירונג נישט פֿאָרגעקומען אַקוראַט לויט אַ פֿריער באַשטימטן פּלאַן. פֿאַרקערט, אונטערן דרוק פֿון די אומ־שטאַנדן און געשעענישן, איז די רעאַליזירונג פֿונאַנדערגעליגט גע־וואָרן אויף יאָרן און געגאַנגען איז זי פֿון שטופֿע צו שטופֿע, פֿון קלענערע פּאָרציעס צו גרעסערע, פֿון פֿאַרשלייערטע — צו אָפֿענע פֿאָרמען. עס האָט זיך נישט געפֿילט בײַ די באַנדיטן קיין זיכערקייט אין דער דורכפֿירונג, הגם זיי האָבן געקענט זײַן איבערצײַגט אין דער נויטווענדיקייט פֿונעם אויסראָט־פּלאַן גופֿא. צי האָבן די אי־ניציאַטאָרס און דורכפֿירער אַליין זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז זיי האַלטן אין פּרואוון און אויספּרואוון זייערע צילן און מעטאָדן, צי נישט, ענדערט נישט דעם עקספּערימענטאַלן כאַראַקטער פֿון דער אויסראָט־סכעמע. בנוגע צו די סלאַווישע פֿעלקער, וואָס צענדליקער מיליאָנען פֿון זייערע מענטשן האָבן, לויט דער דערקלערונג, וואָס היטלער האָט געמאַכט פֿאַר זײַן שטאַב תּיכּף נאָכן אָנפֿאַל אויפֿן סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד, — געדאַרפֿט פֿאַרטיליקט ווערן, איז דער פּלאַן ביז צום סוף פֿון דער מלחמה רעאַליזירט געוואָרן נאָר צו אַ קליינעם טייל. ס'זײַנען נישט פֿאַראַן קיין גענויע ציפֿערן פֿון אויסגעהרגעטע פֿרידלעכע רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַינער און אַזוי ווײַטער, וואָס האָבן געדאַרפֿט אָפּגערוימט ווערן, כּדי צו מאַכן אַ װאַרע פֿאַרן דײַטשן „פֿליִים" און פֿאַרגרעסערן דעם דײַטשן „לעבנס־שטח". אָבער ווי הויך מען זאָל די דאָזיקע צאָל נישט שאַצן, זײַנען מיר ווײַט פֿון דעם חשבון פֿון די פֿאָרגעמערקטע צענדליקער מיליאָנען. די רעאַליזאַציע פֿון דער מאַסן־שחיטה פֿון די סלאַוון האָט זיך אָנגעשטויסן אויף מניעות, וואָס די דײַטשן האָבן זיי נישט געקענט בײַקומען, אויב זיי האָבן נישט געוואָלט שטעלן אין ריזיקע דעם גינציקן אויסגאַנג פֿון דער מלחמה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, און מיר יידן וואָלטן פֿונעם דאָ־זיקן אמת געדאַרפֿט אָפּלערנען אַ גוטן מוסר השכל, אַז מען קען

נישט אויסראָטן אַ פֿאָלק, וואָס זיצט אין זײַן לאַנד, און נישט חרוב מאַכן דערמיט און גלײַכצײַטיק דאָס לאַנד גופֿא. די אָקופּאַציע־אַרמיי, ווי דער פֿראָנט־חייל, באַדאַרפֿן שפּײַז, שאַסייען, באַנען און פֿאַבריקן. מיט וועמען וואָלט מען געקענט פֿאַרבײַטן די אָרטיקע פּויערים און אַרבעטער, „פֿאַרשיקט" אויף יענער וועלט, בעת יעדער דײַטש, בפֿרט זינט 1942, ווען די מלחמה האָט אָנגענומען אַ סכּנותפֿולע ווענדונג, איז נויטיק געווען אויפֿן פֿראָנט? וואָלט מען דעם פּלאַן פֿון מאַסן־אויסראָט באמת פֿאַרווירקלעכט, וואָלטן די פֿעלדער קיין תּבֿואה נישט געגעבן און בוימער קיין פֿרוכט נישט געטראָגן, די קאַליע געוואָרענע וועגן נישט פֿאַרריכט געוואָרן, די באַנען זיך אָפּ־געשטעלט, די פֿאַבריקן קיין אַמוניציע נישט פּראָדוצירט און אַז״וו, אַז״וו. נאָר איין פֿאָלק אויף דער וועלט, טאַקע אונדזער יידיש פֿאָלק, האָט מען געקענט אויסראָטן און זייער וואוינלאַנד זאָל נישט חרוב ווערן, ווײַל ס׳איז אַ פֿאָלק, וואָס האָט קיין לאַנד נישט און איז אין באָדן נישט אײַנגעוואָרצלט; אַ פֿאָלק, וואָס איז נישט קיין גאַנצע איינס, קיין הונדערט פּראָצענט פֿאַר זיך, נאָר אומעטום נישט מער ווי אַ ברוכטייל פֿון אַן אַנדער פֿאָלקסאיינהייט, פֿון יענעם פֿאָלק, וואָס איז טאַקע יאָ איינס מיטן לאַנד. דער חורבן פֿון אַ גאַנץ לאַנד וואָלט איבערגעלאָזט אַן אָפּגרונט, פֿון אַ טייל — נאָר אַ בלויז, וואָס מען קען ביסלעכווײַז ממלא זײַן. פֿאַרשטייט זיך, אויך אַזאַ טיילווײַזע פֿאַר־ניכטונג פֿון דער באַפֿעלקערונג, פֿון יידן אין אונדזער פֿאַל, האָט געבראַכט מיט זיך ווירטשאַפֿטלעכן שאָדן פֿאַר דײַטשלאַנד און איר אַרמיי. און דאָס איז געווען איינער פֿון די טעמים, פֿאַרוואָס אַפֿילו דער יידן־אויסראָט איז נישט דורכגעפֿירט געוואָרן מיט אַמאָל און ביזן סוף. אָבער די דאָזיקע היזקות האָבן נישט געקענט האָבן אַזאַ באַדײַט, שפּילן אַזאַ דעצידירנדיקע ראָלע, אַז די נאַצים זאָלן זיך אָפּ־זאָגן צוליב דעם פֿון אַזאַ קאַרדינאַלן פּונקט פֿון זייער פּראָגראַם, ווי די עלימינירונג פֿון יידן פֿון דער אייראָפּעישער סצענע צוערשט, פֿון דער וועלט־סצענע שפּעטער.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן בלויז דרך אגב, הגם די טעמע גופֿא איז גראָד נישט קיין דרך אגבדיקע און מען וואָלט וועגן איר געדאַרפֿט ריידן און ריידן. וואָס איך האָב דאָ געוואָלט אַרויסברענגען איז, אַז דער דײַטשער אויסראָט־פּלאַן איז נישט דורכגעפֿירט געוואָרן קאָנ־

סעקוועגט ביזן סוף, און אפנים נישט געקענט דורכגעפירט ווערן, אז די דײַטשן — הגם מען מיינט, אז בײַ זיי איז אלץ געווען אויסגעחשבונט און אויסגעפלאנירט — האבן אליין געטאפט דעם באדן אין משך פון דער מלחמה, זיך געווארפן פון איין מעטאד צו א צווייטן, פון איין עקספערימענט צו אן אנדערן. און דאס איז ריכטיק אויך פאר יידן, כאטש נישט אין דער אייגענער מאס ווי בנוגע צו די אנדערע פארשקלאפטע פעלקער. ס'איז א פאקט, אז פון סעפטעמבער 1939 ביז דער צווייטער העלפט פון 1941, און אין געוויסע לענדער נאך עפעס שפעטער, האט די דײַטשע יידן־פאליטיק זיך געשטיצט אויך אויף אנדערע זײַלן, ווי די דירעקטע אויסשעכטונג. אויסוואנדערונג און פולע סעגרעגאציע פון דער איבעריקער באפעלקערונג איז געווען איין וועג (וועגן דעם לובלינער רעזערוואט, ווי וועגן א גוט מיטל צו לייזן די יידישע פראגע, האט מען נאך גערעדט אין מערץ 1941 אויף דער נאצי־קאנפערענץ אין פראנקפורט). דערגיין די יידן די יארן, זיי אפשנײַדן פון אלע חיונה־קוואלן, זיי אומברענגען ביסלעכווײַז דורך הונגער און עפידעמיעס — איז געווען דער צווייטער וועג, וואס האט געדארפט פירן צו זייער עלימינירונג פון דער אייראפעישער סצענע ווי א באדײַטיקן כוח.

מען דארף רעכענען, אז געבעלס איז געווען מער־ווייניקער אינפארמירט וועגן די נאצישע פלענער בנוגע יידן. זעען מיר, אז דעם 7־טן מערץ 1942 רעדט ער נאך אין זײַן טאגבוך וועגן א באריכט פון דעם „זיכערהײַטס־דינסט" וועגן דער „ענדגילטיקער לייזונג" פון דער יידן־פראגע נאך דער מלחמה און זעט פאראויס די מעגלעכקייט פון א פולער אפזונדערונג פון 11 מיליאן (לויט זײַן חשבון) אייראפעישע יידן ערגעץ אויף אן אינדזל, מאדאגאסקאר, למשל. אמת, אין אנדערע ערטער פון זײַן טאגבוך פון פריערדיקע דאטעס, פון 6־טן און 14־טן פעברואר 1942, קען מען געפינען רמזים אויף א מער ראדיקאלער לייזונג און אין גאנג פון דער מלחמה גופא, דאס הייסט אויף יענער לייזונג, וואס איז בפועל פארווירקלעכט געווארן. משמעות, אז צו יענער צײַט, אנהויב 1942, איז נאך קיין פולע קלארקייט אין די נאצישע מוחות נישט געווען. ערשט דעם 27־טן מערץ פון אט דעם יאר געפינען מיר אין געבעלסעס טאגבוך א גענוג קלארע אנווײַזונג אויף דער נויטיקייט פון פיזישן אויסראט פון יידן.[4]

נאָר אויב מען זאָל אַפילו זאָגן, אַז אויך געבעלס איז נישט געווען געגנוג אינפאָרמירט וועגן היטלער־הימלערס פּלענער און רעכענען, אַז דער אויסראָט־פּלאַן האָט שוין פריער עקסיסטירט, פרעגט זיך, פאַרוואָס זשע האָבן די דײַטשן געצויגן און פאַרשלעפּט אַזוי לאַנג זײַן דורכפירונג? האָט מען דעם טרעבלינקע און אוישוויץ נישט גע־קענט פריער פאַרטיק מאַכן, אויפבויען נאָך אַ פּאָר פאַרניכטונגס־לאַ־גערן און זיי צופּאַסן צו אַ גרעסערער טעגלעכער „פּראָדוקציע"? מען זאָגט, אַז ביז רוסלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן זײַנען נאָך נישט געווען קיין מלחמה־באַטייליקטע, האָבן די נאַציס זיך נאָך גערעכנט מיט זייערע רעגירונגען און מיט זייער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. איז, צווישן אונדז גערעדט, בין איך גאָר שטאַרק מסופק, צי די דײַטשן וואָלטן זיך פאַר דער דאָזיקער רעאַקציע דערשראָקן, ווייסנדיק גוט, אַז אין ערגסטן פאַל וועט די וועלט קעגן די רציחות אויף ייִדן רעאַגירן מיט ווערטער. און ווידער אַמאָל בלײַבט נאָך די קשיה, פאַרוואָס האָבן די דײַטשן נישט געקענט דורכפירן די פולע „ליקווידאַציע פון דער ייִדן־פראַגע" אין משך פון געציילטע חדשים נאָך פּוירל־האַרבאָר און פאַרוואָס האָבן זיי געצויגן און זי דערלאַנגט פּאָרציעסווײַז?

פאַראַן אַ צווייטע רעטעניש אין דער דײַטשער אויסראָט־מאַ־שינעריע, וואָס גיט אונדז אויך אַ וואונק אויף אַ געוויסער נישט־זיכערקייט בײַ די נאַציס גופא, אויף געוויסע וואַקלענישן, וואָס זייער פּועל יוצא איז געווען אַ געוויסע בהדרגהדיקייט און פּאַמעלעכ־דיקייט אין דער פונקציאָנירונג פון דעם דאָזיקן מעכאַניזם. צו וואָס האָבן די דײַטשן געדאַרפט שלעפּן ייִדן און אַנדערע אויף טויט־פאַר־משפטע פון סאַמע צפון־אייראָפּע, און פון סאַמע דרום, פון נאָר־וועגן ביז גריכנלאַנד, אַזש קיין פּוילן און ערשט דאָרט זיי ליקווידירן? צענדליקער טויזנטער טאָנען קוילן, טויזנטער וואַגאָנען און נישט ווייניקער מענטשן האָט מען געמוזט באַנוצן פאַר די דאָזיקע טראַנס־פּאָרטן, בעת קוילן זײַנען געווען מיט גאָלד גלײַך, וואַגאָנען האָט מען נויטיק געהאַט ווי דאָס לעבן אויף צו טראַנספּאָרטירן צום פראָנט אַמוניציע און אַפּראָוויזאַציע און איטלעכן זעלנער האָט מען געדאַרפט אויפן שלאַכטפעלד, וואו די לאַגע איז, אָנגעהויבן מיט דער צווייטער העלפט פון 1942, געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. האָט מען נישט געקענט די קרבנות „פאַרענדיקן" אויפן אָרט, האָט מען נישט גע־

קענט אויסבויען גאזקאמערס אין א גרעסערער צאָל אין דײַטשלאַנד גופא און אין די איבעריקע אָקופּירטע לענדער?

ביז מען וועט נישט געבן קיין אנדער תּירוץ מספּיק אויף אָט די צוויי רעטענישן — און אין דער רײַכער מלחמה־ליטעראַטור האָב איך אים ביז איצט נישט געפונען — לייגט זיך מיר אויפן שכל די היפּאָטעזע, וואָס ווערט דאָ ווײַטער ארויסגעזאָגט.

די דײַטשן זײַנען נישט זיכער געווען מיט דער רעאַקציע קעגן זייערע רציחות מצד די יידן גופא און מצד דער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע לענדער, דאָס הייסט פון יענער באַפעלקערונג, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו דער מאָרד־סצענע. נאָך מער: זיי האָבן זיך אַפילו געקווענקלט אויפצודעקן די מאָרד־פּלענער אין זייער גאַנצער גרויזאַמער נאַקעטקייט פאַר די אויגן פון דער דײַטשער באַפעלקערונג און פון דעם דײַטשן מיליטער.

לאָמיר אָנהויבן מיט דער מורא פאַר דער רעאַקציע מצד יידן. זיכער האָבן די דײַטשן מיט זייערע פּאַנצער־דיוויזיעס, מיט די א. ס. און די ס.ס., באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פּיס, זיך נישט געקענט שרעקן פאַר א יידישן אויפשטאַנד אליין פאַר זיך, דאָס הייסט פאַר זײַן מיליטערישן עפעקט. וויפל יידן וואָלטן זיך נישט באַוואָפנט, וואָלטן די נאַציס יעדן פּרואוו פון פיזישן ווידערשטאַנד געקענט אונטערדריקן מיט מינימאַלע היזקות און מיט געציילטע טויזנטער זעלנער. אָבער א יידישער ווידערשטאַנד קעגן די דײַטשן — און אין דעם פּרט וואָלט א מאָראַלישער ווידערשטאַנד געהאַט נישט ווייניקער פּעולה און אפשר נאָך מער ווי א פיזישער — וואָלט פאַר זיי געווען א געוואַלדיקער פּסיכאָלאָגישער קלאַפּ, וואָס זײַנע קאָנסעקווענצן לאָזן זיך גאָרנישט אויסמעסטן און אָפּשאַצן, וואָס א באַגריף וועגן זיי קען האָבן נאָר דער, וואָס גלויבט און ווייסט, אז ווי באַלד דער מענטש איז א גײַסטיק באַשעפעניש, מוזן גײַסטיקע מאָטיוון דעצידירן אין לעצטן חשבון אין לעבן פון מענטשן און מענטשלעכע חברות, לאו דוקא אידעלע, ריינע און געהויבענע מאָטיוון. זיי מעגן לויט אונדזערע השגות זײַן מאָראַליש אָדער אַנטי־מאָראַליש, אבי די מענטשן נעמען זיי אָן פאַר גוט און יושרדיק. קען דאָס קלינגען מאָדנע אין א צײַט, ווען אַלע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן ווערן פאַרענטפערט דורך כּוח און גע־וואַלט. און פונדעסטוועגן איז דאָס אזוי. האָבן דען די דײַטשן ווען עס

איז געזאָגט, אַז זיי ווילן פּראָסט הרגענען מענטשן, האָבן זיי אַליין ווען עס איז זיך דערקלערט פֿאַר רוצחים, מערדער און גנבים? אין אַזאַ פֿאַל וואָלטן זיי געדאַרפֿט אויף כּפּרות די קאָלאָסאַלע פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט און וואָס האָט זיי געקאָסט אַזוי פֿיל מענטשן און פֿאַרמעגנס. מענטשן האָבן אַלע מאָל געדינט צו אָפּגעטער און דינען צו זיי נאָך עד־היום. אָבער רופֿן רופֿן זיי זיי געטער און נישט געטשקעס. טויזנטער מער קרבנות האָבן מענטשן געבראַכט אויף די במות פֿון בעלם און מולכס, אַמאָליקע און הײַנטיקע, ווי אויף די מזבחות פֿון אמת, יושר און גערעכטיקייט. נאָך הײַנט נעמט דער טײַוול צו מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס. אָבער געשען קען עס נאָר דערפֿאַר, וואָס דער שטן פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ הייליקן, שיער נישט פֿאַר גאָט אַליין, און מענטשן גלויבן אים, ווײַל זיי ווילן אים גלויבן.

דער נאַציזם איז געקומען מיט אַן איבעררשאַצונג פֿון מענטשלעכע ווערטן. ער האָט פּראָקלאַמירט די פּרינציפּיעלע אומגלײַכקייט פֿון די מענטשן: נישט יעדער, וואָס האָט אַ מענטשלעך אויסזען, איז אַ מענטש. דער מהלך צווישן דער נידעריקסטער מענטשלעכער ראַסע, דהיינו, דעם יידן, און דער העכסטער — דער אַרישער, איז אַ סך גרעסער, ווי צווישן דעם העכסטן חיהשן מין און דעם נידעריקסטן מענטשלעכן. אַ חיה, הייסט עס, קען זײַן מער מענטש פֿון אַ געוויסן סאָרט מענטשן. נישטאָ קיין מענטשלעכער מין, נאָר מענטשלעכע מינים. יידן און די איבעריקע קנאַפּווערטיקע ראַסעס געהערן צום מענטשלעכן מין נאָר אויסערלעך, נאָמינאַל. אין תּוך שטייען זיי אויף איין שטופֿע, אויב נישט אויף אַ נידעריקערער ווי דער בעל־חי. במילא זײַנען אויף זיי מענטשלעכע געזעצן נישט חל. קען מען זײַן אַ ביז גאָר „לײַטישער" מענטש, אַפֿילו אַזאַ וואָוילגעלערנטער יוריסט און פֿײַנער מבין אויף מוזיק, ווי עס איז געווען האַנס פֿראַנק, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿון פּוילן, און פֿונדעסטוועגן דערשיסנדיק אַ יידן, מיטן ברעם קיין ציטער נישט טאָן. מעג מען האָבן אַ האַרץ פֿול מיט ליבע פֿאַר אייגענע עלטערן און קינדער, שפּירן מיטלײַד און אַרויסווײַזן מיטגעפֿיל מיט יעדן לײַדנדיקן דײַטש, מיט איין וואָרט — זײַן אַ מענטש מיט מענטשלעכע געפֿילן, און מאָרדן מיט אַ לײַכטן האַרץ און רואיקן געוויסן יידישע זקנים, פֿרויען און עופּהלעך, פּונקט, ווי די

דײַטשן אַליין פֿלעגן דאָס זאָגן, ווי מען שפּירט נישט קיין געפֿיל פֿון רחמנות, ווען מען צעקוועטשט אַ לויז אָדער אַ שרץ, וואָס ברענגט מיט זיך קלעפּיקע קרענק. און צוריק געדערט, זײַנען דען די דײַטשן די ערשטע און די איינציקע, וואָס זײַנען געקומען מיט אָט דער דאָפּלטער מאָראַל, מיט צוויי וואָגן און צוויי מאָסן, פֿאַר מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע ראַסעס און קלאַסן? האָט דען נישט אַריסטאָטעל, וואָס עד־היום געפֿינט איר נאָך קאָנטיקע שפּורן פֿון זײַנע לערעס אין דער מאָדערנער פֿילאָסאָפֿיע, נישט דערקלערט, אַז אַ שקלאַף האָט קיין נשמה נישט און האָט נישט מער חשיבות ווי אַ בעל־חי אָדער אַ דומם? האָבן דען נישט די שפּאַנישע קאַטוילישע גײַסטלעכע סוף 15־טן און אָנהויב 16־טן יאָרהונדערט געדרשנט, אַז אינדיאַנער מעג מען הרגענען, ווײַל זיי זײַנען קיין מענטשן נישט, באשר בכן זיי געהערן נישט צו קיין איינער פֿון די דרײַ מענטשלעכע ראַסעס, שם, חם און יפֿת, וואָס ווערן אין חומש דערמאָנט ווי די אָבות פֿון די פֿעלקער פֿון דער ערד?

וועט איר פֿרעגן, וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָבן אַריסטאָטעל, דער פֿילאָסאָף פֿון אַלטערטום, און די שפּאַנישע גלחים פֿון „פֿינצטערן" מיטלעלטער מיט אונדזערע מאָדערנע צײַטן און אידייען? אָבער ווער עס זעט נישט דעם המשך אין דער געשיכטע פֿון די גוייִשע פֿעלקער, דער קען קיין געשיכטע נישט, און נעמט אָן פֿאַר אַ פֿעסטן תּוכיקן אמת די פֿאָרמעלע טיילונג, וואָס די לערנביכער טיילן די געשיכטע אין אָפּגעשלאָסענע עפּאָכעס און גיבן זיי אַ נאָמען: אַלטערטום, מיטל־עלטער און נײַע צײַט. אָט האָט איר אַזאַ רעפּרעזענטאַטיווע פּער־זענלעכקייט פֿון דער נײַער צײַט ווי מאָנטעסקיע, איינער פֿון די באַדײַטיקסטע גײַסטיקע פֿאָרלויפֿער פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלו־ציע, פֿון יענער רעוואָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די „גלײַכקייט און ברידערלעכקייט" פֿון די מענטשלעכע באַשעפֿענישן. איז לייענט אדרבה, וואָס ער האָט אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט געשריבן וועגן דער שוואַר־צער ראַסע, מיט וואָס פֿאַר אַן אַרגומענטן און מיט וואָס פֿאַר אַ לשון ער באַרעכטיקט דעם אינסטיטוט פֿון שקלאַפֿערײַ: „צוקער וואָלט אונדז (ד"ה דעם ווײַסן מענטשן. י. ע.) געקאָסט צו טײַער, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין שקלאַפֿן צו באַאַרבעטן די צוקער־פּלאַנצן. די שקלאַפֿן זײַנען שוואַרץ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און זיי האָבן אַזוינע פּלאַטשיקע

נעזער, אַז עס איז כמעט אוממעגלעך אויף זיי רחמנות צו האָבן. מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז גאָט זאָל האָבן אַרײַנגעבלאָזן אַ נשמה, בפרט נאָך אַ גוטע, אין אַ קערפּער, וואָס איז דורך און דורך שווארץ. אַ באַווײַז, אַז די נעגערס האָבן נישט קיין מענטשן־פאַר־שטאַנד, איז דער פאַקט אַליין, וואָס אין זייערע אויגן האָט אַ שנירל פאַרביקע שטיינדלעך מער חשיבות ווי גאָלד, וואָס האָט אַזאַ גרויסן ווערט בײַ די ציוויליזירטע פעלקער. עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצו־שטעלן, אַז די דאָזיקע ברואים זאָלן זײַן מענטשן, ווארעם אויב מיר זאָלן זאָגן, אַז זיי זײַנען דאָס טאַקע, וואָלט מען געדאַרפט אָנהויבן גלויבן, אַז מיר אַליין זײַנען קיין מענטשן נישט".[5]

אמת, זינט מאָנטעסקיע זײַנען שוין פאַרבײַ צוויי יאָרהונדערטער. נו, איז וואָס? ווער גלויבט נאָך הײַנט, נאָך די געטאָס און די לאַגערן, אַז דער מאָראַלישער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט גייט אויף אַ גראָדער שטייגנדיקער ליניע? גלויבן, גלויבן דערין בלויז די האָ־פענונגסלאָז־נאַיווע בײַ די אומות העולם און די איבערגעשפּיצט־קלוגע יידן, וואָס צוליב זייער חכמה האָבן זיי די אמונה פון זייערע עלטערן פאַרלאָזן און פאַרלוירן, און דעריבער כאַפּן זיי זיך אָן אין איטלעכן „ערזאַץ", וואָס קומט זיי אַרונטער אונטער דער האַנט; זאָל זײַן פּראָגרעס, אַבי עפּעס, אין וואָס מען קען גלויבן.

זעען מיר טאַקע, אַז אין דעם געלויבטן און באַזונגענעם 20־טן יאָרהונדערט האָט געקענט קומען אַ היטלער און זאָגן, אַז דאָס גער־מאַנען־פאָלק האָט דאָס רעכט און די פליכט צו באַטראַכטן די ני־דעריקע ראַסעס, ווי אַ מענטש באַטראַכט אַ כּלי און מכשירים, וואָס קענען אים נוצן ברענגען, ווי מיסט אויף צו באַמיסטיקן אַ פעלד, כּדי עס זאָל אַרויסברענגען תּבואה און פּרוכטן. איז אפשר היטלער דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אַזוי שאַרף און גראָב דאָס צו זאָגן. אָבער וויפל אַמעריקאַנער און אייראָפּעער קלערן דאָס בײַ זיך אין האַרצן און פילן דאָס אייגענע, בעת זיי האָבן צו טאָן מיט נעגערס און אַנדערע „ווילדע" פאַרביקע מענטשן און פעלקער?

דער נאַציזם האָט געמוזט זיך באַשאַפן דעם מיטאָס פון דעם אונ־טערמענטש. דאָס איז זײַן חיות. אָן דעם אונטערמענטש איז נישטאָ קיין אויבערמענטש, איז נישטאָ קיין דײַטשע האַרן־ראַסע. און נעמט איר אָפּ בײַם דײַטשן פאָלק די דאָזיקע אידייע, פאַרלירט ער זײַן גאָט־

אפגאט. דעמאלט איז זײַן מלחמה — רויב, שווינדל און גנבה. אבער אונטער אזוינע לאזונגען גייען מענטשן נישט אין שלאכט, ברענגען זיי קיין קרבנות נישט. האט דער ייד די דאזיקע אידייע געראטעוועט. דער ייד איז דער אונטערמענטש. ער האט קיין נשמה נישט — האט די נאצישע פּראפּאגאנדע דעם דאזיקן מאטיוו געחזרט און געחזרט. פון אלע מיטינגען האט מען אים אראפּגעשריגן, פון אלע צײַטונגען איז ער אין די אויגן געשפּרונגען. נאר געוואוסט האבן די נאצים, אז די בעסטע פּראפּאגאנדע איז דער לעבעדיקער בײַשפּיל. זיי אליין האבן געדארפט זען דעם יידן אין דער געשטאלט פון א שרץ, כּדי זייער אייגענעם גלויבן צו באפעסטיקן. נאך מער האבן זיי געדארפט ווײַזן דעם דײַטשן פאלק און אלע ארומיקע פעלקער דעם יידן אין אן אפּשטויסנדיקער, עקלדיקער געשטאלט, כּדי אויך זיי זאלן גלויבן אין דער רעאלער עקסיסטענץ פון דעם אונטערמענטשן. דעמאלט, דעמאלט וועט דאס הרגענען א יידן מער קיין פּראבלעם נישט זײַן, נישט פאר די רוצחים גופא און נישט פאר די ארומיקע, וואס קוקן זיך צו צו דער רציחה אדער דערוויסן זיך וועגן איר, פּונקט ווי עס איז קיין פּראבלעם נישט אוועקצושטעלן סם פאר מײַז. דער איטאליענישער זשורנאליסט מאלאפּארטע באשרײַבט אין א גלענצנדיקן רעפּארטאזש פון דײַטשן מלחמה־פראנט די סצענע ווי ער, צוזאמען מיטן גענעראל־גובערנאטאר פראנק, באזוכן בײַנאכט דאס ווארשעווער געטא. זיי ווערן באגלייט פון א גאנצער נאצישער כאליאסטרע, ווי אויך פון פראנקס סענטימענטאלער פרוי, וואס וויינט אזש פון עקסטאז, ווען זי הערט איר מאן שפּילן מאצארט אדער בעטהאווען. זיי זעען, ווי א סאלדאט שיסט אין א יידישן יינגל, וואס פּרואווט זיך דורכ־גנבענען דורך דער געטא־וואנט צו ברענגען פון דער ארישער זײַט א מוציא ברויט פאר זײַנע פון הונגער געשוואלענע טאטע־מאמע. שיסט ער און טרעפט נישט. פרעגט אים פראנק: אין וועמען צילעוועסטו? — אין א שטשור, גענעראל, ענטפערט יענער, און דער גאנצער עולם, אלע מיט העכערער בילדונג און דערצויגענע לײַט, צעלאכן זיך. פראנק נעמט ארויס די ביקס פון זעלנערס האנט און זאגט צו אים: דו, לא יוצלח איינער, אפילו א שטשור קענסטו נישט טרעפן! שיסט ער אליין אינעם יינגל און טרעפט דווקא יא. און א קאלוזשע בלוט באדעקט די ערד און וועט שפּעטער פון דער ערד צוגעדעקט ווערן.

די דעזהומאַניזאַציע פֿונעם יידישן מענטשן, דאָס מאַכן אים אויס מענטש און פֿאַרוואַנדלען אים אין אַ בעל־חי, אין אַ שעדלעכן שטשור — דאָס איז געווען דער ציל פֿון די נאַציס. — די דעזהומאַניזאַציע איז געווען אַ תּנאי פֿאַר דעם פֿיזישן אויסראָט, נישט אין זינען פֿון מוקדם און מאוחר, נאָר ווי צוויי פּראָצעסן, וואָס האָבן געמוזט זיך צוזאַמען פֿונאַנדערוויקלען. אמת, געווען אין די געטאָס און אין די לאַגערן לערך דרײַ טויזנט ס. ס. אין די „אײַנזאַץ־טרופּן", וואָס זײַנען פֿון פֿריער ביסלעכווײַז דערצויגן געוואָרן צו זייער הענקער־מלאָכה, וואָס זײַנען גרייט געווען צו הרגענען די שענסטע און איידלסטע מענטשן. וואָלט די שכינה אַליין געמעגט אויף זיי רוען, וואָלט דאָס די מערדער־האַנט נישט אָפּגעשטעלט. אָבער מיט דירעקטע מערדערס אַליין קען מען זיך אין מאַסן־אויסראָט נישט באַגיין. מען מוז האָבן העלפֿער און העלפֿערס־העלפֿער. פֿאַראַן אַ סביבה, וואו די מערדער לעבן, זייערע פֿרויען, קינדער, קרובים און פֿרײַנט, פֿאַראַן אַן אַרומיקע באַפֿעלקערונג. און ס'איז נישטאָ קיין גאַראַנטיע, אַז אונטער געוויסע מענטשלעכע השפּעות, זאָל אַפֿילו דער, וואָס מען האָט אים דרעסירט פֿאַר אַ רוצח, נישט צוריק באַקומען זײַן מענטשלעך געוויסן. שוין אָפּגערעדט פֿון די איבעריקע, פֿון די אַרומיקע, וואָס זייער פּאַסיווקייט, זייער גלײַכגילט זײַנען פּונקט אַזוי נויטיק געווען פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון דער מאָרד־אַקציע, ווי די וואָפֿן און די הענט, וואָס זיי האָבן צום מאָרד באַנוצט. אָט די „דעמאָראַליזאַציע" פֿון די קאַדרען און פֿון זייער אַרום האָט מען געמוזט אויסמײַדן פֿאַר יעדן פּרײַז. וואָרעם די גאַנצע אויסראָט־מאַשין האָט זיך געהאַלטן אויף דער נאַצישער „מאָראַל". אָן איר וואָלט זי זיך פֿונאַנדערגעפֿאַלן.

אַז אַזאַ סכּנה איז געווען רעאַל, הגם זי האָט געמעגט זײַן אַ קליינע, אַז די נאַציס האָבן מחמת דעם זיך בפֿירוש געשראָקן פֿאַר אַ יידישן ווידערשטאַנד, אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמען ער זאָל זיך נישט אויסדריקן, באַווײַזט דער פֿאַקט, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אַלע קונצשטיק און באַנוצט אַלע דריידלעך, כּדי אָפּצונאַרן די יידישע באַפֿעלקערונג און פֿון איר אויסצובאַהאַלטן דעם אמת וועגן פּאָנאַר, כעלמנאָ, טרעבלינקע און ווי די אויסראָט־מקומות האָבן געהייסן. זיי האָבן געוואָלט, אַז ביזן לעצטן מאָמענט זאָלן די אומגליקלעכע קרבנות באמת מיינען, אַז די גאַזקאַמער איז נישט מער ווי אַ לײַטישע באָד, וואו

מען באַדאַרף אַ האַנטוך און זייף. מען האָט די צום טויט פאַרמשפּטע אַרויסגעגעבן אין פולער דײַטשער אָרדענונג קוויטונגען אויף די בגדים און אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן שוין קיינמאָל מער נישט געדאַרפט צוריקזען. די פאַרשיקטע אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן האָבן די נאַציס געצוואונגען צו שרײַבן בריוו צו זייערע נאָענטע אין די געטאָס, אַז זיי זײַנען אין גוטן געזונט און אַז עס גייט זיי ב״ה גוט. דער געשפּענסט פון יידישן ווידערשטאַנד אין די געטאָס און אפילו אין די לאַגערן אויף דער לעצטער סטעזשקע, וואָס זיי האָבן געטראָטן, אין דער שעה פון לעצטער אַנגסט, האָט תּמיד און ביז דער לעצטער מינוט געשוועבט פאַר די שיכּורע האַלב־חיהשע, האַלב־מענטשלעכע אויגן פון די נאַ־צים, ווייסן מיר שוין, אַז קיין פּחד פאַר דער פּעולה פון דער פיזי־שער קראַפט פון די האַלבע מתים האָבן זיי געוויס נישט געקענט האָבן. מורא געהאַט האָבן זיי אָבער פאַר די גוים, זייערע אייגענע און פרעמדע. אויב בײַם האַלב־לעבעדיקן, האַלב־טויטן יידן זאָל מיט אַמאָל אויפלויכטן דער לעצטער לעצטער פונק פון מענטשלעכער ווערדע און מוט, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פּעולה דאָס וואָלט געהאַט אפילו אויף די הענקער און זייערע משרתים. דערציילט מען דאָך פון אַ ריי פאַלן פון ס. ס. אין אוישוויץ, וואָס האָבן געהאַט די השגחה אין די גאַז־קאַמערס און קרעמאַטאָריעס, אַז זייערע נערוון האָבן נישט אויסגע־האַלטן די גיהנום־סצענעס און מען האָט זיי געמוזט פון לאַגער אַוועק־נעמען. ס׳האָט זיך אַפילו געפונען אַן ס. ס., וואָס האָט זיך מיט ווי־דערווילן באַצויגן צו די אכזריות און רציחות אינעם אייגענעם לאַגער (פיליפּ פרידמאַן, דאָס איז געווען אָשוויענצים, ז׳ 58. זע אויך די דערציילונג פון שפּערלינג, איינעם פון „די טרעבלינקער״ אין העפט 6, פון לעצטן חורבן און פאַרגלײַך וואָס קאַוטסקי — ז׳ 119 — דער־ציילט וועגן די ווײַסע קראָען צווישן די ס. ס. אין די לאַגערן, וואָס האָבן זיך מענטשלעך באַצויגן צו די קאַצעטניקעס).

בײַם אַרײַנגאַנג צו פּאָנאַר איז געווען אַן אויפשריפט: אַרײַנטריט פאַר דער ווערמאַכט פאַרבאָטן. אין די לאַגערן איז יעדער באַזוך פון דײַטשן, אפילו פון געסטאַפּאָניקעס, געווען פאַרווערט. אפילו די מיטגלידער פון דעם סאַמע שפּיץ פון דער געסטאַפּאָ, פון דער „ספּע־ציעלער סעקציע״ האָבן געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אַרײַנצוקומען אין לאַגער. די לאַגערן גופא זײַנען אומעטום, הן אין

דײַטשלאַנד, הן אין פּוילן, אויפֿגעבויט געוואָרן אין ערטער איזאָלירט פֿון יעדן מענטשלעכן ישוב און אָפּגעשניטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. די וועכטער פֿון דאַכאַו און די דײַטשע געפֿאַנגענע, וואָס מען פֿלעגט אַרויסלאָזן אויף דער פֿרײַ, פֿלעגן מוזן צוזאָגן און אונטער דראָונג פֿון טויט־שטראָף פֿלעגן זיי האַלטן וואָרט, נישט אויסצוזאָגן פֿון „חדר” און מיט קיינעם נישט ריידן וועגן לעבן און וועגן רעזשים פֿון לאַגער. רעדט פֿון דעם אַלעם נישט אַרויס אַ פּחד, אַ באַוואוסט־זיניקער אָדער אומבאַוואוסטזיניקער? עס זײַנען געווען אַ געוויסע צאָל דײַטשע מיליטער־לײַט, בפֿרט זעלנער — זיכער אַ צו קליינע צאָל אויף אַראָפּצונעמען די פֿאַראַנטוואָרטונג פֿון דײַטשן פֿאָלק — וואָס האָבן אין דער ערשטער צײַט פֿון דער אָקופּאַציע אין די מזרח־לענדער אַרויסגעוויזן מיטגעפֿיל צו יידן און זיך מיט זיי געטיילט מיט דער האָפֿענונג, אַז צום רעזשים פֿון מאָרד פֿון אומשולדיקע וועט קומען אַ סוף, און אויך, וואָס איז נאָך וויכטיקער, זיך געטיילט מיט זייערע באַקאַנטע יידן מיט אַ שטיקל ברויט, הגם עס האָט פֿאַר זיי נישט געקענט זײַן קיין סוד, מיט וואָס דאָס שמעקט, אויב מען זאָל זיי כאַפּן. איך וויל דאָ בלויז ציטירן אייניקע פֿאַקטן: אין אָסטראָוור־מאַזאָוויעצק נעמען די נאַצים צונויף יידן אין שול און באַפֿעלן דײַטשע זעלנער זיי צו דערשיסן. זאָגן זיך די לעצטע אָפּ און זיי דערקלערן, אַז דאָס געהערט נישט צו זייערע פֿליכטן און די ס. ס. מוז נעבעך די „מלאָכה” אַליין טאָן (ספֿר הזוועות, ז' 93). דער גאָוואָראָווער רב שרײַבט אין אַ בריוו: דײַטשן טרײַבן צונויף אַ פּאָר טויזנט יידן אין שול, פֿאַרשפּאַרן זיי דאָרט און צינדן זיי אונטער. קומט צופֿעליק אַ דײַטשער אָפֿיציר און דערהערנדיק די יללות, באַפֿעלט ער אַלע יידן אַרויסצולאָזן פֿרײַ (דאָרט, ז' 95). לערך אַזאַ פֿאַל איז אויך פֿאָרגעקומען אין בראָק, וואָס ליגט בײַם טײַך בוג. דאָ איז די ישועה פֿאַר די יידן געקומען פֿון אַ דײַטשן פּאַסטאָר, וואָס האָט זיך פֿאַר זיי אײַנגעשטעלט. און אָט איז דער אויסטערלישער, ממש אומ־גלויבלעכער פֿאַל פֿונעם דײַטשן פֿעלדפֿעבל שמידט אין ווילנער געטאָ, וואָס מרדכי טענענבוים רופֿט אים מײַן פֿרײַנט, וואָס האָט זיך צו־געבונדן מיטן גאַנצן האַרצן צום החלוץ און אַרויסגעפֿירט יידן פֿון געטאָ אויף אַ דײַטשן מיליטערישן אויטאָמאָביל און נישט בלויז

מענטשן, נאָר אויך געווער פאַר זיי און האָט דערפאַר מיט זײַן לעבן באַצאָלט (דוואָרזשעצקי, ז' 322).

די דאָזיקע איינצלנע פאַלן האָבן זיך אויפגעהערט צו באַווײַזן אין ווײַטערדיקן גאַנג פון דער מלחמה, וואָס אַלגעמיינער עס איז געוואָרן די דעמאָראַליזאַציע. אָבער אין אָנהויב מלחמה זײַנען אַזעל־כע זעלטענע פאַלן פאָרגעקומען און באַגלויביקט זײַנען זיי דווקא נישט דורך גויים, נאָר דורך יידן, און נישט דורך אינטערנאַציאָנאַ־ליסטן, וואָס מען האָט געקענט חושד זײַן אין טענדענציעזע גוזמאָס, נאָר פון געטרײַע יידישע מענטשן און ציוניסטן (זע יעקב קורץ, ספר עדות, זז' 45, 48, 67, 108, 226—225, 335—334 און מ. גלבלום, גזע כרת, ז' 108, י. קאַפּלאַן, פון לעצטן חורבן, העפט 8, רעניא קול־קיעלקאָ, זז' 39, 44, 94, ווי אויך יצחק לוין, עליתי מספציה, זז' 33, 113—111, 121, 127).

וואָס דאַרף מען אַ בעסערן עדות ווי געבעלס, וואָס האָט געוויס נישט געהאַט קיין גרונט מגזם צו זײַן די סימפּאַטיעס, וואָס געוויסע דײַטשן האָבן אַרויסגעוויזן צו יידן. דערציילט ער אין זײַן טאָגבוך, מיט דער דאַטע פון 6־טן מערץ 1943, וואָס פאַר אַן אויפרודערונג עס האָט אַרויסגערופן בײַ געוויסע דײַטשן דער באַפעל צו עוואַקואירן קיין מזרח דעם מושב זקנים פון בערלין. ווײַזט אויס, אַז די אומ־צופרידנקייט איז געווען אַזוי קאָנטיק, אַז געבעלס האָט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק אָפּצולייגן די עוואַקואַציע אויף אַ שפּעטערדיקן טערמין.

איך ווייס וואויל ווי איטלעך גוט וואָרט פאַר אַ דײַטש, און זאָל זײַן פאַר אַ יחיד אַן אויסנאַם, קען אויפרודערן און רעוואָלטירן יידישע געפילן. און נישט בלויז פאַרשטיי איך דאָס, נאָר איך אַליין פיל פונקט אַזוי צוזאַמען מיט אַלע יידן אויף דער וועלט. מיר קענען נישט אַנדערש קוקן אויף די דײַטשן ווי אויף אַ מערדער־פאָלק. צווישן אונדז און דעם דײַטשן פאָלק האָבן די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות אויסגעגראָבן אַ תהום, וואָס עס וואָלט געדאַרפט נעמען הונדערטער יאָרן ביז ער וועט פאַרשאָטן ווערן (וויפל וועט עס בפועל נעמען, קען קיינער נישט וויסן, ווײַל היינטיקע יידן האָבן אַ קורצן זכרון און נישט אומזיסט האָבן זיי זייער אייגענע געשיכטע פאַרגעסן). פונדעסטוועגן טאָרן מיר נישט בײַ דער אָפּשאַצונג פון אונדזער

גרויסן אומגליק אָנגעמען די ראַסיסטישע אידעאָלאָגיע פֿון „בלוט" און פֿאַרגעסן צוליב דעם, אַז ערגעץ טיף האָט אַפֿילו בײַ אַ געוויסער צאָל דײַטשן נאָך געטליעט אַ מענטשלעכער פֿונק. די נאַציס האָבן דעריבער געהאַט גענוג גרונט מורא צו האָבן, אַז דער דאָזיקער פֿונק זאָל זיך נישט פֿונאַנדערפֿלאַקערן אין אַ פֿײַער אונטער דעם ברודיקן אַש און זיך „חלילה" נישט פֿאַרשפּרייטן.

אָבער נאָך מער מורא האָבן זיי געהאַט פֿאַר דער באַפֿעלקערונג פֿון אייניקע אָקופּירטע לענדער. דאָרט האָבן זיך פֿון צײַט צו צײַט באַוויזן חסידים, וואָס זײַנען גרייט געווען צו ריזיקירן, כּדי צו ברענגען פֿאַר יידן, אין זייער גרעסטער נויט, אַ וואָרט פֿון טרייסט און זיי אויסצושטרעקן אַ האַנט פֿון ברידערלעכער הילף. איך רעד שוין נישט וועגן די מערב־לענדער, ווי דענעמאַרק, נאָרוועגן, האָלאַנד, פֿראַנקרײַך, בעלגיע, וואו די צאָל גויים, וואָס האָבן געהאָלפֿן יידן, גרייכט אין די הונדערטער און טויזנטער. ראשית, איז דאָרט די סכּנה, אין שײַכות מיט דעם, נישט געווען אַזוי גרויס. והשנית, איז מחמת דער לערך קליינער צאָל יידן די לופֿט דאָרט נישט געווען אַזוי פֿאַרסמט מיט יידן־האַס. אָבער אַפֿילו אין געוויסע מזרח־לענדער האָבן זיך אַזעלכע יחידי סגולה געפֿונען. וועגן אַזעלכע פּאָליאַקן דערציילט דער שוין ציטיר־טער יעקב קורץ (זע ז' 200, 225—224, 320). די חלוצה רעניאַ קוליקיעלקאַ, איצט אין ארץ־ישׂראל, דערציילט אין איר ענגלישן בוך רעטונג פֿון קבר (ז' 157, 161—160) וועגן פּוילישע מענער און פֿרויען, וואָס זײַנען צוזאַמען מיט איר געזעסן אין מיסלאָוויצער תּפֿיסה פֿאַר אויסבאַהאַלטן יידן און אייניקע פֿון זיי זײַנען פֿאַר אָט דער זינד פֿון די דײַטשן אויפֿגעהאָנגען געוואָרן. און יצחק לעווין גיט איבער וועגן דער וואונדערבאַרער הנהגה פֿונעם באַוואוסטן או־קראַיִנישן מעטראָפּאָליט אַנדריי שעפּטיצקי, וואָס האָט אין די פּראַ־וואָסלאַווּנע קלויסטערס אין גאַליציע אויסבאַהאַלטן ביז הונדערט פֿופֿציק יידן, און ער באַשרײַבט מיט אַ סך ליבע, אַ כּשר פֿאַרדינטער, די פֿיגור פֿונעם „פֿאָטער" ניקאָנאָר און פֿון זײַנע מאָנאַכן. בײַ אים אין קלויסטער זײַנען באַהאַלטן צוויי יידן, דער מחבר גופֿא און דער הרב כּהנא. רופֿט דער „פֿאָטער" ניקאָנאָר, דער הויפּט פֿונעם קלוי־סטער, זײַנע מאָנאַכן און זאָגט צו זיי: אונטער אײַער שוץ געפֿינען זיך צוויי יידן. אויב די דײַטשן זאָלן קומען און זיי געפֿינען, מוז איינער

פֿון אײַך נעמען אױף זיך די שולד, כּדי דער מאָנאַסטיר זאָל נישט לײַדן. ענטפֿערן זײ בקול אחד: איטלעכער פֿון אונדז איז גרײט אױפֿן קרבן (לוין, זז׳ 128, 175, 194), אָדער נעמט די פּױלישע פֿרױ יאַדװיגאַ דוזיעץ, אַ פֿרײַנט פֿון השומר הצעיר נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה, װאָס האָט זיך ממש אײַנגעאַנצן אָפּגעגעבן מיט העלפֿן ייִדן, אָדער די פֿרומע קאַטױלישע פֿרױ אירענאַ אַדאַמאָװיטש, װאָס טוט אָן אַ גלעע לאַטע, כּדי צו קענען קומען אין געטאָ אַרײַן און טרײסטן און העלפֿן ייִדן (רוזשקע, זז׳ טז—יז, קפֿא—קפֿב) און די ליטװישע סאָציאַליסטין אַננאַ שימאַיטע (דװאָרזשעצקי, ז׳ 330).

און װאָס איז װערט יענער פּראָסטער פּױלישער פּױער, װאָס נעמט אױף אַזױ ברידערלעך ייִדן אַנטלאָפֿענע פֿון געטאָ, גיט זײ עסן און פֿירט זײ אױף זיכערע װעגן אין װאַלד אַרײַן און זאָגט זיך אָפּ פֿון אַ װאָסער נישט איז באַלױנונג, הגם זי װערט אים מיט דאַנק אָנגעבאָטן. לודאָװסקי, װאָס דערציילט אונדז װעגן דעם דאָזיקן פּשוטן מענטשלעכן אקט, אָבער אין יענער צײַט און בײַ יענע אומשטאַנדן — אַ זעלטענע העראָישע טאַט, ענדיקט זײַן סיפּור המעשה מיטן אײַנדרוק, װאָס דאָס האָט געמאַכט אױף די ייִדן, װאָס האָבן מיט זײערע אױגן אַזױ פֿיל קריסטלעכע אכזריות און רשעות געזען. מיט אַ טיפֿן דאַנק באַגלײטן אים די אױגן פֿון די געראַטעװעטע ייִדן און זײ קלערן זיך „עוד יש אדם" — נאָך פֿאַראַן מענטשלעכקײט אױף דער װעלט. און דערפֿאַר װאָס אָט דער פּױער האָט געקענט אין די פֿאַרפֿינצטערטע ייִדישע הערצער, מיט יאוש איבערגעלאָדענע, אָנצינדן אַ פֿונק פֿון גלױבן און האָפֿענונג, איז ער װערט, אַז זײַן נאָמען זאָל פֿאַרבלײַבן אין ייִדישער און מענטשלעכער געשיכטע.

אין זכות פֿון אײנצלנע צדיקים, קען סדום מיט גאָטס גנאָד געראַטעװעט װערן פֿון אונטערגאַנג, און אפֿשר אַמאָל זיך אַלײן אױסלײזן פֿון אירע זינד און אָפּװישן פֿון זיך די טומאה. און הגם מיר ייִדן האָבן אָפּט דאָס טיפֿע און לעגיטימע געפֿיל, אַז רשעים רינגלען אונדז אַרום און אַרום, האָבן מיר, טאַקע צוליב אָט די יחידים, קײנמאָל נישט פֿאַרלױרן די לעצטע האָפֿענונג אינעם מין מענטש, נישט פֿאַרלערנט װאָס די תּורה זאָגט אונדז, אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן געװאָרן בצלם אלקים, און נישט פֿאַרגעסן די גרױסע אוניװערסאַליסטישע װיזיעס פֿון אונדזערע נביאים. אין אַלע צײַטן פֿון גזירות

און פורעניות אויף יידן האָבן זיך באַוויזן חסידי אומות העולם, אַפילו בשעת די מסעי הצלב מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק. איז עס במילא נישט קיין סימן פון געוואַלדיקן פּראָגרעס, אויב אויך איצט, מיט אַכט הונדערט יאָר שפּעטער, האָבן זיך אַזעלכע צדיקים באַוויזן. אָבער אויך היינטיקס מאָל האָבן זיי אויפגעלויכטן פאַר אונדז ווי די ליכטיקע שטראַלן אויף אַ שוואַרץ־חושכדיקן הימל. מען דאַרף זיך נאָר קיין אילוזיעס נישט מאַכן און אַריבערטראָגן אויף גאַנצע פעלקער אָדער טיילן פון זיי, אויף גאַנצע פּאַרטייען און גרופּעס, און אַוודאי שוין נישט אויף דער גאַנצער גוייִשער ציוויליזאַציע, וואָס איז דאָך דער מקור פון אַלע רשעות, וואָס מען האָט אונדז אָנגעטאָן. די גוטע מידות פון די יוצאים מן הכּלל און זיך איינריידן, אַז משיח איז שוין געקומען. אונדזערע עלטערן מיט איבער 1900 יאָר צוריק האָבן זיך פאַרעקשנט און, נישט געקוקט אויף אותות און מופתים, נישט געוואָלט גלויבן אין דעם, וואָס האָט זיך, און אַנדערע האָבן אים, פאַרן אויסלייזער פּראָקלאַמירט — פּונקט אַזוי דערקענען מיר אים נישט צווישן די מענטשן פון דער פאַרגאַנגענהייט און זעען אים אויך נישט אין דער פינצטערער קעגנוואַרט. אָבער דעם גלויבן אין אים האָבן מיר נישט פאַרלוירן. מיר קוקן נאָך איצט אַרויס אויף זיין קומען אין דער צוקונפט. פריער־שפּעטער וועט די גאולה פונעם יידן און פונעם מענטשן קומען. און די חסידים און צדיקים נישט בלויז צווישן אונדז, נאָר אויך צווישן די אומות העולם זיינען דער אָנזאָג אויף אחרית הימימדיקער אויסלייזונג.

זיינען ווי געזאָגט, די מענטשלעכע מענטשן, די רעכטפאַרטיקע און רחמנותדיקע, געווען זעלטענע אויסנאַמען. אָבער זיי זיינען געווען. און די נאַצים האָבן דאָס געוואוסט און אויך פאַרשטאַנען, אַז כּל־זמן זיי זיינען דאָ, קענען זיי, די נאַצים, נישט רואיק זיין, הענגט איבער זייער קאָפּ אַ גרויסע סכּנה. די קאָלאָסאַלע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין האָט געצילעוועט דערצו, אַז די שקלאַפן־באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער זאָל טיילן מיט די דייטשן נישט בלויז זייער שנאה צום יידן, נאָר אויך זייער פאַראַכטונג צו אים, דעם „אונטער־מענטשן", כּדי צו פאַרמיידן, אַז די „שקלאַפן־מאָראַל" זאָל נישט קאַליע מאַכן די „הארן־מאָראַל"; כּדי די קנעכט זאָלן חלילה נישט אָנווערן זייער גלויבן אין דער סופּעריאָריטעט פון די גערמאַנישע

הערשער און באַפעלער און כּדי דער גלויבן אין זיך פון די „הארן"
גופא זאָל נישט צעטרייסלט ווערן דורך אַ שמץ פון ספק און סקעפּסיס.

און דער עיקר תּנאי, אַז דאָס זאָל נישט געשען, איז געווען צו ווײַזן דער וועלט דעם יידישן אונטערמענטשן אין פלייש און ביין. דאָס אַרײַנזעצן די יידן אין די געטאָ־תּפיסות, די געלע לאַטע, דער פאַרבאָט פון יעדן קאָנטאַקט מיט זיי ווי מיט מצורעים, די וואָרענונגען פון די דײַטשן צו דער אַרטיקער באַפעלקערונג, אַז דאָס געטאָ איז אַ נעסט פון עפּידעמיעס, דאָס אויסהונגערן די געטאָ־יידן, זייערע פּנימער זאָלן פאַרלירן דאָס נאַטירלעכע אויסזען און פאַרב, דאָס אויסטאָן זיי בלויז און נאַקעט, זיי זאָלן מוזן גיין קריעה בליעה, אַז זייער גאַנצער אויסזען און הילך זאָלן פאַרלירן די ענלעכקייט מיט מענטשן — דאָס אַלץ איז נויטיק געווען, כּדי אויפן ייד אַרויפצולייגן דעם שטעמפּל פון אַ נידעריקן מין, נישט צו מענטשן גלײַך. רעיה קאַגאַן גיט איבער וועגן אַ קליינעם אָבער ביז גאָר כאַראַקטעריסטישן פאַקט וועגן אַ דײַטשן לאַגער־פירער אין אוישוויץ. בעת ער פלעגט דאַרפן אַרײַנקומען אין יידישן בלאָק, פלעגט ער אַפילו צו דער טיר־קליאַמקע זיך נישט וועלן צורירן מיט זײַנע כּשרע הויזע הענט און פלעגט איטלעכס מאָל בײַם עפענען די טיר אָנטאָן הענטשקעס. און דאָס טאַקע האָבן די נאַציס געוואָלט דערגרייכן — דער דײַטש און דער גוי בכלל זאָלן שפּירן אַ פיזישן עקל בײַ דער באַרירונג מיט אַ יידן, ווי מען וואָלט זיך צורירן צו שמוץ און טומאה.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט מען אַלעמען אָפּגעשאָרן די האָר, אָנגעטאָן אין גלײַכע קליידער־טראַנטעס. נישט בלויז יידן, נאָר אויך די איבעריקע אַרעסטאַנטן, וואָס אויך זיי זײַנען געשטעמפּלט געוואָרן אַלס אָנגעהעריקע צו אַ שפּלן מין מענטש, צי מחמת זייער ראַסע, צי דערפאַר וואָס זיי זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער דײַטשער געמיינשאַפט, ווײַל זיי זײַנען נישט ווערט געווען צו איר צו באַלאַנגען, אַלע האָבן געדאַרפט האָבן איין פּנים, אָן אַנדערן ווי נאַרמאַלע מענטשן, כּדי יעדער שפּור פון פּערזענלעכקייט זאָל אָפּגעווישט ווערן. אַפילו זײַן נאָמען האָט דאָרט דער מענטש פאַרלוירן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נומער, אויסגעברענט אויף זײַן אָרעם, ווי אַ בעל־הבית הענגט אָן אַ נומער אויפן האַלדז פון זײַן בהמה. אָן אַנדער וועלט האָט דאָ געדאַרפט אויפקומען, גאָר אַנדערש ווי די נאָר־

מאַלע וועלט, אַ נעגאַטיוו פֿון אַ געוויינלעכער וועלט, לויטן געראַטענעם אויסדרוק פֿון איינעם פֿון די כראָניקער פֿון די קאָנצלאַגערן סימאָן לאַקס. יעדער סימן פֿון גײַסטיקייט האָט געמוזט פֿאַרשווינדן. דער עפּיסקאָפּ פֿון קלערמאָן פֿעראַן גבריאל פּיגע, אינטערנירט אין דאַכאַו, דערציילט ווי אַן ס. ס. זאָגט, בעת ער רײַסט אַרויס בײַ איינעם פֿון די אינטערנירטע אַ געבעטבוך, אַז דאָ דאַרף מען נישט די דאָזיקע שמאַטע, ווײַל דאָ איז קיין גאָט נישטאָ. די גראַדן פֿון מענטשלעכע ווערטן זײַנען איבערגעקערט געוואָרן. דער פֿאַרברעכער, דער אויסוואורף, וואָס די נאָרמאַלע וועלט האָט אים אויסגעשפּיגן, איז דאָ געוואָרן דער אַריסטאָקראַט, דער אויבערשטער קלאַס. דער איידעלער מענטש, דער וואוילגעלערנטער, איז דאָ אַראָפּגענידערט געוואָרן אויף דער נידעריקסטער שטופֿע. אַכזריות, האַרצלאָזיקייט און געפֿיללאָזיקייט זײַנען געוואָרן די העכסטע מידות, פֿיזישער כּוח — די איינציקע מעלה, דער איינציקער ווערט, וואָס מען שאַצט אים. איז אין די הענט פֿון די נאַצים אַרײַנגעפֿאַלן אַ פּראָפֿעסאָר, אַ שרײַבער, אַ גלח צי אַ בישאָף, האָט מען אים נישט בלויז געפּײַניקט און געמאַטערט, נאָר אויך באַשפּיגן, געצוואונגען קריכן אויף אַלע פֿיר, בילן ווי אַ הונט, זיך וואַלגערן אין צואה. נישט געווען קיין בזיונות, וואָס בלויז אַ מענטשלעך־פּערווערזע פֿאַנטאַזיע קען צוקלערן, מען זאָל זיי נישט אָנטאָן דווקא די אינטעלעקטואַלן. מען האָט דערמיט געוואָלט ברענגען דעם באַווײַז, אַז אַ מענטש איז לאו דווקא אַלע מאָל אַ מענטש, אַז ער קען פֿאַלן אַזוי נידעריק, אַז דאָס מענטשלעכע זאָל זיך מער נישט אָנזען. אַ סימן, אַז מענטשלעכקייט איז נישט מער ווי אַ שמינקע, וואָס דער מענטש האָט זיך דערמיט באַפֿאַרבט, מען זאָל פֿון אים די בהמה נישט אַרויסזען. דער דרך העולם איז, אַז אַ מענטש וואַרפֿט צו דעם הונט שיריים פֿון זײַן סעודה. דאָ איז געווען פֿאַרקערט. אַז די נאַצישע הינט און קעץ האָבן שוין געהאַט זיך אָנגעפֿרעסן, פֿלעגן מענטשן זיך וואַרפֿן אויף די איבערגעבליבענע ביינער, זיי גריזשען און זיך מחיה זײַן. מען האָט מענטשן דערפֿירט דערצו, זיי זאָלן זיך וואַלגערן אין צואה און דאָרטן זוכן ברעקלעך שפּײַז, און פֿון דאָרשט — טרינקען או״ין. און מעפֿיסטאָפֿעל האָט געפּלאַצט פֿון געלעכטער: זעסט דו, באַשאַפֿער פֿון דער וועלט, ווי ער זעט אויס, דער האָמאָ סאַפּיענס, אָט די צוויי־פֿיסיקע חיה, וואָס דו האָסט אין דײַן געשטאַלט באַשאַפֿן!

דער ייִד איז צו דעם צושטאַנד פֿון אַ בעל־חי דערפֿירט געוואָרן נאָך פֿאַרן קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָס געטאָ איז געווען דער ריכטיקער פּרוזדור צו אים. ס'האָט שוין געהאַט אַלע וויכטיקע שטריכן פֿון דער קאָנצלאַגער־וועלט, הן אויסערלעכע, הן אינערלעכע. שוין דאָרט אין געטאָ איז די עקסיסטענץ פֿונעם יידישן מענטשן דערפֿירט געוואָרן צו איר פּרימיטיווסטן אויסדרוק. די לעבנס־תּנאים, וואָס דער דײַטש האָט דאָרט אײַנגעפֿירט, וואָלטן נאָרמאַל געדאַרפֿט פֿירן דערצו, און צום גרויסן טייל טאַקע געפֿירט, אַז דער מענטש זאָל פֿאַרלירן זײַן פּרצוף פֿון אַ גײַסטיק באַשעפֿעניש. נישט קיין קאָפּ און נישט קיין האַרץ האָבן מער אין מענטשלעכן קערפּער קיין אָרט נישט געדאַרפֿט געפֿינען. נאָר איין אבר האָט געדאַרפֿט אינגאַנצן דעם מענטשן באַהערשן: דער מאָגן. עסן האָט געדאַרפֿט ווערן די איינציקע מחשבה און די איינציקע דאגה. פֿאַר מאָראַלישע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש איז דאָ קיין אָרט נישטאָ. איטלעכער פֿאַר זיך און קעגן אַלעמען. נישטאָ קיין טאַטע־מאַמע, פֿרוי און קינד. מײַן מאָגן איז בילכער. ער איז מײַן האַר און מײַן גאָט, מײַן מאָראַל און מײַן תּורה. אַז אַ יידישער יונגערמאַן אין בוכענוואַלד וויל געבן זײַן מאַנטל זײַן אַלטן טאַטן, וואָס שטייט אַ פֿאַרפֿרוירענער און ציטערט פֿון קעלט, ווערט ער באַשטראָפֿט און קריגט שמיץ פֿונעם ס. ס. דאָ, זאָגט ער, איז נישטאָ קיין רחמנות, קיין טאַטע און קינד. איטלעכער איז פֿאַר זיך. די נאַציס האָבן געוואָלט באַווײַזן און האָבן עס באַוויזן, איך וואָלט געזאָגט, גלענצנד, ווען עס וואָלט זיך נישט גערעדט וועגן עפּעס גרוילעכס, וועגן אַ טיפֿן אָפּגרונט, אַז דער הײַנטיקער מענטש, וואָס לעבט אין אַ צײַט פֿון עלעקטריע און עראָפּלאַנען, פֿון אוניווערסיטעטן און אַקאַדעמיעס, פֿון טעאַטער און קונסט, פֿון געניאַלע וויסנשאַפֿטלעכע דערפֿינדונגען און קונסט־ווערק, קען אין אַ גאָר קורצער צײַט דורכמאַכן אַ מהלך פֿון טויזנטער יאָרן ציוויליזאַציע אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, אויב מען פֿירט אים ווי געהעריק, מיט אַ געפּאַנצערטער פֿויסט און מיט אַ טײַוואָלאַנישער כּוונה. ער קען צוריקקערן צו זײַנע אוראַלטע אָבות, וואָס האָבן אין היילן געלעבט און מיט פֿעלן זייערע קערפּערס באַדעקט. האָט טאַקע אַנרי בערגסאָן נאָך פֿאַר היטלערן, ווי פֿאָרויסזעענדיק זײַן אָנקום, געזאָגט: אויב מען זאָל גוט אַ סקראָבע טאָן דעם מאָדערנעם מענטשן און אָפּרײַבן די שפּורן

פֿון זײַן דערציִאונג, וועט מען אינעווייניק געפֿינען דעם פּרימיטיוון, ווילדן מענטשן.[6]

כּדי דעם חיה־אינסטינקט פֿונעם מענטשן אויפֿצואוועקן און וואַך צו האַלטן, כּדי צו פֿאַרטיליקן די לעצטע רעשטלעך פֿון מאָראַל אין די באַציִאונגען צווישן מענטש און מענטש, האָבן די נאַצי־טײַוולאָנים אײַנגעפֿירט אַ קלאַסן־צעטיילונג אין דער שקלאַפֿן־וועלט, וואָס זיי האָבן באַשאַפֿן. יאָ, די נאַצי־טײַוולאָנים — וואָרעם נישט קיין מענטש און נישט קיין חיה וואָלטן געקענט זיך דערטראַכטן ביז אַזאַ ראַפֿינירטקייט אין אוממענטשלעכקייט און אַנטימענטשלעכקייט, חוץ אַשמדאַי אַליין, דער פּרינץ פֿון די שדים און מלאכי חבלה. נישט געווען קיין איינהייט־לעכע שקלאַפֿן־מאַסע ווי אין אַלטע צײַטן, בעת די האַרן האָבן געהאַט נאָר איין ציל — פֿונעם שקלאַף נוצן צו ציען פֿאַר זיך און ס'איז זיי גענוג געווען צו זײַן בעלי־בתּים איבער זײַן קערפּער, איבער זײַן אַרבעט. די נאַציס האָבן געדאַרפֿט עפּעס מער, ווײַל אָט דאָס עפּעס מער איז אין אונדזער הײַנטיקער ציוויליזירטער וועלט געווען דאָס מינימום, וואָס אָן אים וואָלט די שקלאַפֿן־אַרבעט גופֿא נישט דענקבאַר געווען. זיי האָבן געדאַרפֿט דעם נפֿש פֿונעם שקלאַף, זײַן נשמה באַ־שפּײַען, פֿאַרברודיקן, כּדי אים דערנאָך אינגאַנצן צו פֿאַרטיליקן. האָבן זיי געשאַפֿן פּריווילעגירטע גרופּעס אין די געטאָס פֿאַר יידן און אין די לאַגערן פֿאַר אַלעמען. און פּריווילעגיע האָט געמיינט נאָך אַ פּאָר צענדליק גראַם ברויט אַ טאָג, אַמאָל אַ שטיקל פֿעטס — אַלץ זאַכן, וואָס דאָרט זײַנען זיי געווען נישט בלויז דער עיקר פֿון לעבן, נאָר דאָס גאַנצע לעבן. שפּעטער, מיטן אָנהויב פֿון די „אַקציעס“, איז די פּריווילעגיע דערפֿירט געוואָרן צו אַ נאָך מער עלעמענטאַרן און אַכזריותדיקן אויסדרוק: דער פּריווילעגירטער וועט בלײַבן לעבן, אויב נישט אויף לאַנג, איז כאָטש אויף דערווײַל; דער מענטש אָן אַ פּריווילעגיע איז אַ זיכערער קאַנדידאַט אויף אַ גיכן טויט. און וואו נעמט מען די געוואַלדיקע גײַסטיקע שטאַרקייט פֿון אַזאַ פּריווי־לעגיע זיך אָפּצוזאָגן, אַפֿילו אויב מען ווייסט גוט, אַז טאַטע־מאַמע, פֿרוי און קינד זײַנען פֿאַרמשפּט? קיין שום ספּעקטאַקל האָט דעם נאַצי נישט פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל נחת רוח, ווי די סצענעס, ווי אייגענע פּײַניקן אייגענע, ווי יידן שלאָגן יידן, לויט זייער באַפֿעל. דער אויס־ראָט פֿון מענטשלעכקייט איז פֿאַר זיי געווען טויזנט מאָל וויכטיקער

ווי דער אויסראָט פֿון די מענטשן. זיי האָבן אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז אין דעם טאָג, ווען דער מענטש וועט זײַן מענטשלעכן פּנים פֿאַר־לירן, איז ער שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער און וועט שוין פֿון זייערע הענט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

אויסגעצייכנט האָט דעם דאָזיקן געדאַנק פֿאָרמולירט אַ יידישער פּאַרטיזאַן, אַ געוועזענער קאַצעטניק פֿון מאַידאַנעק: דער סוד פֿון אויסהאַלטן, פֿון בלײַבן לעבן, איז באַשטאַנען אין אײַנהאַלטן די מענ־טשן־ווערדע. האָסטו דאָס פֿאַרלוירן, ביסטו געווען אַ פֿאַרשפּילטער (יעקב פּאַט, ז׳ 237). די אַלע, וואָס זייער גאַנצער יחוס אין דער ציווילער וועלט האָט זיך גענומען פֿון זייער סאָציאַלער סיטואַציע און רײַכקייט, געלערנטקייט וכדומה, זײַנען גיך צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. דער מענטש איז דאָ אויסגעטאָן געוואָרן פֿון אַלע אויסערלעכע באַצירונגען און באַפּוצונגען. נאַקעט איז ער געבליבן שטיין פֿאַר זײַן גאָט, פֿאַר זײַנע מיטמענטשן און אַנטקעגן זײַן שונא. אַלץ, וואָס דער מענטש האָט אָנגעקליבן, אַלץ, וואָס לאָזט זיך דערגרייכן דורך פֿאַרמעגן און שׂכל, איז אין לאַגער אַוועקגעגאַנגען ווי אַ רויך. געבליבן איז נאָר דער מענטש אַליין און אָפּגעהיט האָט ער בלויז דאָס, וואָס ער באַזיצט אין זיך גופֿא. נאָר די האָבן זייער ווערדע אויפֿגעהאַלטן, וואָס האָבן געהאַט מאָראַלישע פֿעסטקייט אָדער באַהערשט געווען פֿון אַן אידייע, וואָס זיי האָבן אין איר מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט. ווען דער גוף איז אָרעם און שוואַך, זעט מען ערשט דעמאָלט, וואָס פֿאַר אַ באַדײַט עס האָט דער גײַסט (זע דאָס אַרטיקל פֿון ד״ר אַלבערט ראַמער אין פֿראַנצויזישן זאַמלבוך פֿון דעם אוניווערסיטעט ביז די קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן, ז׳ 420). און דער מעדיצין־פּראָפֿעסאָר ראָבער וויטץ, אַן אינטערנירטער אין אוישוויץ, באַשטעטיקט דאָס און זאָגט, אַז אין ערגעץ, ווי אין די לאַגערן, האָט מען נישט געקענט אַזוי קלאָר זען, ווי דער פֿיזישער צושטאַנד פֿון מענטשן הענגט אָפּ פֿון זײַן מאָראַל. דער שטאַרקער גײַסט אַליין איז בכּוח געווען צו געבן דעם מענטשן קראַפֿט איבערצוטראָגן און איבערצולעבן די יסורים פֿון דער נישט־מענטש־לעכער עקסיסטענץ (דאָרט, ז׳ 491). און עס זײַנען אין די לאַגערן געווען אַזעלכע, וואָס זײַנען בײַגעשטאַנען דעם נסיון און זייער מענטשן־ווערדע ביז דער לעצטער מינוט נישט פֿאַרלוירן. דער באַ־קאַנטער פֿראַנצויזישער שרײַבער לואי מאַרטען שאָפֿיע, אַליין אַן

אינטערנירטער אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער, שאַצט, אַז 5 פּראָצענט האָבן מיט דערפֿאָלג זיך אַנטקעגן געשטעלט די פּרוּוון פֿון די נאַציס צו מאַכן פֿון זיי אויס מענטשן. דאָס איז ווייניק, אָבער אויך אַ סך, ווען מען געדענקט גוט די אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן.

פֿון וואַנען, פֿון וואָס פֿאַר אַ סביבה און פֿון וועלכע סאָציאַלע קרײַזן האָבן זיך גענומען די דאָזיקע מענטשן מיט אַ שטאַרקן גײַסט, וואָס לאָזט זיך נישט בויגן און נישט ברעכן? אויף דעם איז שווער צו געבן אַ תשובה. אַ שאָד, וואָס די כראָניקערס פֿון די קאַצעטן האָבן זיך נישט געגעבן די מי אויסצופֿאָרשן און צו באַשרײַבן די איינצלנע ווידערשטענדלער, וואָס זײַנען פֿונעם דאַנטע־גיהנום אַרויס גאַנץ אין גײַסט. פֿונדעסטוועגן קענען מיר יאָ, אויפֿן סמך פֿון די פֿאַראַנענע מאַטעריאַלן, קומען צו אייניקע מסקנות, וועגן טיפּן פֿון מענטשן, וואָס זײַנען דורך בשלום די שבעה מדורי גיהנום. קודם כּל זײַנען דאָס די גלויביקע. אַפֿנים, אַז אמונה האָט נאָך עד־היום די שטאַרקסטע ווירקונג אויף דעם מענטשנס נשמה, הגם מען האָט שוין אין געוויסע קרײַזן אָפּגעזאָגט נאָך איר רבנן קדיש. אין די לאַגערן איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן יעדער קולט און יעדער געבעט צו גאָט בציבור. און מיט וואָס עס שמעקט עובר צו זײַן אויף אַ דײַטשן פֿאַרבאָט אין אַ קאַצעט, דאַרף מען נישט דערציילן. פֿונדעסטוועגן זעען מיר, אַז די גלחים פֿון פֿאַרשיידענע קריסטלעכע גלויבנס, מער פֿון אַלע די קאַטאָליקן, האָבן פֿון זייער פּאָסטן נישט דעזערטירט. געהיים פֿלעגט מען זאָגן „מעסעס", טויפֿן קינדער אאַז"וו. געווען אויך נישט ווייניק פֿאַלן פֿון מסירת נפֿש. אַ גלח, וועלכן מען האָט געצוואונגען צו טרעטן מיט די פֿיס אָביעקטן פֿון קאַטוילישן קולט און ער האָט עס נישט געטאָן, ווערט אויפֿן אָרט געהרגעט, ווי עס גיט איבער דער שוין ציטירטער עפּיסקאָפּ פּיגע פֿונעם דאַכאַו־לאַגער. די מאָנאַשקע מאַריע פֿון פֿרויען־לאַגער אין ראַווענסברוק האַלט אין טרייסטן אַ גרופּע פֿרויען, וואָס מען שיקט זיי אין אַ טראַנספּאָרט אויף אַ זיכערן טויט. אין גרויס פֿאַרביטערונג, אַזוי נאַטירלעך אין אַזאַ טראַגישער לאַגע, זאָגן זיי צו איר: עמעצן, וואָס בלײַבט לעבן, איז קיין קונץ נישט צו דרשהנען טרייסטווערטער פֿאַר יענע, וואָס וועלן באַלד פֿאַרגאַזעוועט ווערן. און אויף איר פֿראַגע, צי וואָלט זיי לײַכטער געווען

אויפֿן האַרצן, ווען זי גייט מיט זיי, דערהערט זי אַ יאָ פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן. קלערט די „מוטער" מאַריע נישט לאַנג און שטײַגט אַרײַן אין קאַמיאָן, וואָס האָט זי צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַוועקגעפֿירט צו דעם אויסראָט. דער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר שנײַדער זאָגט זיך אָפּ צו סאַלוטירן די האַקנקרויץ־פֿאָן, לײַדט ער די גרעסטע יסורים און שטאַרבט סוף כּל סוף אַ פֿאַרסמטער פֿון די נאַציס.

מיט אַן אָרעאָל פֿון אמתע הייליקע האָבן פֿאַרדינט געקרוינט צו ווערן די מענטשן פֿון דער סעקטע ביבל־פֿאָרשער (פֿונדאַמענטאַ־ליסטן), אַ סעקטע, וואָס פֿאַרלייקנט די וועלטלעכע מאַכט און גיט זיך איר נישט אונטער, אויב אירע געזעצן און באַפֿעלן זײַנען אין סתירה מיט זייער געוויסן און מיט די פֿונדאַמענטאַלע דאָגמעס פֿון אַלע רע־ליגיעס. בפֿרט זאָגן זיי זיך אָפּ פֿון פֿאַרנעמען מלוכה־שטעלעס און פֿון אָנטייל אין מלחמות. אַפֿילו די קאָמוניסטישע באַשרײַבער פֿונעם לעבן אין די לאַגערן קענען זיך נישט אָפּלויבן פֿון זייער מוט און מאָראַלישער פֿעסטקייט. נאָכן אויסברוך פֿון דער מלחמה (אינטער־נירט זײַנען זיי געווען נאָך פֿריער), ווילן די נאַציס זיי צווינגען אַרײַנצוטרעטן אין דער ווערמאַכט. מען פּײַניקט זיי און מען טוט זיי אָן כּל עינוים קשים. אָבער דאָס העלפֿט נישט. זיי האַלטן אויס און גיבן נישט נאָך, אַזוי אַז די נאַציס אַליין בלײַבן געפּלעפֿט, פֿילן זיך אָראָפּ־געפֿאַלן אַנטקעגן זיי און זאָגן זיך סוף כּל סוף אָפּ זיי אונטערטעניק צו מאַכן. אַז די נאַציס מאַכן אין די לאַגערן אַ זאַמלונג פֿאַר דער „ווינטערהילף", באַטייליקן זיך נישט די פֿונדאַמענטאַליסטן און עס העלפֿט נישט, וואָס מען לאָזט זיי נאַקעט שטיין אין דרויסן אַ גאַנצן מעת לעת בײַ אַ 20 גראַדיקן פֿראָסט. און פּונקט ווי זיי האָבן פֿאַר־שטאַנען זיך צו פֿירן העלדיש אין מאָמענטן פֿון לעבנס־סכּנה, אַקוראַט אַזוי האָבן זיי אַרויסגעוויזן די נישט קלענערע קונסט צו בלײַבן מענטשלעך אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אויב מען קען אָט דעם טערמין בכלל געברויכן, בעת עס רעדט זיך וועגן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. תּמיד זײַנען זיי גרייט געווען צו העלפֿן מיטן לעצטן פּעניץ ברויט און מיט אַ האַרציקן טרייסטוואָרט אַלע פֿאַרפּײַניקטע און אויסגעהונגערטע, קריסטן צי יידן.

אויפֿן צווייטן אָרט אינעם ראַנג פֿון גײַסטיקן ווידערשטאַנד שטייען די פּאָליטישע פֿירער, אינטערנירטע אין די לאַגערן און מער פֿון אַלע

אנדערע — די קאמוניסטן. אמת, געווען אין זייערע רייען א היפשע צאל, וואס האט זיך ארויסגעוויזן פאר שוואך און פארדארבן, ביז זיי זיינען צום סוף אינגאנצן דעמאראליזירט געווארן און געמאכט יד אחת מיט די ס. ס. (רוסע, זז׳ 128—127 און די באשרייבונג פונעם ווינער קאפא מיטן רויטן ווינקל אין שטריגלערס מאידאנעק). געווען אבער אויך אזעלכע, וואס זיינען געבליבן טריי זייערע איבערצייגונגען ביז צום סוף, נישט געקוקט אויף אלע רדיפות און נגישות. גראד אין די שרעקלעכע באדינגונגען פון לאגער־לעבן האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער קאמוניזם איז בכוח ארייַנצוהויכן אין זיינע פירער אן אמתן רעליגיעזן פאטאס, אן אמונה־שטייפקייט, נישט געקוקט אויף זיין מאטעריאליסטישער פילאסאפיע. די דאזיקע פעסטקייט פון גלויבן קען פירן, און פירט טאקע אפט מאל צו בלינדן פאנאטיזם, צו אכזריות און צו טעראר, פונקט ווי מיר האבן דאס געזען ביי קריסטלעכע גלויביקע אין אמאליקע און הייַנטיקע צייטן (גענוג צו דערמאנען די אינקוויזיציע). זי קען אבער אויך אויפהויבן דעם מענטשן צו הויכקייטן פון מענטשלעכקייט און גייַסטיקייט. גראד אין די לאגערן האט זיך באוויזן, אז קאמוניזם איז א סך מער ווי א פאליטישע פראגראם. זיין ווירקונג דרינגט ארייַן אינעם לעבן פון דעם פירנדיקן יחיד (מען טאר נישט פארגעסן, אז אין די לאגערן זיינען געבראכט געווארן די פירער, די שפיצן־קעפ) און ווירקט אויף זיין פערזענלעכער הנהגה. דער שארפער אנטיקאמוניסט, דער ענגלישער מאיאר בוירנעי, מוז מודה זיין, אז ביי די קאמוניסטן אין בוכענוואלד הערשט א חברישע סאלידאריטעט. מען טיילט זיך צווישן זיך מיט אלץ: מיט ברויט, קליידונג און שיך. און ער זאגט וועגן זיי, אז לויט זייער הנהגה האבן זיי זיך ארויסגעוויזן קריסטלעכער ווי די קאטאליקן (בוירנעי, זז׳ 25, 29). פאר א קאמוניסט אין לאגער איז געווען א געזעץ זיך צו פירן מיט ווערדע, נישט לעקן קיין טעלערס און זיך פאר קיינעם נישט בויגן.

בכן, אויף דער אויבן פארמולירטער פראגע: צי האט זיך די דייַטשן זייער עקספערימענט פון דעזהומאניזאציע איינגעגעבן — וועט די תשובה מוזן קלינגען פאר א גאר היפשער צאל זייער טרויעריק. ס׳האט זיך ארויסגעשטעלט, אז אין משך פון א יאר צוויי איז די נאצים געלונגען צו פארוואנדלען די קאצעטניקעס, חוץ א קליינער מינדערהייט, אין חיות און מען וואלט געמוזט זיך מייאש זיין פונעם

מענטשלעכן מין, ווען דער דײַטשער עקספּערימענט וואָלט גלײַכצײַטיק נישט באַוויזן, אַז ס'איז מענטשלעך מעגלעך, אַז ס'איז נישט איבער די כּוחות פֿונעם מענטשן, זײַן גײַסט און געשטאַלט אַפּצוהיטן אַפֿילו ווען ער פֿירט אויסערלעך די עקסיסטענץ פֿון אַ פּרימיטיווער באַשעפֿעניש, אויב נישט נאָך אַן ערגערע און נידעריקערע. און קיין גלענצענדערן באַווײַז, אַז דער מענטש איז דאָך די קרוין פֿון גאָטס באַשאַף וואָלט אוממעגלעך געווען צו ברענגען, ווען נישט די גרויל־דערפֿאַרונג פֿונעם קאַצעט־גיהנום. ווי באַלד אַזוי, דאַרף מען די האָפֿענונג אין דער מענטשלעכער נאַטור נישט פֿאַרלירן.

די יחידים, וואָס האָבן אין גיהנום זיך געקענט דערהויבן צו אַזוינע הויכע מדרגות, זײ פּערסאָניפֿיצירן דעם מין מענטש, אין אונטערשייד פֿון דער חיה, וואָס פֿאָלגט בלינד אירע גלוסטן און אינסטינקטן. זיי, אָט די יחידים, זײַנען דער אָנזאָג אויף ווײַטע דורות און צײַטן, וואָס מוזן אַמאָל קומען, ווען דער גײַסט, פֿונעם בורא עולם אינעם מענטשן אַרײַנגעהויכט, וועט באַקומען איבער אים די פֿולע שליטה.

IV.

קרבנות, קדושים און טמאים

איז לאָמיר איצט אַ קוק טאָן, ווי האָבן יידן אויסגעהאַלטן דעם נסיון, אַ נסיון, וואָס נישט די אַלגעמיינע, נישט די יידישע געשיכטע קען נישט זײַנס גלײַכן. און דאָס מוז גאַר שטאַרק אונטערגעשטראָכן ווערן, כּדי אויסצומײַדן אַ שווערן טעות, ווען מען זאָל פּראָסט פֿאַר־גלײַכן די הנהגה פֿון דעם אַמאָליקן יידן אין צײַטן פֿון גזירות און פֿונעם יידן פֿון דעם לעצטן חורבן. מיר וועלן נאָך זען, אַז אונדזער הײַנטיקער באַלאַנס איז, אויב מיר ווילן ערלעך זײַן מיט זיך אַליין, נישט קיין זייער געהויבענער. אָבער צום זכות פֿון הײַנטיקן יידן מוז געזאָגט ווערן, אַז קיין פֿריערדיקער יידישער דור איז אַזוי נישט גע־פּרואווט געוואָרן. אַמאָליקע יידן, וואָס זײַנען געשטעלט געוואָרן פֿאַר דער ברירה: טויט אָדער שמד, און האָבן אויסגעקליבן דעם טויט — זײַנען אין מאָמענט פֿון נסיון געווען נאָרמאַלע מענטשן און די איי־

נענע גאַנצע יידן ווי זיי זײַנען פֿריער געווען. דעם הײַנטיקן געטאָ־יידן אָבער האָט מען געפּײַניקט בהדרגה, אים דערנידעריקט ביסלעכווײַז, אים פּאַמעלעך געמאַכט פֿאַר אויס מענטש, ביז מען האָט אים געבראַכט צו דעם צושטאַנד פֿון אַ בעל־חי, פֿון אַ גײַסטיק באַשעפֿעניש אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ בלויז ביאָלאָגיש וועזן, וואָס אים זײַנען איבעריק געבליבן נאָר די עלעמענטאַרע אינסטינקטן און באַדערפֿענישן.

ווײל איך מקדים זײַן דעם אַנאַליז פֿון די געשעעענישן, וואָס וועט ווײַטער קומען און זאָגן: יידן האָבן אויסגעהאַלטן דעם פֿײַער־פּרואוו נישט ערגער פֿון אַנדערע, הגם די אַנדערע, אַפֿילו די פֿאַרשקלאַפֿטע אין די לאַגערן, האָבן זיך דאָך געפֿונען אין בעסערע באַדינגונגען ווי די יידן. צי האָבן יידן אַרויסגעוויזן מער גײַסטיקע ווידערשטאַנדס־כּוחות ווי די אַנדערע, ווי מען וואָלט געקענט און געדאַרפֿט דערוואַרטן פֿון אַ פֿאָלק מיט אַזוינע לאַנגע גלאָררײַכע טראַדיציעס פֿון קידוש השם, ווי דאָס אונדזעריקע? אויף דעם קען איך, אויפֿן סמך, וואָס איך האָב געזען, געהערט און געליענט, לײַדער קיין פּאָזיטיווע תּשובה נישט געבן.

ס'איז אמת, אַז יידן אין די געטאָס, די הונגעריקע און נאַקעטע, האָבן געעפֿנט געהיימע שולן פֿאַר קינדער, פֿלעגן זיך צונויפֿקומען מתפּלל צו זײַן בצבור, הגם דאָס און יענץ איז אין געוויסע געטאָס און אַ געוויסע צײַט געווען פֿאַרבונדן מיט אַ נישט קליינער ריזיקע; יידיש טעאַטער האָט געשפּילט, יידישע קאָנצערטן האָט מען געגעבן, לעקציעס און ליטעראַרישע פֿאָרלעזונגען האָט מען אָרגאַניזירט וכדומה. זעט מען דערין מיט רעכט אַן אויסדרוק פֿון יידישער גײַסטיקייט, וואָס האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט און זיך נישט געלאָזט אויסראָטן. ווייסן מיר אָבער שוין, אַז אויך קאַטאָליקן און פּאָליטישע גרופּן האָבן דאָס אייגענע געטאָן אין די לאַגערן, הגם דאָרט האָט דאָס געשמעקט מיט עינוים, אויב נישט מיט טויט. אָבער שפּורן פֿון אַ יידיש־געזעלשאַפֿט־לעכן און אינטעלעקטועלן לעבן אין די לאַגערן, פֿון אַן אָרגאַניזירטער אַזוי גערופֿענער וועלטלעכער קולטור־אַרבעט, ווי דאָס האָט זיך סיס־טעמאַטיש געפֿירט בײַ די גוים, געפֿינען מיר גאָר זעלטן. זעט איר — און דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער שטריך, וואָס מיר וועלן זיך נאָך מיט אים באַגעגענען — מיר שטויסן זיך יאָ אָן גאָר אָפֿט אין די באַשרײַ־בונגען פֿונעם יידישן לעבן אין די קאַצעטן אויף רעליגיעזע יידישע

אקטן, ווי דעם פּסחדיקן סדר, דעם יום־כּיפּור־תּענית און חנוכּה־פֿײַערונגען.

הכּלל, מיר האָבן אין דעם פּרט נישט מיט וואָס זיך צו באַרימען פֿאַר אַנדערע. זײַנען מיר נישט געווען נידעריקער פֿון זיי, זײַנען מיר אָבער העכער פֿון זיי אויך נישט געשטאַנען. איז דאָס אפֿשר געגנוג פֿאַר יענע, וואָס לאַכן זיך אויס פֿונעם אתּה בחרתּנו און וואָס לייקענען במילא די וויכטיקסטע פֿאַקטן און געשעענישן פֿון אונדזער אייגענער און פֿרעמדער געשיכטע, וואָס אין זיי האָט זיך אונדזער העכערקייט איבער אַנדערע תּמיד מאַניפֿעסטירט און אויף אַזאַ עקלאַטאַנטן אופֿן. אויב מיר האָבן אין די חורבן־יאָרן זיך נישט אויפֿגעפֿירט ערגער פֿון די אַנדערע, איז דאָס גאָר אַ קנאַפּע טרייסט. וואָרעם אויב מיר זאָלן נישט זײַן בעסער פֿון יענע, וועלן מיר בכלל נישט זײַן.

די מיליאָנען אומגעבראַכטע ייִדן זײַנען אומגעקומען ווי אומשולדיקע קרבּנות, וואָס האָבן זייערע לעצטע יאָרן און שעהן פֿון לעבן נישט באַשמירט און נישט באַפֿלעקט. געווען צווישן זיי אַ היפּשע צאָל שוואַכע מענטשן, געבראָכן פֿון נויט און פּײַן, הונגער און קעלט, קרענק און יסורים, וואָס האָבן קיין העלדישקייט נישט אַרויסגעוויזן, אָבער אויך אין שפֿלות זײַנען זיי נישט געזונקען (לויט רמב״ם דאַרף מען זיי באַטראַכטן ווי אומגעקומענע על קדוש השם, ווי באַלד זיי זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי זײַנען ייִדן. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז עס איז פֿאַראַן אַ חילוק צווישן בינונים, לויטן אויסדרוק פֿון רמב״ם גופֿא אין אַן אַנדער אָרט — משנה תּורה הלכות תּשובה פּג, א. — וואָס האָבן זכיות און עונות און צווישן צדיקים, במילא — אויך צווישן פּאַסיווע קרבּנות און קדושים, וואָס האָבן מיטן אייגענעם ווילן זיך מוסר נפֿש געווען). געווען אָבער אויך אַ דריטע קאַטעגאָריע: יענע, וואָס האָבן געפּרוּווט אַנטלויפֿן פֿון זייערע ברידער אין נויט און פּײַן, אָבער וואָס דער ביטערער ייִדישער גורל האָט זיי סוף כּל סוף געטראָפֿן אין זייערע באַהעלטענישן און אונטער די גוייִשע מאַסקעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן. דאָס זײַנען די, וואָס האָבן זיך געשמדט דאָרט, וואו שמד האָט נאָך געגאָלטן ווי אַ שוץ־מיטל, כאָטש אויף אַ געוויסער נישט לאַנגער צײַט, ווי למשל, אין אונגאַרן און סלאָוואַקיע. עס קומען נאָך צו יענע ייִדן, וואָס האָבן אָפֿיציעל זיך נישט געטובֿלט, וואָס האָבן אָבער זיך

אַרויסגעגעבן ווי קריסטן, מיט התמדה זיך געלערנט די פּאַטשערעס, געגאַנגען אין קלויסטער און, ווען מען האָט געמוזט, מיטגעמאַכט מיט די גויים זייערע אַנטיסעמיטישע שטיק.

מען זוכט אָפּט ביַי אונדז צו כּשרן די היַינטיקע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אָפּטריניקע אויפֿן סמך פֿון אַנאַלאָגיעס מיט די אַמאָליקע אַנוסים און זיך צו טרייסטן דערמיט, אַז אויך אין פֿאַרגאַנגענע ציַיטן האָבן זיך געפֿונען יידן, וואָס האָבן אין אַ שעת סכּנה נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון. פֿאַרגעסן אָבער די פֿאַלשע טרייסטזאָגער, ווי גרויס ס'איז געווען די צאָל יידן, וואָס האָבן אין די ציַיטן פֿון די מסעי הצלב און אויך בשעת די גזירות אין שפּאַניע, אמת, אין אַ פּראָפּאָרציאָנעל קלענערער צאָל ווי אין ערשטן פֿאַל, מקריב געווען זייער לעבן על קדוש השם, און ווי קליין און נישטיק איז די פּראָפּאָרץ געווען בעת דער היטלער־גזירה. דאָרט האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט מאַסן פֿון קדושים, דאָ — מיט געציילטע יחידים. אָבער נאָך וויכטיקער איז עפּעס אַנדערש: די באַציאונג פֿון יידישן עולם און פֿון יידישע פֿירער צום אַקט פֿון שמד. דאָס טרויעריקסטע און דאָס ביטערסטע, וואָס די לעצטע געשעענישן האָבן אונדז געבראַכט, איז די שווייגנדיקע און אַמאָל אויך אָפֿענע הסכּמה, וואָס דער יידישער כּלל האָט געגעבן צום שמד, צום פֿאָרמעלן און נאָך מער צום נישט פֿאָרמעלן, הן בעת דעם אומגליק גופֿא, הן נאָך דעם ווי דער בלוט־מבול איז פֿאַרביַי.

די פּראָבלעם פֿון אַנוסים איז שוין כּמעט 900 יאָר אַלט און מיר האָבן וועגן איר אַ גאָר היפּשע ליטעראַטור, אָנגעהויבן פֿון די מעמאָר־ביכער און פּינקסים און געענדיקט מיט די שאלות ותשובות פֿון אונדזערע גרעסטע חכמים און רבנים. ד"ר צימעלס האָט באַאַרבעט 160 תשובות פֿון מער ווי 50 גרויסע פּוסקים.[7] וועט איר דאָרט נישט געפֿינען קיין איין שורה, קיין איין אות, וואָס זאָל דעם אַקט גופֿא פֿון שמד באַרעכטיקן, וואָס זאָל יידן באַפֿריַיען פֿונעם חוב פֿון קדוש השם. די חלוקי־דעות צווישן די פּוסקים בנוגע די אַנוסים האָבן זיך באַצויגן בלויז צו זייער רעכטלעכן סטאַטוס לאחר המעשה. באַטראַכטן די איינע די אַנוסים פֿאַר יידן לויטן באַוואוסטן מאמר „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא", ד"ה פֿאַר זינדיקע יידן, די אַנדערע — פֿאַר ניט יידן, חוץ אין דיני משפּחה און אויך דאָס בלויז לחומרא, די דריטע — פֿאַר ניט יידן אין אַלע באַציאונגען, די פֿערטע קוקן אויף

זיי נאָך ערגער ווי אויף ניט יידן (בלויז די קינדער פֿון די אנוסים, אָפֿיציעל געבוירן ווי קריסטן, ווערן פֿון געוויסע חכמים באהאנדלט ווי תינוקות שנשבו בין הגוים). די באַציאונג צו די אנוסים ראשונים אָדער אנוסים הקודמים איז געווען אַ מילדע מחמת זייער גרייטקייט זיך מוסר נפֿש צו זײַן פֿאַר יידישקייט. האָבן זיי דאָך על פּי רוב נישט אויפֿגעהערט צו זײַן יידן, אין געהיים מקיים געווען יידישע מצוות, געהאַלטן שבת און יידישע יום־טובים און פֿרײַוויליק מיט זייער לעבן צוליב דעם ריזיקירט. זײַנען טאַקע אַ היפּשע צאָל אנוסים שוין נאָכן צוואַנג־שמד פֿאַרברענט געוואָרן אויף די שײַטערהויפֿנס פֿון איבערישן האַלבאינדזל. שוין צוליב דעם אַליין ווערט צונישט די אַנאַלאָגיע צווישן אַמאָליקע אנוסים און די הײַנטיקע, וואָס איין מאָל באַפֿרײַט פֿון דער סכּנה, האָט איר מער בײַ זיי קיין מעשׂים, וואָס זיי זאָלן טאָן מיטן גוטן ווילן און צוליב דעם זייער לעבן אין ריזיקע שטעלן, נישט געקענט אויסזוכן, חוץ, פֿאַרשטייט זיך, אין די געציילטע פֿאַלן פֿון אמתע קדושים.

שרײַבט מען קיין ארץ־ישׂראל פֿון סלאָוואַקיע, אַז צענדליקער טויזנטער יידן האָבן זיך דאָרטן געשמדט און הערט נאָר צו — אין די אָרטיקע יידישע קרײַזן גייט אָן אַ וויכּוח, ווי מען זאָל זיך באַציען צום דאָזיקן אַקט פֿון שפּלות און בגידה. פֿאַראַן נישט ווייניק מקילים, וואָס האַלטן, אַז עס איז אַ ביטערער רחמנות אויף די דאָזיקע יידן און אַז צוליב פּקוח נפֿש האָבן זיי געמעגט טאָן, וואָס זיי האָבן געטאָן. פֿאַראַן מחמירים, צווישן פֿרומע יידן און צווישן יענע נאַציאָנאַל־געשטימטע יידן, וואָס האָבן טיפֿע וואָרצלען אין יידישקייט. אויף דער אַרישער זײַט אין וואַרשע ווילן זיך גויים, אַז דאָס בעסטע גע־שעפֿט איז איצטער דער האַנדל מיט קאַטוילישע געבעט־ביכער און קולט־אָביעקטן, מחמת יידן כאַפּן זיך צו זיי ווי דאָרשטיקע צו אַ טרונק וואַסער. איז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט שמד און בפֿירושע שמד־שטיק אין רעליגיעזן זינען. אָבער אַז יידן האָבן געמעגט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר גויים און לעבן ווי גויים, איז כּמעט לית מאַן דפּליג. פֿרעגט זיך — וואו איז אַהינגעקומען דער „יידישער שטאָלץ”, דער יידישער וועלט־לעכער נאַציאָנאַליזם, וואָס מיר גרויסן זיך אַזוי מיט זיי און זײַנען בטוח, אַז אין זיי שטעקט נישט ווייניקער גײַסטיקע קראַפֿט ווי אין דער „פֿאַרעלטערטער” רעליגיעזער יידישקייט? יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן

זיך אַליין פֿאַרנומען מיט העלפֿן יידן פֿאַרשטעלן זיך און קענען לעבן ווי אַריער. זיי האָבן באַטראַכט פֿאַר איינע פֿון זייערע בעסטע און וויכטיקסטע רעטונגס־אַקציעס די פֿאַבריקאַציע פֿון אַרישע פּאַפּירן און דאָס באַהאַלטן יידישע קינדער אין קלויסטערס, הגם עס האָט געמוזט קלאָר זײַן, אַז דאָס לעצטע האָט געמיינט זיי, לכל הפּחות די מערהייט, פֿירן צום שמד. האָבן טאַקע חסידישע יידן אין וואַרשע זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערשטיצן דעם פּלאַן פֿון יידישן הילפֿס־קאָמיטעט צו באַהאַלטן יידישע קינדער אין קלויסטערס. „מיר וועלן נישט דערלאָזן, האָבן זיי געזאָגט, אָפּצוגעבן אונדזערע קינדער צום שמד. וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זײַן" (יאָנאַס טורקאָוו, ז' 371). דאָס איז די שפּראַך פֿון פֿרומע יידן. און צי איז עס נישט טרויעריק, אַז די „נאַציאָנאַלע" טוער פֿון דער מאָנטן קאָמיטעט האָבן אַליין נישט גערעדט אויף דער אייגענער שפּראַך און אַפֿילו זי נישט פֿאַרשטאַנען, וואָרעם והא ראיה — צו איר זיך נישט צוגעהערט.

דערמאָן איך זיך אין מײַנעם אַ שמועס בשעתו מיט אַ טוער פֿון אַ יידישער הילפֿס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז זיי האָבן אויף דעם וועג געראַטעוועט הונדערטער יידישע קינדער. דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפֿט פֿון יאָר 1942, ווען אין פֿראַנקרײַך האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס קיין פּוילן. איך האָב אָט די טוער געפֿרעגט, צי מען האָט כאָטש פֿאַרהאַנדלט מיט די גלחים, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן די קינדער, אַז מען זאָל קענען לכל הפּחות אין אַ מינימאַלער רודימענטאַרער פֿאָרעם ממשיך זײַן זייער יידישע דערציאונג, זיי זאָלן נישט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון טאַטע־מאַמע, פֿון זייער פֿאָלק און פֿון זייער אמונה. ווייס איך נישט , צי איז מײַן געדאַנק געווען פּאַקטיש דורכפֿירבאַר . אינטערעסאַנט איז אָבער געווען די רעאַקציע פֿון מײַנע מיטשמועסער, יידישע כּלל־טוער און יידישע קינדער־פֿאַרזאָרגער : — אַ מאָדנער מענטש, אין אַזאַ צײַט, ווען מען דאַרף דאָס לעבן ראַטעווען, האָט איר גאָר קיין אַנדערע דאגות נישט ? דאָס ייד־בלײַבן פֿון די קינדער איז פֿאַר די דאָזיקע טוער גאָר קיין פּראָבלעם נישט געווען. אַזאַ פֿראַגע האָט זיך פֿאַר זיי גאָרנישט געשטעלט. דאָס איז באמת געווען זייער לעצטע זאָרג. און עס רעדט זיך דאָ נישט וועגן פֿילאַנטראָפּן, קריסטן, מוסולמענער אָדער בודיסטן, וואָס ווילן ראַטעווען קינדער־לעבנס, נאָר פֿון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע און פֿון יידישע טוער, וואָס

זייער זכות הקיום, זייער רעזאָן ד׳עטר איז גילטיק נאָר כּל־זמן יידישע קינדער זײַנען יידישע. הערן זיי דאָס אויף צו זײַן, זאָרגט מען נישט דערפֿאַר, אַז זיי זאָלן יידן בלײַבן, דאַרף מען דאָך אויף כּפּרות ספּע־ציעל־יידישע קינדער־הילף־אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

פֿאָרט אַ ייד, פֿאַרשטעלט ווי אַן אַריער אין באַן און הערט זיך צו צו די שמועסן פֿון די פּאַסאַזשירן, וואָס אין די היטלער־יאָרן זײַנען יידן געווען זייער טאָג־טעגלעך. וואָס זיי האָבן וועגן אונדז געהאַט צו זאָגן פֿאַר היטלערן און אַ פּשיטאַ שוין נאָך זײַנע ניצחונות, קענט איר זיך לײַכט פֿאָרשטעלן. יידן זײַנען בלוט־זויגערס, שווינדלער און גנבים, נידעריקע, ברודיקע נפֿשות. זיצט דער ייד אין געהאַקטע וואונדן, אָבער דער חשק צו לעבן איז שטאַרקער ווי נשמה־ווייטיק. זאָל ער שווײַגן, איז אַ סכּנה, ער זאָל דערמיט אַרויסגעבן זײַן אָפּשטאַם. שאָקלט ער מיטן קאָפּ. ס׳הייסט, אַז אויך ער איז מסכּים מיט די שאַנאָוונע פּאַנעס. ציטערט ער אָבער, אַז אַ קאָפּ־שאָקל אַליין איז ווייניק. און אויב ער האָט נישט מורא, אַז זײַן אַקצענט זאָל אים אַרויסגעבן, ווערט ער אַ גלײַכער שותּף אינעם פֿײַנעם שמועס און שיט צוזאַמען מיט די רשעים פּעך און שוועבל אויף זײַן פֿאָלק.

דינט אַ יידיש מיידל מיט אַ פֿײַנעם אַרישן אויסזען בײַ דײַטשע אָפֿיצירן, דערלאַנגט זי גוטע מאכלים און טײַערע משקאות צום טיש און בײַם טיש דערציילן זיי, ווער, ווי אַזוי און וויפֿל יידן האָט הײַנט דערמאָרדעט, און זיי באַשרײַבן מיט אַלע פּיקאַנטע פּרטים די יידישע פֿרויען, וואָס זיי האָבן פֿאַרגוואַלדיקט. און זי, זי פֿאַרבײַסט די ציין און שווײַגט. וואָרעם וואָס דען זאָל זי טאָן, אויב זי וויל לעבן בלײַבן? האָט איינע פֿון די דאָזיקע מיידלעך נישט אויסגעהאַלטן און אין אַ שיינעם טאָג די פֿאַרשאָלטענע גוישע מאַסקע אַוועקגעוואָרפֿן און צו אירע ברידער אין געטאָ צוריקגעקומען. דערציילט רישע ווײַס־באַך, אַזוי הייסט זי, און אַ טאָכטער איז זי פֿון הרב ר׳ רפֿאל ווײַס־באַך פֿון סטרי: „איך האָב אַוועקגעוואָרפֿן מײַן נאָמען, מײַן טאַטנס נאָמען, די נעמען פֿון די תּלמידי חכמים און צדיקים פֿון מײַן משפּחה, אַראָפּגעריסן פֿון זיך דעם צלם אלקים פֿון אַ יידישער טאָכטער און אַרויפֿגעטשעפּעט אויפֿן יידישן נאָמען פֿון מײַן מאַמען, פֿון מײַן באָ־בען, פֿון די ווישניצער — די צורה פֿון אַ גוישער דינסטמויד בײַ די דײַטשע גזלנים און געראַטעוועט מײַנע ביינער״... „רישע, רישע,

פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן, פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי נידעריק געפֿאַלן" (פּאַט, ז' 199). די בענקעניש נאָך יידן האָט זי נישט געלאָזט רוען. זי קלייַבט זיך איבער אין געטאָ און דאָרט האָט זי געהיט אַ בונקער, וואו 22 רבנים האָבן תּורה געלערנט. אָבער וויפֿל יידישע מיידלעך מיט אַ „גוטן אויסזען" זיַינען געבליבן אויף דער אַרישער זיַיט און ביז צום סוף געלעבט אַ לעבן פֿון שאַנד?

זעט מען טאַקע באַשיַימפּערלעך, אַז ציַיטן בײַטן זיך. בעת דער שעת השמד אונטערן קיסר אדרינוס, וואָס האָט געוואָלט אויסראָטן די יידישע תּורה און יידישע מצוות, האָבן זיך די יידישע חכמים אין גע־היים פֿאַרזאַמלט אין דער סאַלקע פֿון נתזהם הויז אין לוד און געפּסקנט, אַז בײַ אַלע עבירות פֿון דער תּורה, אויב מען זאָגט דעם מענטשן טו און ווּעסט לעבן בלײַבן, זאָל ער עובר זיַין און נישט געהרגעט ווערן, חוץ בײַ געצנדינסט, בלוטשאַנד און שפּיכת דמים. איז געקומען רב דימי און געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוחנן: ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז נאָר בײַ אָט די דרײַ עבירות דאַרף מען זיך לאָזן הרגענען, בלויז אין נאָרמאַלע ציַיטן. בײַ אַ גזירת מלכות אָבער דאַרף מען זיך לאָזן טויטן אַפֿילו אויף נישט צו באַגיין אַ קלײנטשינקע עבירה. און רבין האָט אין דעם אײגענעם נאָמען פֿון ר' יוחנן געזאָגט, אַז אַפֿילו אין רואיקע ציַיטן, אויב אַן אַנדער עבירה, חוץ די דרײַ אויסגערעכנטע, דאַרף באַגאַנגען ווערן נישט בצינעא, נאָר בפּרהסיה, — איז יהרג ואל יעבור איבער אַ קלײנטשיקער עבירה, אַפֿילו על ערקתא דמסנא, ווי דאָס דערקלערט אַן אַנדער חכם. טיַיטשט רש"י, אַז דאָס מיינט, ווען מען צווינגט דיך איבערצובינדן אַ טוך־שניךל נישט לויטן יידישן מינהג, נאָר לויטן גויישן שטייגער (סנהדרין ע"ד, א). און דאָס, וואָס די חכמים האָבן געפּסקנט מיט לערך 1800 יאָר צוריק, איז נישט גע־בליבן אויפֿן פּאַפּיר, נאָר איז אָנגענומען געוואָרן פֿון יידן ווי אַ הלכה אויך אין שפּעטערדיקע דורות. אַזוי פּסקנט דער שולחן ערוך (יורה דעה, הלכות עבודת אלילים, סימן קנ"ז). און אַפֿילו דער רמב"ם, וואָס איז בכלל נוטה געווען צו אַ סך איַינזעעניש מיט די אנוסים, זאָגט אויך, אַז אין אַ ציַיט פֿון אַ גזירה, ווען עס שטייט אויף אַ מלך אַ רשע, וואָס וויל צווינגען יידן, זיי זאָלן מבטל מאַכן זייער דת, אָדער איינע פֿון די מצוות פֿון דער תּורה, איז דער דין יהרג ואל יעבור גילטיק פֿאַר דער קלענסטער מצווה (הלכות יסודי התּורה פּ"ה, ג).

און אין ספר חסידים, פארפאסט אין די הייסע שפורן פון מסעי הצלב, זאגט זיך, אז מען טאר נישט; כדי זיך צו ראטעווען פון טויט, אנטאן א צלם אדער א מלבוש פון א גלח אדער ארויסשטעלן אין די פענצטער קריסטלעכע הייליקע בילדער, כדי מען זאל מיינען, אז דא וואוינט א גוי (ספר חסידים, סימן ר״ם).

ווייס איך וואויל, ווי קאמיש ס'מוזן קלינגען ראיות פון יידישער פארגאנגענהייט, פון יידישע חכמים און פון יידישע דינים, אין אונדזערע טעג, ווען מאסן יידן ווען אייך „קיין שמעק טאבאק נישט געבן” פאר דער גאנצער יידישקייט, און יידישע פארגאנ־גענהייט איז פאר זיי א פוסט ווארט. און פונדעסטוועגן האף איך צו געפינען אן אפענעם אויער אפילו ביי „פרייע” יידן, וואס האלטן נישט גאר שטארק פון יידישער חכמה, פון יידישן דת און פון יידישן דין, אויב נאר זיי האבן נישט, פארלאזנדיק יידישקייט, זייער מענטש־לעכע נשמה פארלוירן. ווארעם פארשטיין דארף מען, אז דא רעדט זיך וועגן א ריין מענטשלעכן ענין: וועגן די פאדערונגען, וואס א מענטש דארף צו זיך שטעלן, וועגן דער דיסציפלין, וואס ער מוז אויף זיך נעמען, צי אין נאמען פון אמונה, צי אין נאמען פון פאלק, צי אין נאמען פון סאציאלע אדער אנדערע אידעאלן. דאס, וואס די געבראכטע ציטאטן באווייזן, איז קודם כל, אז אמאליקע יידן האבן אויפן מענטשן ארויפגעלייגט א גרויסע, שווערע, אבער הייליקע אח־ריות. זיי האבן געהאט אבסאלוטע ווערטן, „קאטעגארישע אימפעראַ־טיוון”, וואס שטייען העכער פון אלץ אויף דער וועלט, אפילו פונעם לעבן גופא. ביי די לעצטע יידישע דורות איז אלץ געווארן רעלאַטיוו. זיינען טאקע מאראלישע געבאטן — געבאטן, אבער ווען איז דאס גערעדט געווארן, ווען מען דארף, כדי זיי מקיים צו זיין, נישט ליידן, און א פשיטא שוין נישט דאס לעבן אפגעבן.

אט אויף דעם פארסמטן באדן פון רעלאטיוויקייט פון געטלעכן געבאט און פון מענטשלעכן געזעץ, אין דער גיפטיקער אטמאספער פון דער היינטיקער קריסטלעכער ציוויליזאציע, וואס אויך מיר יידן זיינען אין איר ארייננעשלעפט געווארן, וואס פאר איר זיינען מאַ־טעריעלע גיטער און זייער גענוס די העכסטע געזעצגעבער, גאט אליין, אט אויף דעם פארסמטן באדן האבן זיך געקענט באווייזן יידישע טמאים אין אזא אפשרעקנדיקער צאל, ווי מיר האבן זיי געזען אין די

יאָרן פֿאַר און באַזונדערס בעת דעם לעצטן חורבן. גיט אַ קוק אויף די יידן־ראַטן. ווײַל איך נישט וואַרפֿן די שולד אויף אַלע, וואָס זײַנען אין די דאָזיקע ראַטן געזעסן. געווען צווישן זיי נישט בלויז פֿײַנע מענטשן, נאָר אויך אמתע קדושים, וואָס האָבן געוואוסט, אַז דער יידן־ראַט וועט זײַן זייער עקידה אין דעם טאָג, ווען זיי וועלן זיך אָפּ־זאָגן אויסצופֿירן באַפֿעלן פֿון די דײַטשן מקריב צו זײַן יידישע לעבנס. געגנוג צו דערמאָנען דעם קדוש אַברהם געפּנער ז״ל פֿון וואַרשעווער יידן־ראַט (אַ יידן אין מײַן עלטער, האָט ער געזאָגט דער געסטאַפּאָ, קען מען מיטן טויט נישט אָפּשרעקן), אָדער געוויסע יידן־עלטסטע אין טאָמאַשאָוו מאַזאָוויעצק און פּיעטריקאָוו, וואָס וועגן זיי דערציילט בערנאַרד גאָלדשטיין (זז׳ 128—127), וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אויס־צופֿירן דײַטשע באַפֿעלן געווענדט קעגן זייערע קהילות. אַז די דײַטשן פֿאָדערן פֿון אַ יידן־עלטסטן אין אַ קליין גאַליציש־שטעטל, ער זאָל צושטעלן אַ צעטל פֿון „נישט־פּראָדוקטיווע עלעמענטן״ פֿון זײַן קהילה, — גיט ער זיי אַ תשובה, וואָס וואָלט נישט פֿאַרשעמט די יידישע קדושים פֿון אַמאָל, ווײַל אויך זײַן לעבן האָט ער, ווי זיי, פֿאַרענדיקט אין ריינקייט און הייליקייט. דער ענטפֿער פֿון אָט דעם יידן־עלטסטן איז: גאָט האָט מיר געגעבן לעבן, זאָגט ער צו די רוצחים, מײַן לעבן איז אין מײַן רשות, אָבער נישט פֿרעמדע לעבנס (פּלטיאל, „באין נקם״, זז׳ 252—251). פּונקט אַזוי האָט אויך ד״ר יעקב ווינגאָדסקי, דער אַמאָליקער ראָש־הקהל פֿון ירושלים דליטא, דערקלערט, אַז בשום אופֿן זאָל מען די דײַטשן נישט געבן קיין רשימות פֿאַר דעפּאָרטאַציע ביז מען וועט ניט וויסן, וואָס ס׳איז געשען מיט די פֿריער אַרויסגע־שיקטע, צי האָט מען זיי נישט אומגעבראַכט. האָט ער פֿאַרענדיקט זײַנע אַלטע יאָרן אין דער לוקישקער תּפֿיסה אין גרויס פּײַן און יסורים, אָבער אין נאָך גרעסערער קדושה. אַז די דײַטשן האָבן געפֿאָדערט פֿונעם יידן־עלטסטן טשערניאַקאָוו, ער זאָל אין נאָמען פֿון יידן־ראַט דערלאַנגען צו זיי אַ בקשה צו עוואַקויִרן די נישט פּראָדוקטיווע עלע־מענטן היות ווי דאָס געטאָ איז איבערגעפֿולט, זאָגט ער זיך אָפּ דאָס צו טאָן און נעמט זיך דאָס לעבן. די איבעריקע מיטגלידער פֿונעם יידן־ראַט, וואָס מען האָט געהאַט אַרעסטירט, שרײַבן אונטער דעם גע־ווינטשטן פּאַפּיר און ווערן דערפֿאַר אַרויסגעלאָזט פֿון תּפֿיסה (טור־קאָוו, ז׳ 281).

וויפֿל מיר זאָלן נישט וועלן פֿאַרדעקן אונדזער חרפּה, מוז געזאָגט ווערן, אַז על פּי רוב זײַנען די מיטגלידער פֿון די יידן־ראַטן באַשטאַנען פֿון מענטשן פֿון אָט דער לעצטער קאַטעגאָריע, וואָס זײַנען אויף אַלץ גרייט געווען, צי צוליב מאַכט איבער זייערע שקלאַפֿן־ברידער, צי צוליב אַ גוטן לעבן, אין בעסטן פֿאַל, כּדי זייער אייגן לעבן צו ראַטעווען, וויפֿל יידישע קרבנות דאָס זאָל נישט דאַרפֿן קאָסטן. איך ווייס נישט, צי וועט זיך געפֿינען אַ ייד, וואָס זאָל אָן אַ ציטער און ווייטיק לייענען דאָס בוך פֿון אַברהם ווײַסבראָד „עס שטאַרבט אַ שטעטל” (מגילת סקאַלאַט), איינער פֿון די סאַמע ערלעכסטע און טרויעריקסטע דאָקומענטן פֿון די גזירה־יאָרן, וואָס באַשרײַבט צו וואָס פֿאַר אַ תּהום עס זײַנען אַראָפּגעזונקען חשובֿע יידישע בעלי־בתּים און אינטעליגענטן אין די יאָרן פֿון נאַצי־הערשאַפֿט. נישט בלויז אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט און אויסגעגליכן מיט די רוצחים פֿון יידישן פֿאָלק, מיט די נאַצי־בעסטיעס. טיפּיש אין דעם זינען איז דער „פֿאָרשטייער” פֿון ווילנער געטאָ גענס, אַ ייד אַן אַסימילאַטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ קריסטלעכע פֿרוי. הגם ער האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ ציוניסט פֿון דער רעוויזיאָניסטישער שיטה, ענדערט דאָס ווייניק אין תּוך. נישט זײַן פּראָגראַם אינטערעסירט אונדז דאָ, נאָר זײַן פּערזענלעכקייט, זײַן פּערזענלעכע הנהגה. ער איז אינטערעסאַנט דערפֿאַר, ווײַל ער איז נישט קיין פּשוטער פֿאַרברעכער, ווי אַ ריי אַנדערע יידן־ראַטלער. דאָס איז אַ מער קאָמפּליצירטער טיפּ, וואָס האָט פֿאַר זײַנע פֿאַרברעכערישע אַקטן זיך אויסגעבויט אַ גאַנצע אידעאָלאָגיע, אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ געוויסן קרײַז פֿון יידישער אינטעליגענץ אין ווילנער געטאָ. אַז אַזאַ אידעאָלאָגיע האָט געקענט אויפֿקומען בײַ יידן אין אונדזער דור, איז דאָס אַ סימן, ווי גרויס איז אונדזער ירידה און ווי טיף איז דער זומפּ, וואָס מיר זינקען אײַן אין אים אַלץ טיפֿער און טיפֿער.

אין אַ פּאָר ווערטער פֿאָרמולירט, איז דער געדאַנקען־גאַנג פֿון גענס און פֿון זײַנע נאָכפֿאָלגער געווען אַזאַ: אויב די דײַטשן באַפֿעלן דעם יידן־ראַט, ער זאָל זיי איבערגעבן אַ געוויסע צאָל יידן אויף אומברענגען, דאַרף ער דעם באַפֿעל אויספֿירן, וואָרעם ווען נישט, סטראַשען די דײַטשן אַלעמען אומצוברענגען. וועמענס לעבן איז בילכער? אויף דעם איז דער שופֿט טאַקע ער, גענס, אַליין. וועמען דאַרף מען פֿאַר־

משפטן אויף טויט און ווען מען דאַרף מען שאַנעווען דאָס לעבן — דאָס באַשליסט ער אַן אַפּעלאַציע. אַי וואָס, ער איז אַ נוגע בדבר, וואָרעם אויספירנדיק די נאַצישע מאָרד־באַפעלן, ראַטעווען ער קודם כּל זיך אַליין, דערוויַיל לכל הפּחות, זיַין אייגענע פעל, איז ווער פאַר־קלערט זיך איבער אַזוינע „דקדוקי עניות"? אַי וואָס, די גאַנצע מעשה איז אַ שווינדל, וואָרעם די נאַצי־חיה האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט אַנזעטיקן מיט יידישע לעבנס און בלויז זיך געשפּילט מיט זיי, מיט איינע אַ קירצערע, מיט די אַנדערע אַ לענגערע ציַיט, און פאַר־צוקט מאָרגן די, וואָס היַינט האָט זי זיי געשאַנעוועט פאַרן פּריַיז פון אַנדערע לעבנס? — אויך דאָס איז גענם נישט מחויב געווען צו וויסן. באַשיַימפּערלעך געזען האָט מען דאָס ערשט שפּעטער, הגם וויַיטזיכטיקע יידן האָבן דאָס שוין דעמאָלט פאָרויסגעזען, און גענס און זיַין חבֿריא האָבן צו גוט געקענט די דיַיטשן, דאָס נישט צו פאַר־שטיין, אָדער וויניקסטנס פאַרפילן. פּסקנט גענס, אַז מען מעג אַרויס־געבן אַלטע לויַט און בכלל אַלע שוואַכע און „נישט־פּראָדוקטיווע". צעגייט ער זיך אין אַ לויב־געזאַנג פאַר דער יוגנט — „די צוקונפט פון פאָלק", — וואָס איר לעבן דאַרף מען יאָ טיַיער האַלטן. די רבנים וואָרענען גענסן, אַז לויטן יידישן דין טאָר ער נישט איבערגעבן דעם דיַיטש די יידן אויף שחיטה (דוואָרזשעצקי, ז' 294), אָבער גענס, ווי אַלע יידן פון זיַין סאָרט, לאַכט זיך אויס, פאַרשטייט זיך, פון יידישן דין, פּונקט ווי ער מאַכט חוזק פון יושר און מענטשלעכקייט. אויף אַן אַסיפה פון יידישע טוער לייגט גענס פאַר זיַין „אידעאָלאָגיע" און דערקלערט, פאַרוואָס ער האָט אין אַשמינע איבערגעענטפערט די דיַיטשן 400 יידן אויף אויסשחטן און באַפוילן דער יידישער פּאָליציי ביַי דער מאָרד־אַקציע בּיַיהילפיק צו זיַין און אַפילו (לויט דוואָר־זשעצקי, ז' 414) מיט די אייגענע הענט די עקזעקוציע אויסצופירן. דער עולם הערט אויס זיַינע רייד און שוויַיגט. נאָר איין אַלטער רב אויף דער אַסיפה האָט זיך „נאָר" פאַרכליפּעט פון געוויין. און וואָס וואָלט איר געטאָן, איך בעט איַיך, אויפן אָרט פון דאָזיקן זקן, אויב נישט געוויינט, געוויינט מיט ביטערע טרערן אויף אונדזער אייגענעם יידישן חורבן; אויפן חורבן פון אַ פאָלק, וואָס איז אַמאָל געווען דאָס גיַיסטיק שטאַרקסטע צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט און האָט אין אונדזער ציַיט נישט בלויז געקענט אַרויסברענגען אַזעלכע ני־

דעריקע באַשעפֿעניש; נאָר אויך זיי אַרומרינגלען מיט אַ גאַנצער כאַפּטע נאָכגייער און חסידים. און עס פֿרעגט זיך נאָך, ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געמאָלט זײַן, אַז אַזאַ נפֿש האָט פֿריער, איידער די דײַטשן האָבן אים געמאַכט פֿאַר אונדזער „עלטסטן״, געקענט זײַן אַ גאַנצער מאַכער אין אַ יידישער פּאַרטיי?

פּונקט ווי די יידישע גזירות חזרן זיך איבער, שטייען פֿאַר אונדז ווידער אויף די אייגענע פּראָבלעמען. זײַנען טאַקע אויך אונדזערע אַמאָליקע חכמים געשטאַנען פֿאַר דער שאלה, צי מעגן מענטשן אַליין אויסקלײַבן צווישן איין לעבן און אַ צווייטן. נאָר זיי זײַנען געווען אַבסאָלוטיסטן און דעריבער האָבן זיי אָן קווענקלעניש געענטפֿערט: ניין, אַזאַ רעכט איז דעם מענטשן נישט געגעבן געוואָרן! נאָר דער רבונו של עולם, וואָס שאַפֿט דאָס לעבן, קען דאָס לעבן אַוועקנעמען. דער מענטש, אַליין גאָטס באַשאַף, האָט קיין דעה נישט אויף אַ צווייט מענטשלעך באַשעפֿעניש. קומט עמעצן מיתה — קענען מענטשן דאָס דורכפֿירן, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען זיי טוען דערמיט גאָטס ווילן, אויסגעדריקט אין געטלעכן געזעץ. זאָגט די משנה, אַז דערפֿאַר האָט גאָט באַשאַפֿן דעם ערשטן מענטשן אַליין, אדמען, כּדי אַלע מענטשן זאָלן אַרויסקומען פֿון איין פֿאָטער, כּדי איינער זאָל זיך נישט קענען באַרימען, אַז זײַנע עלטערן זײַנען גרעסערע געווען פֿונעם צווייטנס און במילא איז זײַן אָפּשטאַם, זײַן יחוס אַ חשובערער (סנהדרין פּ״ד, מ״ה). די אַבסאָלוטע גלײַכוווערטיקייט פֿון מענטשלעכע לעבנס, אָט די אידייע, וואָס ליגט אינעם יסוד פֿון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע (הגם בלויז טעאָרעטיש, וואָרעם פֿון פּראַקטישער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער אידייע איז די וועלט גאָר, גאָר ווײַט), איז, ווי איר זעט, אונדזערע חכמים קלאָר געווען שוין אין יענע אַלטע צײַטן, ווען די משנה איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן. און בײַ אונדז איז דאָס נישט פֿאַרבליבן ווי אַ נאַקעטער געדאַנק, נאָר געוואָרן אַ דין, אַ געזעץ, וואָס לויט אים האָבן זיך יידן געפֿירט. דערציילט די גמרא: איז געקומען איינער צו רבאַן און אים געזאָגט: דער שררה פֿון מײַן שטאָט זאָגט מיר, גיי הרגענען יענעם, אויב נישט וועל איך דיך הרגענען. ענטפֿערט רבא: זאָל מען דיך הרגענען און דו זאָלסט קיין מענטשן נישט אומברענגען, וואָרעם פֿון וואַנען נעמסטו, אַז דײַן בלוט איז רויטער, אפֿשר גאָר איז יענעמס בלוט רויטער? (פּסחים, כ״ה, ב און סנהדרין ע״ד, א). שטייט ווײַטער

אין דער משנה. (תרומות פ"ח, מ"ב), אויב געצנדינער זאָגן: גיב אונדז ארויס איינע פון אײַערע פרויען און מיר וועלן זי פאַרגוואַלטיקן, און אויב נישט וועלן מיר פאַרגוואַלטיקן אַלע אײַערע פרויען, איז זאָלן זיי דאָס טאָן, אַבי נישט אַליין ארויסצוגעבן איין יידיש נפש. ירושלמי (תרומות פ"ח, ה"ד) ברענגט אַן אַנדער פאַל און קומט צו דער אייגענער מסקנא. ווען יידן געפינען זיך אויפן וועג און גויים באַגעגענען זיי און זאָגן זיי: גיט אונדז איינעם פון אײַערע און מיר וועלן אים הרגענען, אַנישט טויטן מיר אײַך אַלעמען, איז אַפילו אויב זיי זאָלן אַלע מוזן אומקומען, טאָרן זיי נישט ארויסגעבן אַ יידישן נפש (פאַרגלײַך משנה תורה, הלכות יסודי התורה פ"ה, ט). אָבער די פאַרשוינען פון די יידן־ראַטן האָבן אַפּנים גערעכנט, אַז זיי האָבן „ברייטערע פּלייצעס" ווי די חכמי התלמוד, דער רמב"ם און שפּעטערדיקע יידישע פּוסקים. יענע האָבן געהאַלטן, אַז אַ מענטש קען אויף זיך נישט נעמען די אַנטשיידונג פון לעבן און טויט אַפילו פון איין איינציקן מענטשן. די יידישע עסקנים אינעם חסד פון דער געסטאַפּאָ האָבן יאָ גענומען אויף זיך צו באַשליסן וועמענס לעבן ס'איז בילכער, און אַז זייער אייגן לעבן איז געווען בילכער פאַר אַלעמענס, פאַרשטייט זיך אַליין. גאָר גיך האָבן זיי אויסגעלערנט די נאַציש־ראַסיסטישע טעאָריע וועגן דער נישט גלײַכקייט פון מענטשלעכן בלוט. דינגט זיך דער שעף פון ווילנער יידישער פּאָליציי דרעסלער מיט די דײַטשן וועגן דער צאָל יידן, וואָס ער דאַרף זיי ליפערן צום אויסשעכטן. און אַז ער דינגט אַראָפּ אַ פּאָר הונדערט, האַלט ער, אַז איבערענטפערנדיק זיי די אויסגעדונגענע און אָפּגערעדטע צאָל יידן, איז ער ממש אַ צדיק. „הונדערט קעפּ ארויף, הונדערט קעפּ אַראָפּ", אַבי מען איז סוף כּל סוף דורכגעקומען, ווי ער דערציילט עס אין זײַן סוחרישן לשון.

און נישט דאָס איז דער ווייטיק, וואָס עס האָבן זיך בײַ אונדז געפונען אַזוינע עקזעמפּלאַרן ווי רומקאָווסקי, גענס, דרעסלער און טוטיקוואַנטי. האָבן מיר דאָך אַלעמאָל געהאַט אונדזערע אייגענע מוסרים. זיי זײַנען אָבער געווען געשטעמפּלט. יידן האָבן מיט זיי קיין מגע ומשא נישט געהאַט. דאָ אָבער האָט איר נישט צו טאָן מיט פאַרברעכערישע טיפּן, ארויסגעשפּיגן פון דער געזעלשאַפט, נאָר מיט פּאַרשוינען, וואָס האָבן אויך פריער זיך געקהלט בײַ יידן און געווען „לײַטישע" מענטשן. די מיינסטע פון זיי האָבן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף

פֿון די דײַטשן גופֿא. אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן די לעצטע רעשטלעך יידן ליקווידירט, האָבן זיי אויך מיט זייערע „פֿירער" פֿאַר־ענדיקט. ווי האָט געזאָגט אַן ס. ס.־אָפֿיציר איינעם פֿון זיי (דעם יידן־עלטסטן פֿון לעמבערג ד"ר לאַנדסבערג), וואָס האָט זיך בײַ אים רחמים געבעטן און די שטיוול געקושט, ער זאָל אים לאָזן לעבן אין זכות דערפֿון, וואָס ער האָט געדינט די דײַטשן ווי אַ „געטרײַער הונט"? „ווערסטו טאָקע ווי אַ הונט פּגרן", — איז געווען דער ענטפֿער. אָבער צי זײַנען דען נישט געוויסע יידן, וואָס אויף זיי ליגט אַ שטאַר־קער חשד, אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין צונויפֿשטעלן פֿאַר די דײַטשן רשימות פֿון יידן פֿאַר דעפּאָרטאַציע, ווידער נישט געוואָרן בײַ אונדז „לײַטישע מענטשן"? און צי דרייען זיי זיך נישט ווידער אַרום צווישן אונדז, ווי גאָרנישט וואָלט געשען, פּונקט ווי עס דרייען זיך צווישן אונדז אַרום משומדים פֿון פֿריערדיקע צײַטן און פֿון דער חורבן־צײַט, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ראַטעווען יידן און דאָס יידישע פֿאָלק? צי לעבן נישט עד־היום נישט ווייניק יידן אין פּוילן אויף „אַרישע פּאַפּירן", צווישן זיי אַ היפּשע צאָל אַזוי גערופֿענע נאַציאָ־נאַלע יידן, און ווער ווייסט זיך מאַכן „בייז בלוט" צוליב דעם? אדרבה, מען האַלט עס פֿאַר נאַטירלעך, פֿאַר נאָרמאַל. און איצט איז דאָך אַפֿילו דער תּירוץ פֿון פּקוח נפֿש מער נישטאָ. ס'איז פּראָסט באַקוועמער און לײַכטער צו גילטן ווי אַ גוי, אַ סגולה פֿאַר פּרנסה, פֿאַר אַ רעגירונגס־שטעלע אאַז"וו. וואָרעם ווער ווייסט נישט, אַז ס'איז „שווער צו זײַן אַ ייד". אמת, דאָס איז אַלע מאָל שווער געווען. נאָר אַמאָליקע יידן האָבן דעם יאָך מוטיק און מיט פֿרייד געטראָגן און זיך נישט געבויגן. הײַנטיקע — קענען קיין שום לאַסט אויף זייערע פּלייצעס נישט סובל זײַן. אָן גײַסטיקן באַגאַזש איז לײַכטער צו לעבן, און דאָס לעבן איז גרינגער און אָנגענעמער, ביז... ביז ס'קומט דער סוף און די פֿאַרדינטע שטראָף.

דאָס שוואַרצסטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿונעם לעצטן חורבן איז די יידישע פּאָליציי. טויזנטער יידישע יונגעלײַט האָבן דאָרט געדינט און געהאָלפֿן, מיט געוויסע אויסנאַמען, די דײַטשן דורכצופֿירן זייערע „אַקציעס", אויסצוזוכן יידן אין זייערע באַהעלטענישן און אַליין גע־טריבן יידן צום „אומשלאַגפּלאַץ". פֿאַרוואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? נאָר אָפֿט צוליב אַ גרעסערער ברויט־פּאָרציע, אַ בגד און אַ פּאָר

שטיוול, און אין אַנדערע פֿאַלן, ווײַל אַן אָפּזאָג אויסצופֿירן דעם דײַטשן באַפֿעל, וואָלט זייער אייגן לעבן אין ריזיקע געשטעלט. אָבער מיר האָבן נישט ווייניק פֿאַקטן, וואָס באַווײַזן, אַז אַ געוויסער טייל פֿון דער יידישער פּאָליציי איז מיט דער צײַט אַזוי געזונקען, אַז זיי האָבן זייער שטיקל אַרבעט געטאָן ווי אַ געוויינלעכע זאַך און אויפֿגעהערט צו פֿילן, אַז זיי באַגייען דאָ אַ פֿאַרברעכן. אָט, ווי למשל, די ווילנער יידישע פּאָליציסטן, וואָס האָבן דורכגעפֿירט די „אַקציע" אין אָשמינע. זיי האָבן פּונקט ווי די דייטשן און די ליטווינער אָנגע־פֿילט זייערע קעשענעס מיט גערויבטן יידישן האָב און גוטס און טײַערע חפֿצים. און נאָך דער „אַקציע" האָבן זיי געפּראַוועט צוזאַ־מען מיט דער ליטווישער פּאָליציי אַ סעודה כיד המלך און געגומען די גוטע כּוסה. שאַנטאַזשירן יידן, רויבן און אַפֿילו מאָרדן, זאָל זײַן על פּי רוב מיט פֿרעמדע הענט, איז געוואָרן אַ דבר שבכל יום בײַ דער יידישער פּאָליציי, יידישע געסטאַפּאָניקעס, מוסרים וכדומה.

און האַלטן מיר בײַם אויפֿדעקן יידישע וואונדן, און מען מוז זיי אויפֿדעקן, אויב מיר ווילן אַמאָל זיך אויסהיילן פֿון די נגע צרעת, וואָס האָט זיך צו אונדזער פֿאָלקס־קערפּער צוגעקלעפּט, טאָר מען נישט דורכלאָזן די „זאָנדער קאָמאַנדאָס" אין די לאַגערן, די יידישע אונ־טער־קאַפּאָס, שטובן־דינסטן אאַז"וו. עס נעמט אײַך אַרום אַ גרויל פֿון מרדכי שטריגלערס שילדערונגען פֿון יידישער שפֿלות און פֿון דעם זומפּ פֿון זינד און פֿאַרברעכן, וואָס יידן זײַנען אין אים פֿאַרזונ־קען געוואָרן. יידן, וואָס פּײַניקן יידן און שלאָגן זיי מכּות רצח, באַגעגנט איר אויף טריט און שריט הן בײַ שטריגלערן, הן בײַ די איבעריקע כראָניקער פֿון לאַגער־לעבן, סײַ יידן, סײַ קריסטן. יידן בויען מיט זייערע אייגענע הענט אין טרעבלינקע די גאַזקאַמערס און קרעמאַטאָריעס און זיי ווייסן גאַנץ גוט די באַשטימונג פֿון די בנינים. די יידישע „זאָנדער קאָמאַנדאָ" אין אוישוויץ האָט געדאַרפֿט פֿאַר־ריגלען די טירן פֿון דער גאַזקאַמער, בעת די גאַנצע צאָל קרבנות איז שוין דאָרט, טאַקע דורך איר גופֿא, מיט קלעפּ און שמיץ אַרײַנגע־שטופּט געוואָרן. איר עובדה איז אויך געווען צו פֿאַרמאַכן די לופֿט־קלאַפּעס, כּדי די לופֿט זאָל אין דער קאַמער נישט קענען אַרײַן און נישט שטערן דערשטיקט צו ווערן דורכן גאַז. אין אַ גבית עדות, אויפֿגענומען אין ארץ־ישראל פֿון אַ צוריקגעקומענער פֿון אוישוויץ

זאָגט זיך, אַז די יידן פֿון דער „זאָנדער קאָמאַנדאָ" זיינען געווען אַזעלכע רוצחים, אַז אַ סך פֿון זיי פֿעלגן זיך נישט אָפּשטעלן פֿאַרן ווארפֿן אין פֿייער נאָך האַלב לעבעדיקע מענטשן. געווען אַזוינע, וואָס האָבן פֿאַרברענט זייערע אייגענע פֿרויען און קינדער (מפרשת השואה ג—ד, ע' 75). און פֿון טויטן־לאַגער כעלמנאָ דערציילט מען אונדז, ווי יידן פֿלעגן אַליין וואַרפֿן אין די גריבער און פֿאַרשיטן נאָך האַלב־לעבעדיקע מענטשן. און ווידער אַמאָל זיינען געווען פֿאַלן, ווען פֿאַטערס, מענער און ברידער האָבן פֿאַרשאָטן זייערע קינדער, פֿרויען און שוועסטער (פֿון לעצטן חורבן, העפֿט 1). צווישן די דייטשע מעדיקער, וואָס האָבן אָנגעפֿירט אין אוישוויץ מיטן דעפּאַרטאַמענט פֿון „עקספּערימענטן" (סטעריליזאַציע, פֿאַרגיפֿטונג דורך איינשפּריצונגען וכדומה), האָט זיך געפֿונען אַ יידישער דאָקטאָר סאַמועל פֿון קעלן, וואָס די דייטשן גופֿא האָבן אים שפּעטער ליקווידירט, ווייל ער האָט צו פֿיל סודות געוואוסט. געווים זיינען געווען אויסנאַמען צום גוטן נישט בלויז צווישן די יידישע פּאָליציסטן, נאָר אַפֿילו אין די „זאָנדער קאָמאַנדאָס". ס'האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט זיך צו באַטייליקן אינעם מאָרד פֿון זייערע יידישע ברידער. און אייניקע פֿון זיי האָבן אַפֿילו באַצאָלט מיט זייער לעבן פֿאַרן אָפּזאָג. אָבער ווי נישטיק איז געווען זייער צאָל אין פֿאַרגלייך מיט די טויזנטער טמאים, וואָס האָבן געהאַרכזאַם אויסגעפֿירט די מאָרד־באַפֿעלן פֿון די נאַצים.

פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען ביי אונדז אָט די טויזנטער און טויזנטער יידישע פּאָליציסטן, די יידישע משרתים און יוצרי משרתים פֿון די דייטשן אין די געטאָס און אין די לאַגערן? פֿון וואָסערע קרייזן האָט זיך רעקרוטירט אָט די אַרמיי פֿון יידישע פֿאַרברעכער? אויף דעם גיבן אַלע לעבעדיקע עדות פֿון די פֿינצטערע געשעענישן איין ענטפֿער: פֿון דער יידישער אונטערוועלט און פֿון דער יידישער בורזשואַזער אינטעליגענץ. ווען מיר פֿון דער אונטערוועלט נישט ריידן. איז דאָך שוין פֿון לאַנג ביי אונדז אָנגענומען געוואָרן דער כלל, וואָס מען האַלט פֿאַר אַ סימן פֿון אונדזער גלייכווערטיקייט מיט די אומות העולם, כמעט אַן אַקסיאָמע פֿון דער יידישער פּאָליטיק, אַן אַלף־בית פֿון אונדזער „קאַמף" מיטן אַנטיסעמיטיזם, אַז פּונקט ווי אַלע פֿעלקער האָבן אויך מיר יידן דאָס רעכט צו האָבן אונדזערע

פּאַסקודניאַקעס, הולטײַעס און פֿאַרברעכער. וואָלט זיך דאָ דורך אַגב געוואָלט דערמאָנען דאָס באַרימטע וואָרט פֿון הײַנע, אַז איטלעכער מענטש האָט דאָס רעכט צו זײַן אַ נאַר, פֿונדעסטוועגן דאַרף מען מיט אָט דעם רעכט, ווי מיט קיין שום אַנדער רעכט נישט „מיסברויכן". געווען צײַטן, ווען יידן האָבן געהאַלטן, אַז דער והיה מחנך קדוש איז אַן עיקר פֿון יידישן לעבן. נאָר מילא — אַנגענומען, אַז מיר האָבן אויך געמעגט האָבן אונדזער אונטערוועלט און אַפֿילו פֿון אַ גאָר היפּשן פֿאַרנעם. אָבער רבונו של עולם — די אינטעליגענץ, די „קווייטן", די „בלומען" פֿון אונדזער פֿאָלק, אונדזערע „בעסטע", אונדזער „האָפֿענונג"! וויפֿל האָבן יידן, אַנגעהויבן פֿון דער עמאַנציפּאַציע־עפּאָכע, געדאַרפֿט קעמפֿן פֿאַר אונדזער רעכט אויף בילדונג, כּדי צו האָבן אַן אינטעליגענץ, אַ געבילדעטן קלאַס ווי אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. האָבן מיר זיך דערוואַרט נחת פֿון זיי. יענע יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן תּמיד פֿאַראַכט די יידישע „פֿינצטערע מאַסע" מיט איר זשאַרגאָן, מיט אירע לאַנגע קאַפּאָטעס און קאַסקעטלעך, אַז זיי האָבן זי איצט דערזען אין איר צעבראָכנקייט און געפֿאַלנקייט, צי האָבן זיי נישט געשפּירט צו דער דאָזיקער מאַסע די זעלבע געפֿילן פֿון פֿאַראַכטונג, אויב נישט פֿון האַס, ווי זייערע הערן און באַפֿעלער, די נאַציס גופֿא? פֿרעגט, אַדרבה, די יידישע געטאָ־מענטשן און קאַצעטניקעס, וועלן זיי אײַך באַשטעטיקן, אַז אין די קלעפּ, וואָס זיי פֿלעגן באַקומען פֿון דער יידישער „גילדערנער יוגנט", האָט זיך געפֿילט נישט ווייניק פֿון דער דאָזיקער פֿאַראַכטונג. זיי האָבן געשפּירט, אַז דאָ ווערט נישט בלויז פֿאַרמעל אויסגעפֿירט אַ דײַטשער באַפֿעל, נאָר אַז מען לייגט אַרײַן אַ ביסעלע אייגענע התמדה אין דער דורכפֿירונג.

אויב אונדזערע אויבערשטע צען טויזנט, די סמעטענע פֿון יידישן פֿאָלק, די יידישע „אויבערוועלט" האָט געקענט אין דער שעה פֿון אונדזער גרויסער פּײַן דערלאַנגען די האַנט דער יידישער אונטער־וועלט, איז דען דאָס נישט אַ רמז דערויף, אַז די מחיצה צווישן זיי איז אפֿשר קיינמאָל גאָרנישט געווען אַזאַ שטאַרקע, און דער מהלך צווישן זיי, צווישן אַסימילאַציע און דעמאָראַליזאַציע, איז גאָר קיינמאָל נישט געווען אַזוי לאַנג, ווי מען האָט בײַ אונדז געמיינט. מיר האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז אויסטאָן זיך פֿון יידישקייט מיינט פֿאַר אַ יידן אויך אויסטאָן זיך פֿון מענטשלעכקייט, אַז מינערן דעם פּנים פֿונעם יידישן

מענטשן, מיינט אויך מינערן זײַן מענטשלעכן פּרצוף, זײַן מענטש־לעכע פֿולווערטיקייט.

דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דער פֿאַקט, וואָס ווערט באַשטעטיקט פֿון אַלע עדות און כראָניקער, אַנגעהויבן פֿון קאָמוניסטן און בונדיסטן און געענדיקט מיט ציוניסטן און פֿרומע יידן, אַז יידן, וואָס זײַנען טרײַ געבליבן דער יידישער טראַדיציע, יידן אין קאַפּאָטעס און זשופּעצעס האָט מען נישט געטראָפֿן נישט צווישן דער יידישער פּאָליציי, נישט צווישן די יידישע אונטערקאָפּאָס און זאָנדער־קאָמאַנדאָס. אַפֿילו גויים, וואָס האָבן געשריבן וועגן די לאַגערן, גויים פֿרײַנטלעכע צו אונדז, ווען זיי ווילן ווײַזן ליכטיקע דערהויבענע מאָמענטן און פֿיגורן צווישן די לאַגער־יידן, מוזן זיי זוכן צווישן די פֿרומע, די וואָס האָבן נישט געשלאָגן, וואָס האָבן געהונגערט און קיין טרפֿה נישט געגעסן און וואָס האָבן מיט זייער לעצטן ביסן זיך געטיילט מיט די שוואַכע און קראַנקע. געוויס זײַנען נישט אַלע הײַנטוועלטיקע און „פֿרײַע" יידן געווען טמאים. נישט אַלע זײַנען זיי געגאַנגען אין דער פּאָליציי און קאָמאַנ־דאָס. איר וועט צווישן זיי נישט טרעפֿן, חוץ אין זעלטענע אויסנאַם־פֿאַלן קיין אָנגעזעענעם ציוניסט, בונדיסט אָדער קאָמוניסט. איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז אויך אין די מאָדערנע יידישע אידייען און באַוועגונגען טליען פֿונקען פֿון קדושה, וואָס קענען מענטשן וואַרעמען און רייניקן. און פֿונדעסטוועגן איז דאָ פֿאַראַן אַ גרויסער חילוק. וועלטלעכע אידייען און אידעאַלן ווײַזן אַרויס אין די גלות־לענדער (וועגן ארץ־ישראל וועט די רייד זײַן אונטן) אַ ווירקונג אויף דער פּערזענלעכקייט און פּערזענלעכער הנהגה נאָר אין געוויסע פֿאַלן, דע־מאָלט ווען מען האָט צו טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן מיט זייער אידעאַל, דאָס הייסט במילא אַזוינע, וואָס פֿאַר־נעמען אַן אָנגעזעעוודיק אָרט, איטלעכער אין זײַן באַוועגונג און אין זײַן פּאַרטיי. זײַנען דאָס אָבער נאָר יחידים, מענטשן, וואָס זייער פּער־זענלעך לעבן איז צונויפֿגעגאָסן און צונויפֿגעשמאָלצן געוואָרן מיט זייער נאַציאָנאַלן אָדער סאָציאַלן אידעאַל. גאָר אַנדערש זעט אויס די השפּעה פֿון אמונה און טראַדיציע. זיי גיבן חיות, בטחון און פֿעסט־קייט דעם פּשוטן זעלנער, דעם עבד ד'. שטעלט זיך פֿאָר, ווי וואָלטן מיר איצט אויסגעזען, ווען אַמאָליקע צײַטן וואָלטן זיך מוסר נפֿש געווען פֿאַר יידישקייט און געגאַנגען אויף קידוש השם נאָר צדיקים,

גאונים און חכמים. קיין זכר פֿון אונדז וואָלט שוין איצט מסתּמא אויף דער וועלט נישט געווען. פּונקט אַזוי וואָלט אויך היַינט ווייניק געווען, כּדי אונדז אויפֿצוהאַלטן און אונדז כּוחות צו געבן אויף אויסצו־שטיין גזירות און פּורעניות, ווען נאָר יחידי סגולה פֿון אונדזער פֿאָלק, אַן אויבערשטע עליטע, וואָלט אים געטריַי געבליבן און גרייט געווען פֿאַר אים זיך מקריב צו זיַין. זיַינען טאַקע די כּראָניקעס פֿון דער היטלער־גזירה פֿול מיט באַשריַיבונגען פֿון מוט, מענטשלעכער ווערדע און פֿון ליבע צום נאָענטן פֿון פֿרומע יידן, פֿון פּשוטע יידישע מענטשן פֿון די קלויזן און שטיבלעך, דער שוסטער און דער שניַידער, דער טרעגער און דער פּורמאַן.

זיכער זיַינען געווען איינצלנע פֿאַלן, ווען אויך פֿרומע יידן האָבן זיך געפֿירט ווי טמאים. אַן איש נאמן זאָגט מיר, אַז אין קראָקע איז אין יידן־ראַט געזעסן אַ טראַדיציאָנעלער ייד און צוזאַמען מיט די אַנדערע אָפּגעטאָן די אייגענע מעשים תעתועים ווי זיי. איז דאָס אָבער מסתּמא אַ זעלטענער אויסנאַם, וויַיל נישט אין די דערציילונגען פֿון אַנדערע עדי ראיה, און נישט אין דער ליטעראַטור האָב איך מיך אויף קיין אַנאַלאָגישע פֿאַלן נישט אָנגעשטויסן. אמת, געווען פֿרומע יידן, וואָס האָבן דעם פֿיַיער־פּרוואו נישט אויסגעהאַלטן און דעם אמאָליקן יידישן „טאַלענט" פֿון קידוש השם נישט באַוויזן. אָט, ווי למשל, יענער לאָדזשער רב, סעגאַל איז זיַין פֿאַמיליע־נאָמען געווען, וואָס האָט אויס־געפֿירט דעם דיַיטשן באַפֿעל און געטראָטן מיט די פֿיס די ספֿר תּורהס און געשפּיגן אויף זיי, אָדער יענע פֿרומע יידן, וואָס האָבן לויטן דיַיטשן באַפֿעל פֿאַרוואַנדלט אַ תּפֿילה בצבור אין בית־המדרש אין אַ חוזק־ספּעקטאַקל פֿאַר אַ דיַיטשן פֿילם.

אַז מיר ווילן באַלד קומען צום קאַפּיטל פֿון יידישער קדושה און יידישע קדושים, ווילן מיר זען, אַז אַנדערע יידן, דווקא נישט רבנים (דערמיט איז, פֿאַרשטייט זיך, בשום אופֿן נישט געמיינט, אַז צווישן רבנים האָבן זיך נישט געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך מוסר נפֿש געווען, אבי נישט מחלל צו זיַין אַ ריינינקייט. אויף איין סעגאַל געפֿינען מיר אַ ריי אַנדערע רבנים, וואָס האָבן אין אַנאַלאָגישע פֿאַלן מקדש השם געווען, ווי למשל, הרב טרייסטמאַן פֿון לאָדזש און דער קאָבילניקער רב, וואָס ווענן אים דערציילט ש. קאַטשערגינסקי. זע זיַין בוך חורבן ווילנע, ז' 121), נאָר יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר, האָבן זיך נישט

אונטערגעגעבן, האָבן געליטן יסורים און אַפילו זייער לעבן פאַרלוירן, אַבי נישט צו דערלאָזן צו אַ חלול השם. אָבער פאַרמאַכן די אויגן אויף די ציטירטע פאַלן, און איך וואָלט נאָך געקענט ברענגען אַ גאַר היפשע צאָל פונעם אייגענעם מין, טאָר מען נישט. בפרט טאָרן נישט פרומע יידן, רבנים און רעליגיעזע פירער די דאָזיקע טרויעריקע פאַקטן פאַרשוויַיגן און זיי מיט קיין שלייער נישט פאַרדעקן. ס'איז זיכער, אַז די אַלגעמיינע גייַסטיקע ירידה פון יידן פאַר די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר האָט אויך דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום נישט אויסגעמיטן. ס'איז שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געזאָגט געוואָרן, אַז סוף כל סוף זיַינען מיר איין פאָלק און עס זיַינען נישטאָ קיין מחיצות און קיין אײַזערנע ווענט, וואָס זאָלן אָפּשיידן יידן פון פאַרשיידענע שטייגערס. און פונדעסטוועגן מוזן מיר זאָגן, אַז דער טראַדיציאָנעלער ייד האָט זיך אין דורכשניט, גראָד אין די טעג פון נסיון, אַרויסגעוויזן פאַר אַ העכערן מענטשלעכן טיפּ ווי דער דורכשניטלעכער היַינטוועלטיקער ייד, וואָס האָט זיך באַפרייַט פון דעם יאָך פון דער יידישער ירושה און אינאיינעם דערמיט פון איר גייַסטיקער דיסציפּלין, זיך אָפּגעזאָגט פון איר טיפער מענטשלעכקייט און מענטשלעכער דערהויבנקייט.

*

מען וואָלט געדאַרפט באַטראַכטן אונדזער פאָלק ווי פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג, חלילה, ווען מיר וואָלטן אין די פינצטערע גזירה־יאָרן געהאַט בלויז קרבנות פון איין זיַיט, מענטשן שוואַכע און געבראָכענע אונטער דער שווערער משא פון הונגער און נויט — פון דער אַנדערער, און טמאים — פון דער דריטער זיַיט. זיַינען אָבער די ניצוצות פון קדושה נאָך נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אין אונדזער מחנה, און נאָך ליכטיקער שיַינען אַרויס אין דער שטאָק פינצטערניש די פיגורן פון יידישע קדושים און קדושים־גיבורים. ווער איז אַ קדוש? הייליק איז דער, וואָס האָט הייליקייטן. דאָס איז אַ פּשוט, אַ גאָרנישט אַזוי פּשוט. הייליקייט איז עפּעס, וואָס איז טיַיערער פון אַלץ אויף דער וועלט. במילא אויך פון לעבן. הייליקייט מיינט אָבער אויך דאָס אַבסאָלוטע, דאָס נישט אָפּפרעגבאַרע, דאָס אומפאַרענדערלעכע און אייביקע. דעריבער לאָזט הייליקייט נישט צו קיין שאלות און קשיות,

קיין ציַיטלעכע מאָסן און וואָגן. איר מאָס און וואָג געפינען זיך בלויז אין איר אַליין און קענען נישט שטיין און זיַין מחוץ פון איר. זי איז אַ פשיטא שוין נישט סובל קיין פּראַקטישע חשבונות און דאָס שכלדיקע רעזאָנירן. וואָרעם בלויז ווען זי איז דער אַבסאָלוטער בעל־הבית אויפן מענטשן, זיַין הערשער און באַהערשער נישט נאָר פון זיַין גוף, נאָר אויך איבער זיַין פאַרשטאַנד, איז זי דאָס, וואָס זי איז — הייליקייט, איז זי אַבסאָלוט, בעת אונדזער שכל און אונדזערע אויסרעכענונגען זיַינען רעלאַטיוו, וואָרעם מען קען זיי ווענדן און איבערווענדן לויט דער שאַרפקייט פון מוח און לויט די פאָדערונגען פון די אומשטענדן.

ווער איז געווען אַ קדוש אין די יאָרן פון דער גרויסער גזירה? דער, וואָס האָט זיַין מענטשלעכע ווערדע נישט פאַרלוירן, דער, וואָס דער פחד פאַרן טויט און דאָס ציטערן פאַרן לעבן האָבן זיַין גיַיסט נישט געבויגן און נישט געבראָכן. ס׳איז טויזנט מאָל שווערער צו שטאַרבן ווי אַ מענטש. איידער ווי אַ מענטש צו לעבן. און ס׳איז דע־ריבער נישט ווייניקער, און אמאָל נאָך מער, אַ קדוש יענער, וואָס אין דער שעה פון העכסטער אַנגסט האָט ער געגאַרט אַריבערצוגיין אין דער איי־ביקייט מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים, וואָס די שכינה האָט אים נישט פאַר־לאָזן און רוט אויף אים. פּראָוווט לייענען אָן אַ הייליקן ציטער די סצענע, ווי די צדקת חיה־צפורה קאַניצפּאָלער האָט זיך מכין געווען צום טויט ערב דער ליקווידאַציע פון לעמבערגער געטאָ: לאָמיר, זאָגט זי צו אירע קינדער, אַנגעמען דעם גזר דין מיט אמונה און שמחה. איידער די פּאָליציי קומט זי נעמען, רופט זי צונויף אַ מנין יידן, טוט אָן אירע יום־טובדיקע מלבושים, נעמט אָפּשייד פון אירע קינדער און אייניקלעך און ווינטשט אַלעמען: לחיים, קינדער, לחיים יידן. איין בקשה האָט זי נאָר צו די קינדער, אַז אויב זיי וועלן לעבן בליַיבן על פּי נס, זאָלן זיי איר יאָרצײַט נישט פאַרגעסן און קדיש זאָגן (סאַמט, זז׳ 152—149). אַזוי זיך גרייטן פאַר דעם טויט קען נאָר אַ הייליקער, יענער, וואָס אייביקייט איז פאַר אים אַ לעבעדיקע רעאַליטעט. אָט די אשה צנועה חיה־צפורה ז״ל האָט מנצח געווען די גיגאַנטישע בעסטיע, זיך נישט געלאָזט אַראָפּשלײַדערן אין די אָפּגרונטן און ריין און גאַנץ אָפּ־געהיט ביז צו דער לעצטער מינוט דאָס מענטשלעכע פּנים מיטן צלם אלקים.

הייליק איז יענער ייד און יענער מענטש, וואָס בעת מען האָט פֿון אים געוואָלט מאַכן אַ שטומען און ווילנלאָזן אינסטרומענט, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אין זײַן גאַנצער גײַסטיקער הויך און איז אויסגע־וואַקסן העכער פֿונעם נאָרמאַלן וואוקס, פֿון זײַן אייגענער פֿריערדיקער גײַסטיקער סטאַטור, זיך דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַן אויבער־מענטש. אַ מענטשן קען אַ מענטש בײַקומען. אויף צו ראַנגלען זיך מיטן שרעקלעכן שטן, וואָס אַפֿילו די אַלטע שדים־וועלט וואָלט אַזאַ גרויל־געשפּענסט, אַזאַ שרעק־גיגאַנט, ווי דער נאַצי־מאָנסטער, נישט געקענט אויספֿאַנטאַזירן, איז גובר צו זײַן, איז ווייניק געווען אַ נאָרמאַלער געוויינטלעכער מענטש צו בלײַבן. קעגן טײַוול־רייז זיך אַנטקעגן צו שטעלן, האָט מען געמוזט האָבן מענטשן גיבורים.

האָבן זיך אַזעלכע געפֿונען אין אונדזערע רייען? יאָ! ווי גרויס ס'איז זייער צאָל געווען, ווייסן מיר נישט אַקוראַט און וועלן דאָס מסתּמא שוין קיינמאָל נישט ווייסן, הגם עס וואָלט ביז גאָר וויכטיק געווען צו האָבן אַ השגה וועגן דער צאָל. וואָס מער אַ פֿאָלק ברענגט פֿון זיך אַרויס גײַסטיקע גיבורים און קדושים, אַלץ מער קדושה און גבורה איז פֿאַראַן אין אים גופֿא, אַלץ מער — אין אַלע נשמות פֿון זײַנע יחידים, אַלץ מער הייליקייט־פֿונקען האָבן געמוזט לײַכטן און שײַנען אויך אין די אומשולדיקע קרבנות און אַפֿילו אין די שוואַכע און געפֿאַלענע.

האָבן מיר נישט קיין עקזאַקטע צאָלן, וועלן מיר זיך מוזן, אַנשטאָט סטאַטיסטיק, באַגנוגענען מיט בילדער און מיט איינצלנע סצענעס.

הייליקע זײַנען געווען די יידישע זין און טעכטער, וואָס האָבן זייער יונג לעבן געקענט ראַטעווען און זיי זײַנען פֿרײַוויליק מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס מיטגעגאַנגען אויף זייער לעצטן וועג. הייליקע זײַנען געווען די עלטערן, וואָס האָבן זייערע קינדער נישט אָוועקגעוואָרפֿן, כּדי זיך אַליין צו באַשיצן, זיי נישט איבערגעלאָזט איינזאַם אין זייער לעצטער לעבנס־שעה, וואָס האָבן זייער לעבן מקריב געווען, כּדי דאָס קינד פֿאַר יציאת נשמה צו טרייסטן, עס צו זייער ברוסט צוצודריקן און דעם לעצטן אָפּשייד־קוש צו געבן. וועלן זיי אויך פֿאַר אונדז אַ טרייסט זײַן און אונדזער אייטערדיקע וואונד באַלזאַמירן, די וואונד, וואָס האָט אונדז פֿאַרוואונדעט יענע יידישע מאַמע, וואָס בעט זיך בײַ די נאַצי־רוצחים, זיי זאָלן איר דאָס

לעבן שענקען און אויף איר אָרט פּאַרטיליקן איר יונגע 14־יאָריקע טאָכטער (טאַבאַקסבלאַט, חורבן לאָדזש, זז׳ 57—56); אָדער יענע מאַמע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פֿײַנעם אַרישן אויסזען, אַז די געסטאַפּאָ איז געווען זיכער, אַז זי איז אַ גויה, וואָס באַהאַלט אַ יידיש יינגל, באמת — איר אייגן קינד. אָט דאָס קינד האָט נישט בלויז דער מאַמעס סוד נישט אַרויסגעגעבן, נאָר אדרבה אונטערגעהאַלטן דעם טעות פֿון די געסטאַפּאָווצעס. און די מאַמע קוקט זיך צו ווי זיי פֿירן אַוועק דאָס קינד צו דער שחיטה (געלבלום, ז׳ 159). און אַ טרייסט באַדאַרפֿן מיר, און נאָך אַ וואָסערע, פֿאַר יענעם יידישן יינגל, פֿון מאַידאַנעק, וואָס האָט לויטן באַפֿעל פֿון ס. ס. זײַן טאַטע־מאַמע אויפֿגעהאָנגען און דערמיט זיך אײַנגעקויפֿט חן און לײַטזעליקייט בײַ די נאַצים און זייער ליבלינג געוואָרן (שטריגלער, זז׳ 153—151). און נישט אומזיסט. איז ער דאָך געווען אַ לעבעדיקער באַווײַז פֿאַר זייער אמונה אינעם מענטש — דער חיה. טרייסטן וועלן אונדז אונדזערע קדושים פֿאַר אָט דעם יינגל־פֿאַרברעכער און פֿאַר יענעם טאַטן, וואָס האָט אויפֿן דײַטשן באַפֿעל זײַן בן־יחיד אויפֿגעהאָנגען (פֿון לעצטן חורבן, העפֿט 1) און פֿאַר יענער מאַמע, וואָס שטייט מיט איר קינד אויף די אָרעמס און מיט איר אַלטער מאַמען בײַ דער זײַט בעת דער „סעלעקציע" אין אוישוויץ און, לויט דער עצה פֿון איר געניטער שוועסטער, וואַרפֿט זי אין אײַלעניש אַריבער דאָס קינד אין די אָרעמס פֿון דער אַלטער באָבען: זאָלן זיי ביידע אין גאַזקאַמער גיין, זי מוז און וועט לעבן בלײַבן (שמאַגלעווסקאַ, ז׳ 292).

הייליק זײַנען די יידישע מיידלעך פֿון סלאָוואַקיע, וואָס האָבן אין אוישוויץ פּסח קיין חמץ נישט געגעסן און געהונגערט און אַ גאַנץ יאָר צו דעם געקעכץ זיך נישט צוגערירט, טאָמער איז דאָרט פֿאַראַן אַ שמץ פֿון פֿעטס. ווער עס וייס, וואָס דער טעלער געקעכץ האָט געמיינט פֿאַר אַ קאַצעטניק, דער ווערט באַגרייפֿן, וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער־פֿעסטקייט און טיפֿער גלויבן עס האָבן זיך געפֿאָדערט פֿון אַ מענטשן, ער זאָל אַזאַ קרבן ברענגען. און די אייגענע מיידלעך האָבן נאָך מיט זייער מוציא ברויט זיך געטיילט מיט אַנדערע. קיין וואונדער נישט, אַזאַ ראַיאַ קאַגאַן, אַליין אַ נישט גלויביקע, וואָס דערציילט וועגן זיי, איז אָפֿנהאַרציק מודה, אַז זי האָט אָט די צוויי כּשרע יידישע טעכטער מקנא געווען. און ס׳איז דאָ פֿאַרוואָס. וואָרעם ווער האָט, מער

פון זיי, אָפּגעהיט מענטשלעכקייט, אַרויסגעוויזן דערהויבנקייט אינעם שאול תחתיה פון אוישוויץ.

הייליק זײַנען די יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט זייערע ברידער צו שלאָגן און צו פּײַניקן, כּדי די נאַציס צו אַמוזירן, און פאַר אַ שכר באַקומען יסורים און אַ קויל, וואָס האָט צו זייערע מאַטערנישן אַ סוף געמאַכט. אַ שטיקל טרייסט פאַר יענע פיר יידן, וואָס ראַנגלען זיך צווישן זיך מיט זייער לעצטע כּוחות אויפן ברעג פון אַן אָפּגרונט, ווײַל דער נאַצי זאָגט צו צו שענקען דאָס לעבן דעם איינעם, וואָס וועט דעם צווייטן אין אָפּגרונט אַראָפּשלײַדערן. האַלט ער נישט דער ערנמאַן זײַן וואָרט און וואַרפט אַרונטער אינעם אייגענעם תהום די צוויי, וואָס האָבן זייערע ברידער דערמאָרדעט און פאַר דעם פּרײַז אַ פּאָר מינוטן לעבן געוואונען.

אַ קדוש בישראל איז ר׳ הלל צײַטלין זצ״ל, וואָס איז ווי ד״ר זײַדמאַן דערציילט, געגאַנגען צום „אומשלאַג־פּלאַץ״ אין קיטל און טלית מיטן זוהר, ווי זײַן איינציק באַגאַזש און פאַרמעגן, וואָס ער האָט געוואָלט ראַטעווען. האָט זײַן פּנים געשײַנט און געלויכטן ווי בײַ זײַנע עלטערן, ווען זיי זײַנען אויף די טרעפּלעך פון די שײַטערהויפנס געשטיגן. האָבן די פליגלען פון דער שכינה זיכער געפאָכעט איבער זײַן ווײַסן גרויסן יידישן קאָפּ.

קדושים זײַנען געווען די יידן, וואָס יום־כּפּור תש״ב זײַנען זיי צונויפגעטריבענע פון קלויזן און מנינים, געשטאַנען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ אין וואַרשע אין קיטלען און טליתים. הערט זיך די שטים פון איינעם פון זיי: „עס איז דאָך דער יום־הדין, לאָמיר ענדיקן דאַווע־נען״, און צו די דײַטשע רוצחים דערטראָגט זיך דאָס געבעט פון הונדערטער יידן „ונתנה תוקף קדושת היום״. קיין חידוש נישט, אַז דער באַשרײַבער פון דער סצענע ב. מאַרק — אַליין היפּש ווײַטלעך פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט — באַמערקט, אַז צום ווירדיקסטן איז צום טויט געגאַנגען דאָס רעליגיעזע יידנטום (ב. מאַרק, זז׳ 90, 92). קדושים זײַנען די דרײַ וואַרשעווער רבנים, וואָס פּנים אל פּנים מיטן זיכערן טויט זאָגן זיי זיך אָפּ פונעם גרויסהאַרציקן אָנבאָט פון קאַ־טוילישן עפּיסקאָפּ זיי ערגעץ וואו צו באַהאַלטן, און וואָס זייער באַ־שלוס צו בלײַבן מיט זייער עדה ביז די לעצטע מינוטן פון איר אומקום און איר גורל טיילן וועט אָנגענומען נישט נאָך אַ לאַנגן

ישוב הדעת און קווענקלעניש, נאָר ער איז פֿון אָנהויב אָן גרייט געווען און עס איז נישט געווען וועגן וואָס צו קלערן און וועגן וואָס זיך מיישב צו זײַן נישט בלויז מיט לײַט, נאָר אַפֿילו נישט מיטן אייגן ווײַב און קינד. דאָס אייגנענע האָבן געטאָן יענע שומרים און חלוצים, ווי פֿרומע פּלאָטניצקאַ און אַנדערע, וואָס בעת אַ ספּעציע־לער שליח פֿון אויסלאַנד איז צו זיי געקומען, כּדי זיי פֿון געטאָ אַרויס־צונעמען און אין אַ פֿרײַ לאַנד ברענגען, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט און באהבה מקבל געווען דעם גורל פֿון אונטערגאַנג צוזאַמען מיט זייערע ברידער און חברים. פּונקט אַזוי באַגייט זיך די בונדיסטין סאָניאַ נאָוואָגרודסקאַ, וואָס זאָגט זיך אָפּ זיך אויסצובאַהאַלטן אויף דער „אַרישער זײַט" און זי וועט ענדיקן אירע טעג צווישן איר פֿאָלק, ווי זי האָט געלעבט מיט אים צוזאַמען און געטרוימט פֿון בעסערע צײַטן און ליכטיקערע טעג. אויך יאַנוש קאָרטשאַק גייט פֿרײַוויליק צום טויט, כּדי צו טיילן מיט זײַנע תּלמידים זייער גורל און זיי טרייסטן אין די לעצטע מינוטן פֿון זייער לעבן.

אָט האָט איר נאָך אַ סעריע קדושים, ווי בערל דעם רבס פֿון סקאַלאַט, אַ קליין שטעטל אין מזרח־גאַליציע, וואָס בעת אַלע יידן האָבן אויפֿן נאַצישן באַפֿעל זיך אויסגעטאָן נאַקעט פֿאַרן אַראָפּגיין אין גרוב, וואו זיי האָבן געדאַרפֿט דערשאָסן און פֿאַרשאָטן ווערן, שפּאַרט ער זיך אײַן און זאָגט זיך אָפּ זיך אויסצוטאָן. און וויפֿל די דײַטשן האָבן אים נישט געשלאָגן, האָט עס נישט געהאָלפֿן. נאָך אַ שטאַרקן שטויס, וואָס דער דײַטש האָט אים דערלאַנגט אין בויך, פֿאַלט ער אַ פֿאַרבלוטיקטער און הויכט אויס זײַן נשמה מיט שמע ישראל אויף די ליפּן. און ער האָט אויסגעפֿירט, גובר געווען דעם דײַטש, וואָרעם געפֿאַלן איז ער אין גרוב אָנגעטאָן אין תּכריכים און אין קעשענע בײַ דער ברוסט איז געלעגן זײַן תּהילים־זעקל, וואָס מיט אים האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשיידט אין דער צײַט פֿון דער דײַטשער רשעות (אַברהם ווײַסבראָד, זז' 87—86). פּונקט אַזוי האָט הייליקייט אַרויסגערעדט פֿון יענער שיינער יידישער פֿרוי, וואָס צוליב אָן אַנדער מאָטיוו, נישט אַ ווייניקער געהויבענעם, צוליב צניעות, האָט אויך זי זיך אָפּגעזאָגט אויסצוטאָן (ווי דאָס האָבן געטאָן אַ ריי אַנדערע פֿרויען אין אַנדערע מקומות) און נישט נאָכגעגעבן, כאָטש מען האָט זי ביז בלוט געשלאָגן. הייליקייט האָט אויך גערעדט מיט דער שטים פֿון

אַן אַנדער יידישער פֿרוי, אַ גימנאַזיע־לערערקע, וואָס האָט גערופֿן די עדה נאַקעטע יידן צו שטאַרבן ווי מענטשן און געוואָרפֿן די דײַטשע רוצחים אין פּנים אַרײַן דעם שוואַרצן אָנזאָג וועגן די וועלדער פֿון תּליות, וואָס וואַרטן אויף זיי, ווי אַ שטראָף פֿאַר זייערע פֿאַרברעכנס (דאָרט). דאָ האָט איר פֿאַלן פֿון קדושה בײַ מאָדערנע הײַנטוועלטיקע יידן. נאָר ווער קען זאָגן, פֿון וואָס פֿאַר אַ טיפֿע יידישע קוואַלן זיי בײדע, ווי אַלע אַנדערע פֿון זייערס גלײַכן, האָבן געשעפּט זייער קדושה, צי נישט פֿון די פֿרומע יידישע טאַטע־מאַמע, פֿון אַ גוטער יידישער היים, פֿון באָבע־זיידע. און ווער ווייס, צי האָט נישט אויך אַן אַנדער יידישער קדוש, דער שוין דערמאָנטער שוסטער איציק ווײַטענבערג, וואָס האָט זיך פֿרײַוויליק איבערגעגעבן די דײַטשן, כּדי אַ יידישע קהילה צו ראַטעווען אָדער, וואָס איז נאָך העכער, כּדי בײַ איר נישט אוועקצונעמען די אילוזאָרישע האָפֿענונג אויף רעטונג, — די אילוזיע, וואָס האָט געקענט פֿאַרזיסן די ביטערקייט פֿון אירע לעצטע טעג, צי האָט אויך ער, וויטענבערג, עפּעס נישט געגנאָסן פֿון זײַנע עלטערן און עלטערנס־עלטערן, ווי ער — פּראָסטע און ערלעכע יידישע מענטשן. בין איך בטוח, אַז אויב מען וועט טיף גראָבן, וועט מען אין די נשמות פֿון אָט די הײַנטיקע יידישע העלדן געפֿינען דעם אַלטן יידישן שורש, אַ נאָענטערן אָדער אַ ווײַטערן, אַן אָפֿענעם אָדער אַ באַהאַלטענעם פֿאַרן אויבנאויפֿיקן בליק.

דעם אייגענעם שורש וועט מען זיכער געפֿינען בײַ די יידישע גי־בורים, וואָס האָבן אין די פֿינצטערע געטאָס אויפֿגעהויבן די ליכטיקע פֿאָן פֿון ווידערשטאַנד און אויפֿשטאַנד, צו וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי זיי האָבן נישט געהערט — און האָבן זיי געמענט אין גוטע רואיקע צײַטן, אין מאָמענטן פֿון בלאָנדזשעניש און נשמה־פֿאַרבלענדעניש, לעסטערן דעם נאָמען פֿון אלקי ישראל און מיט שבועות זיך שווערן, אַז דער גורל פֿון זייער פֿאָלק, זײַן עבר און זײַן עתיד, זײַנע חלומות און האָפֿענונגען קימערן זיי נישט און אַרן זיי נישט. פֿון זייער גבורה האָט קדושה אַרויסגעשײַנט. טײַער און הייליק האָבן זיי אָפּגעהיט זייער מענטשלעכן פּרצוף, זייער ווילן זיך נישט אונטערצוגעבן. זייער שעה פֿון טויט, און ווי אַזוי צו שטאַרבן, האָבן זיי אַליין אויסגעקליבן און זיך נישט געלאָזט צעשטערן און צעברעכן, ווי מען טוט מיט טויטע מאַשינען; זיך נישט געלאָזט דעזהומאַניזירן, דעגראַדירן ביז

צום אונטערמענטשן. פֿונעם גרויסן מבול, וואָס האָט נישט בלויז גופֿים, נאָר אויך נשמות פֿאַרפֿלייצט, האָבן זיי זייערע נשמות אַרויסגע־ראַטעוועט פֿאַר דורות און אייביקייטן. אויסערלעך זײַנען זיי געווען אַנדערש פֿון יענע יידן, וועלכע מען האָט צוליבן שלאָקסרעגן אַרײַנ־געטריבן אין גאַזקאַמער און זיי זײַנען געווען זיכער, אַז זייער לעצטע שעה האָט געשלאָגן און פֿונדעסטוועגן האָבן זיי געפֿונען אין זיך גע־נוג גײַסטיקע קראַפֿט זיך אַוועקצושטעלן און תּהילים זאָגן. תּהילים זאָגן אין מיטן פֿון אַ מאַסע מענטשן, וואָס דער אָנבליק פֿון טויט האָט זיי משוגע געמאַכט, זייערע פּנימער צעקרימט און די אויגן האָבן בײַ זיי פֿון די אָרביטעס אַרויסגעשטאַרצט, אַזוי אַז עס איז שווער געווען אַפֿילו צו דערקענען, צי מען האָט פֿאַר זיך מענטשן (זע די מײַסטער־שילדערונג פֿון אָט דער סצענע בײַ שטריגלערן, זז׳ 204—203). פֿאַרשיידן זײַנען געווען די וועגן און אופֿנים פֿון ווידערשטאַנד קעגן שונא, אָבער דאָס שותּפֿותדיקע צווישן זיי איז געלעגן טיפֿער אײַנגעוואָרצלט אין דער לאַנגער געשיכטע פֿון זייער פֿאָלק, פֿאַרקייטלט אין אַ ריי דורות פֿון יידישע קדושים און טהורים, וואָס האָבן אַמאָ־ליקע צײַטן זיך מוסר נפֿש געווען על קדוש השם. און וואָלטן אין דער אייגענער מאַסע פֿון אומגליקלעכע, פֿון פּײַן און שרעק דערדריקטע, אין אַן אַנדער ווינקל ווי יענער וואו די תּהילים־זאָגער זײַנען געשטאַ־נען, זיך געטראָגן די קלאַנגען פֿון אונדזער התּקווה, אָדער פֿון רע־וואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל — בין איך זיכער, אַז אויך די, וואָס וואָלטן די דאָזיקע געזאַנגען געזונגען, וואָלט די שכינה אַרונטערגע־נומען אונטער אירע פֿליגלען, און אויך זייערע נשמות וואָלטן אײַנגע־וויקלט געוואָרן בצרור החיים, אין בונד פֿון אייביקן לעבן. וואָרעם עס שטאַרבט נישט דער, וואָס אין מאָמענט פֿון טויט רייניקט ער זיך און הייליקט זיך פֿאַר דער אייביקייט, וואָס וועט נאָך דעם טויט קומען. איך שטעל מיר פֿאָר, אַז ווען איך וואָלט געדאַרפֿט דעם בי־טערן כּוס טרינקען און ווען איך וואָלט נישט געווען צווישן יענע, וואָס די אימת־המוות האָט זיי פֿון זינען אַראָפּגעפֿירט — און ווער קען פֿאַר זיך גאַראַנטירן? — וואָלט איך תּהילים געזאָגט, הגם די התּקווה איז דער הימן פֿון מײַן פֿאָלק און אויך דער אינטערנאַציאָ־נאַל, דאָס געזאַנג פֿון אַ גרויסער מענטשלעכער וויזיע, איז מיר נאָענט. פֿאַר די טויערן פֿון לעצטן סוד, ווען אָט אָט וועט זיך דער שלייער

פֿון דער אייביקייט אויפֿדעקן, איז דאָס נאַטירלעכסטע און דאָס מענטשלעכסטע אין דער אייגענער נשמה אַרײַנצוקוקן, פֿאַר איר אַ טרייסט און אַ תּיקון צו זוכן, זי זאָל אַ געלײַטערטע אַריבערטרעטן די לעצטע שוועל, וואָס טיילט אָפּ די צוויי וועלטן. און די וועלט האָט נאָך נישט אַרויסגעבראַכט קיין אַנדער געזאַנג ווי דעם געזאַנג פֿון דעם „נעים זמירות ישראל", וואָס זאָל אַזוי דערהויבן און אויסלייזן די נשמה פֿונעם מענטשן אין דער שעה פֿון טיפֿער נויט און גרויסער אַנגסט. אָבער אויב עס זײַנען דאָ מענטשן, און יחידים אַזעלכע זײַנען פֿאַראַן, וואָס די גאולה פֿון זייער פֿאָלק אָדער די דערלייזונג פֿון דער מענטשהייט, אָדערביידע צוזאַמען, האָבן זיך אַזוי אײַנגעוואָרצלט טיף אין זייער האַרצן, אַז זיי זײַנען געוואָרן אַ טייל פֿון זייער איך, פֿון זייער אייגענער נשמה — קענען די טענער פֿון דעם גאולה־געזאַנג פֿאַר זיי, פֿאַר די דאָזיקע מענטשן, דערהויבן ווערן צו זייער אָפּשייד־געזאַנג פֿונעם לעבן און אין אַ הללויה פֿאַר דער אייביקייט, וואָס ווערט דורכן טויט נישט איבערגעריסן. אויב אַזוי, האָבן אויך זיי פֿאַרדינט, מיר זאָלן פֿאַר זיי פֿלעכטן אַ כּתר־מלכות, אַ גילדערנע קרוין פֿאַר זיי און פֿאַרן מענטשלעכן גײַסט, וואָס בויגט זיך נישט און ברעכט זיך נישט און גיט זיך נישט אונטער.

אין זכות פֿון די דאָזיקע קדושים און גיבורים וואָלט געדאַרפֿט קומען אַ נביא, וואָס זאָל אונדז ווידער לאָזן הערן דעם נחמו, נחמו עמי, וואָס איין גאָט ווייס, צי האָבן מיר ווען נישט איז אים מער געדאַרפֿט באַגערן ווי אין דער שעה פֿון אונדזער איצטיקער גרויסער נויט, פֿון אונדזער איצטיקער טיפֿער פּײַן. אָבער צווישן די ווערטער פֿון טרייסט וואָלט זיך אויך געמוזט הערן די שטים פֿון אונדזער גרויסן ווייטיק, פֿון אונדזער טיפֿער שמאַרץ. וואָרעם וואָלטן מיר געהאַט נישט צענדליקער און הונדערטער קדושים, נאָר צענ־ און הונדערט־טויזנטער, וואָלטן מיר אויך הײַנט געווען אַ העראָיש פֿאָלק, ווי מיר זײַנען געווען אַמאָליקע צײַטן, וואָלטן מיר אפֿשר גאָרנישט געקומען צו אַזאַ גרויסן חורבן. אמת, און דאָס איז שוין דאָ געזאָגט געוואָרן, היטלער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אונדז פֿיזיש אומצוברענגען, נישט אונדזער נשמה, נאָר אונדזער גוף צו פֿאַרטיליקן. אָבער דאָס זעט זיך אַזוי אויס נאָר פֿון אויבן אויף. דורך יידישע גופֿים האָט ער געצילעוועט אין דער יידישער נשמה, דורך יידן האָט ער געוואָלט די יידישקייט טרעפֿן, איר געבן

דעם טויט־קלאַפּ, וואָס פֿון אים זאָל זי זיך קיינמאָל מער נישט קענען אויפֿשטעלן. ער, צי זײַנע מקורבים, האָבן אין דער מיסטעריע פֿון דער יידישער עקסיסטענץ אין דער וועלט טיפֿער אַרײַנגעדרונגען, ווי אַ סך פֿון אונדזערע קריסטלעכע פֿרײַנט. נישט געווען פֿאַר אים קיין זיכערקייט, און זי איז טאַקע באמת נישטאָ, אַז יידישקייט און יידישער גײַסט זײַנען באַגראָבן, כּל־זמן איין ייד, בילדלעך גערעדט, גייט אַרום אויף דער ערד. אָט פֿאַרוואָס און צוליב וואָס ער האָט אונדזער פֿיזישן אויסראָט באַדאַרפֿט. גיט משה פּראַגער איבער אַ כאַראַקטעריסטישע „דרשה" פֿון אַ נאַצי־אָפֿיציר, געהאַלטן בעת די דײַטשע מנוולים האָבן אין אַ בית־המדרש מחלל געווען ספֿר־תּורהס: „שרײַט צו אײַער גאָט און איר וועט זען, צי ער וועט אײַך העלפֿן. מיר האַלטן מלחמה סײַ מיט יידן, סײַ מיט זייער גאָט"... (יון מצולה החדש, ז' 138). און ס'איז גאָרנישט קיין צופֿאַל, וואָס איינע פֿון די ערשטע טריט, וואָס די דײַטשן האָבן געמאַכט, ווי נאָר זיי זײַנען אין פּוילן אַרײַן, איז געווען צו פֿאַרברענען בתּי־מדרשים און מחלל זײַן ספֿר־תּורהס, ווי בכלל איזדעקעווען זיך איבער יידישע הייליקייטן.

עס איז דעריבער פֿאַלש דער פֿאַרשפּרייטער טעות, וואָס וואָרצלט אין אונדזער אייגענער שוואַכער פֿילבאַרקייט צו גײַסטיקייט, אַז צו אונדזער נשמה האָט זיך היטלער נישט צוגערירט. ער האָט דאָס נישט איין מאָל געפּרואווט, און איטלעכס מאָל אָפּגעשפּרונגען, נישט פֿון ווידערשטאַנד, נאָר פֿון פּוסטקייט, נישט ווײַל ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ האַרטער וואַנט, נאָר ווײַל געטראָפֿן האָט ער אַ כּמעט לײדיקן חלל. דעם ערשטן געראַנגל פֿאַר נשמה־זאַכן האָבן פֿאַרשפּילט די ערשטע שוואַכע יידן, וואָס אויף זיי איז ער אָנגעפֿאַלן — די דײַטשע יידן, פֿאַרשפּילט, ווײַל זיי האָבן דעם אַרויסרוף אַפֿילו הערן נישט געוואָלט און במילא אויף אים זיך נישט אָפּגערופֿן, די מלחמה־דערקלערונג נישט אָנגענומען. דער יידישער „קאַמף" איז געווען האָפֿענונגסלאָז פֿאַרלוירן אין יענעם מאָמענט, ווען דײַטשע יידן האָבן אין אַ טאָן פֿון הכנעה אָדער פּוסטער גאווה, דאָס ענדערט גאָרנישט — פּראָטעסטירט קעגן די נירנבערגער געזעצן צום שוץ פֿון דער ריינקייט פֿון „דײַטשן בלוט"; זיך ביטער געקלאָגט, באשר בכן מען לאָזט זיי נישט זיך מטמא זײַן מיט דעם דאָזיקן בלוט. וואָס קומט אַרויס דערפֿון, וואָס די נאַציאָנאַלע יידן האָבן גערופֿן די דײַטש־יידישע

עדה „שטאָלץ צו טראָגן די געלע לאַטע", אַז ס'האָט בײַ זײ קײן פּוחות נישט געסטײַעט עניוותדיק צו טראָגן דעם יאָך פֿון ײדישקײט. זײ זײַנען פֿאַר דער ײדישקײט נישט בלויז נישט גרײט געװען זיך מוסר־נפֿש צו זײַן, נאָר אַפֿילו נישט געקלערט מקריב צו זײַן צוליב איר זײערע אינטערעסן און באַקװעמלעכקײטן, אילוזאָרישע אין תּוך, װי אילוזאָריש עס איז געװען די גאַנצע גלײַכבאַרעכטיקונג, װאָס פֿאַר איר האָבן ײדן זיך געשלאָגן ביזן לעצטן... טראָפּן טינט פֿון זײער טינטער. אַז אין 1938, נאָכן אַטענטאַט אין דער דײַטשער אַמבאַסאַדע פֿון פּאַריז קעגן פֿאָם ראַט, האָבן די נאַצים ראַבירט ײדישע געװעלבער און געברענט ײדישע בתּי־מדרשים, האָבן זיך געפֿונען ײדישע בעל־הבתּים פֿון קלײטן, װאָס האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט די גנבים און באַנדיטן, כּדי זײער האָב און גוטס צו שיצן (לעאָן שאַלעט, עקס־פּערימענט „ע", ז' 95). אָבער צי האָבן זיך געפֿונען אַ סך דײַטשע ײדן, װאָס זאָלן האָבן מיט זײער לעבן ריזיקירט, כּדי די רײניקײטן צו ראַטעװען? איך װײס נישט פֿון אַזעלכע פֿאַלן און האָב אין ערגעץ װעגן דעם נישט געלײענט. גױים זײַנען געשטאַנען אַרום און אַרום און געהאַט נחת פֿונעם ספּעקטאַקל פֿון דער שׂרפֿה פֿון ײדישע הײליקײטן און אפֿשר נאָך מער דערפֿון, װאָס מען האָט קײן ײדן נישט געזען, משמעות, װײַל זײ האָבן מורא געהאַט אַפֿילו נאָענט צוצוגײן, עס זאָל זײ חלילה קײן אומגליק נישט פּאַסירן. װײס איך אָבער יאָ פֿון אַ רײ פֿאַלן, װען ײדן פֿון די מזרח־אײראָפּעישע געטאָס, װאָס די סכּנה איז פֿאַר זײ געװען גרעסער (װײַל אין דער אָקופּאַציע, בעת דער מלחמה, איז געװען נאָר אײן שטראָף פֿאַר אַ װידערשפּעניקן ײדן — טױט־שטראָף), האָבן יאָ זיך אַרײַנגעריסן אין ברענענדיקע בתּי־מדרשים און אַרױסגעראַטעװעט ספֿר־תּורהס און טאַקע פֿאַר זײער מוט מיט זײער לעבן באַצאָלט (אין לאָסק, אָטװאָצק און אײניקע אַנדערע ערטער). און װי אַנדערש װאָלטן מיר אויסגעזען און װי אַנדערש װאָלטן ײדן זיך געפֿילט נאָכן חורבן, װען דאָס װאָלטן געװען נישט אײנצלנע פֿאַלן אין מזרח־אײראָפּע, דער פֿעסטונג פֿון ײדישקײט, נאָר אַ מאַסן־דערשײנונג, װי דאָס איז געװען אַמאָל, בעת ײדן האָבן פֿריער פֿון אַלץ אין אַ שעת־סכּנה געקלערט די תּורה צו ראַטעװען און דערנאָך ערשט זײער לעבן; װען טױזנטער און טױזנטער ײדן װאָלטן געטראַכט און געהאַנדלט פּונקט װי יענער ײד, װאָס בעת דער דײַטשער

טעראָר בושעוועט, זיצט ער זיך רואיק אין סוכּה, אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט געשען. און אַז מען ווײַזט אים אָן אויף דער געפֿאַר פֿון סוכּה־זיצן אין אַזאַ שעת־חרום, ענטפֿערט ער: „מער ווי מײַן גוף קענען זיי נישט נעמען, אויף מײַן נשמה האָבן זיי קיין שליטה נישט" (יעקב קוריץ, ז' 324—323). וועלן פֿינקלען און לײַכטן אין אייביקייטן, ווי די שטערן אין הימל, אָט די יידן פֿון מוט און גײַסטיקער גבורה, די יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיט זייערע הענט ספֿר־תּורהס צו פֿאַר־ברענען, די הייליקייטן צו באַשפּײַען, ווי למשל, יענער קצב אין שטעטל קראַשניק בײַ לובלין, אַ פּראָסטער יידישער פֿאָלקס־מענטש, נישט קיין רב, ניט קיין דיין און נישט קיין למדן; אַ ייד, וואָס האָט מסתּמא קוים־קוים דעם פּירוש־המלות פֿון זײַן סידורל פֿאַרשטאַנען. ער זאָגט זיך אָפּ אויסצופֿירן דעם באַפֿעל פֿון אַ נאַצי אַרײַנצוואַרפֿן זײַנע תּפֿילין אין אַ רינשטאָק, דעקט אויף זײַן ברוסט און זאָגט צו די רוצחים: „שיסט, אויב איר ווילט". אָדער ווי יענער הײַנטוועלטיקער ייד, ד"ר מאַקסימיליאַן רעדליך פֿון קראָקע, וואָס די דײַטשן האָבן אים דערהרגעט, ווײַל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַ ספֿר־תּורה צו פֿאַרברענען.

אַז די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין פּוילן און ליטע, האָבן זיי קודם־כּל פֿאַרבאָטן שחיטה, שבת און יום־טוב, און אין אַ סך ערטער — אויך תּפֿילה בציבור, יידישע שולן אאַז"וו, האָבן יידן זיכער אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מאָס ווידערשטאַנד, בעת זיי האָבן די באַפֿעלן נישט גע־הערט און נישט אויסגעפֿירט. אָבער צו קיין אָפֿענעם מאַסן־ווידער־שטאַנד איז אויך דאָ נישט געקומען, נישט אין נאָמען פֿון טראַדיציאָ־נעלע הייליקייטן און אַ פּשיטא שוין נישט אין נאָמען פֿון דער נײַער יידיש־וועלטלעכער קולטור. ס'איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס כּלערליי „אַקציעס" און איבערזידלונגען פֿלעגן אויספֿאַלן דווקא יום־כּיפּור, אין שבתים און יום־טובים. האָבן יידן נישט געקענט זיך פֿיזיש אַנטקעגן שטעלן די אַקציעס, האָבן זיי אָבער יאָ געמוזט דערקלערן, אַז זיי וועלן קיין שום באַפֿעל קעגן זייער אמונה נישט אויספֿירן. געשען איז אָבער אַזוי, מיט איינצלנע זעלטענע אויסנאַמען, אַז בעת די דײַטשן האָבן אין געוויסע געטאָס געהייסן שבת און יום־טוב און יום־כּיפּור (אין קראָקע, למשל) האַלטן אָפֿן די קראָמען, האָבן יידן זיך אונטערגעגעבן, בכל אופֿן עפֿנטלעך דעם באַפֿעל נישט ווידערגעשפּע־ניקט. האָט מען די יידן־ראַטן באַפֿוילן האַלטן אָפֿן זייערע ביוראָס

שבת, האָבן זיי, פֿאַרשטייט זיך, פּינקטלעך און געהאָרכזאַם דעם באַפֿעל אויסגעפֿירט.

ווייס איך, אַז פֿרײַע יידן האָבן אַ גרייטע תּשובה: מיר האָבן „אַכטונג פֿאַר די געפֿילן פֿון די פֿרומע יידן" (דער געשוואוירענער הײַנטיקער נוסח), אָבער מיר אַליין זײַנען נישט קיין גלוביקע, קען מען פֿון אונדז קיין קרבנות נישט פֿאַרלאַנגען פֿאַר עפּעס, וואָס נאָר אַמאָל איז עס בײַ יידן הייליק געווען. וואָלט איך שוין גרייט געווען אַפֿילו מיט דעם מסכּים צו זײַן, אָבער מיט איין „קליינעם" תּנאַי: דהיינו, אַז די פֿרײַע יידן, וואָס טענהן אַזוי, זאָלן מיר אויך געבן אַ פּאָזיטיוון אַרגומענט, אָבער נישט קיין ווערטער־אַרגומענט, וואָס קאָסט אַזוי וויניק, נאָר אַ רעאַלע, ממשותדיקע דעמאָנסטראַציע אַזוינע, וואָס קאָסט גאָר טײַער, דהיינו — דאָס לעבן; אַ ווילן־מאַניפֿעסטאַציע, וואָס זאָל זײַן נישט די זעלביקע, לויט דער כּוונה, אָבער לויט איר דער־הויבנקייט די אייגענע, ווי בײַ אונדזערע עלטערן, בשעת זיי זײַנען צו די אויטאָ־דאַ־פֿעס און צו די שײַטערהויפֿנס געגאַנגען. וואָלט איך באַפֿרידיקט געווען איבער אַלע מאָסן, ווען איך זאָל זען מאַסן יידן, וואָס זאָלן שטאַרבן פֿאַר דעם, וואָס זיי איז טײַער און הייליק. פֿאַר זייערע אייגענע, אויב נישט קיין טראַדיציאָנעל־יידישע, אידעאַלן און גלויבנס, ווי למשל, פֿאַרן אָפּזאָג צו זינגען נאַציאָנאַלע אָדער רעוואָ־לוציאָנערע לידער, כּדי פֿון זיי צו מאַכן חוכא וטלולא און די דײַטשע בעסטיעס צו אַמוזירן; פֿאַר אַ יאָ־ענטפֿער די דײַטשע אינקוויזיטאָרן, ווען זיי פֿרעגן, צי מען איז אַ קאָמוניסט אָדער ציוניסט ((אין דער גאַנצער חורבן־ליטעראַטור האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף איין איינציקן פֿאַל, ווען אַ יידישע פֿרוי, גראַד נישט קיין קאָמוניסטקע, נאָר אַ דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטקע, האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצו־שרײַבן, לויט דער פֿאָדערונג פֿון די דײַטשן, אַ דעקלאַראַציע, אַז זי איז נישט קיין קאָמוניסטקע, און זיך דערמיט צום טויט פֿאַרמשפּט. זע קאַטשערגינסקי, ז' 239). ווייס איך וואויל, אַז מען קען ברענגען טויזנט טעמים, פֿאַרוואָס עס וואָלט נישט געווען קלוג און נישט צוועק־מעסיק די נאַצים אַזעלכע ערלעכע תּשובות צו געבן. מסכּים. איר מוזט אָבער אויך מסכּים זײַן דערמיט, אַז דער רעזולטאַט איז סוף כּל סוף דער, אַז אַ נישט־גלויביקער הײַנטיקער מאָסן־ייד האָט נישט גע־האַט אין דער שעה פֿון נסיון פֿאַרוואָס און צוליב וואָס זיך מוסר־

נפש צו זײַן. איז דאָך טאַקע מאַגיסטער שטײן גערעכט געװען — אויף װיפל מען האָט אין זינען די יידישע מאַסן און נישט יחידים — װען ער האָט אין אַ מסיבה פון יידישע טוער, שרײַבער און געלערנטע געזאָגט: „נישט געװען אין אונדזער אומגליק קיין סימן פון העראָיזם, קיין פונק פון קדוש השם". (זײַדמאַן, ז' 260). און דאָס זײַנען װערטער געזאָגט געװאָרן אין געטאָ גופא. און אויב ס'האָט זיך אַזאַ לאַגע געשאַפן, לוינט זיך אפשר גאָר צו פאַרטראַכטן, צי איז נישט אונדזער גאַנצער לעבנס־װעג, װאָס האָט אונדז געבראַכט צו אַזאַ אויסגעטאָנקייט פון הייליקייטן, נישט קיין פאַלשער װעג. די ציװיליזאַציע איז אַ שיינע, אַ געהויבענע, װאָס דערהויבט דעם מענטשן, װאָס ברענגט אַרויס אַ מאָראַליש העכערן מענטשן־טיפ. און אויב אַזוי, איז גיט אַ קוק, װאָס פאַר אַ גרויסע קראַפט ס'האָט געמוזט ליגן פאַרבאָרגן אין דער יידישקייט, װאָס האָט אַמאָל אַזוינע שטאַרקע, העראָישע יידישע כאַראַקטערס באַשאַפן און דער װעלט עס געװיזן.

פאַראַן איין אײנציקער װעלטלעכער יידישער אידעאַל, פאַר װעלכן מאַסן יידן, אין טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, זײַנען גרייט זיך מקריב צו זײַן און זיי האָבן דאָס באַװיזן און באַװײַזן דאָס נאָך איצט, טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אין ארץ־ישראל, — דאָס איז דער אידעאַל פון קיבוץ־גלויות און פון אַ יידישן פאָטערלאַנד. מעג מען אָבער על פי סוד זאָגן, אַז אויך אין דעם דאָזיקן װעלטלעכן אידעאַל שטעקט אַ היפשער „שמץ" פון יידישער קדושה. ניט בלויז דער פרומער מזרחי, נאָר אויך דער פרײַער סאָציאַליסט־ציוניסט װיל נישט גלאַט ערגעץ װאו אַ יידיש לאַנד אויפבויען, נאָר דווקא אין ארץ־ישראל. און פונקט װי אונדזערע עלטערן, װאָס האָבן בײַ גאָט געבעטן, ער זאָל זיך מרחם זײַן אויף אונדז און אויף זײַן הייליקייט („ותרחם עלינו ועל מקדשך"), װילן אויך זיי זען אינעם װידער־אויפגעריכטן יידישן פאָטערלאַנד יידיש־מענטשלעכע הייליקייטן, לויט זייערע השגות און אידעאַלן. האָבן מיר נישט אין די גלות־לענדער קיין פאָטערלאַנד, װײַל אַ מענטש קען נאָר איין פאָטערלאַנד האָבן, זײַן ארץ אבות. האָבן מיר במילא נישט געקענט זיך שלאָגן פאַר אים און פאַר אים זיך מקריב זײַן. אָבער אויך אונדזערע עלטערן האָבן דאָס נישט געקענט, װײַל אויך זיי זײַנען אין גלות געזעסן. און אין דעם פּרט איז אונדזער גורל גלײַך געװען צו זייערן, װאָרעם דער דאָזיקער גורל איז אַ שותּ־

פֿותדיקער און אַ פֿאַטאַלער פֿאַר אַלע יידישע גלות־דורות. זיי האָבן אָבער געהאַט עפּעס אַנדערש, פֿאַרוואָס זיך מוסר־נפֿש צו זײַן — פֿאַר זייער אמונה און פֿאַר אַ הייליקן לעבן אויף דער וועלט. האָט אַ גרויסער טייל הײַנטיקע יידן אויך דאָס פֿאַרלוירן און בײַ אַן אַנדער טייל געפֿינט זיך די יידישקייט אין אַ צושטאַנד פֿון ירידה. האָבן די דאָזיקע יידן בכלל נישט געזען קיין זינען אין זייערע יסורים און אין זייער טויט. בלײַבט אונדז נאָר צוצודעקן מיט אַש אונדזערע קעפּ און צוזאַמען מיט דעם גרויסן משורר און מוכיח פֿון אונדזער עפּאָכע, חיים נחמן ביאַליק ז״ל, אין טיפֿער אבלות צו זאָגן: „אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבן, נישט ווייסנדיק צו וואָס, פֿאַר וואָס, פֿאַר וועם?״ (אין שחיטה־שטאָט).

דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער געשיכטע זײַנען מיר בײַ דער גזירת היטלער געשטאַנען אין דער סאַמע טראַגישער סיטואַציע, וואָס קען נאָר געמאָלט זײַן: מיר האָבן נישט זוכה געווען צו זײַן אַן אַקטיווער סוביעקט. נישט מיר האָבן געהאַט אויסצוקלײַבן צווישן לעבן און טויט, ווײַל שוין לכתחילה האָט מען אונדז צום טויט פֿאַרמשפּט אונטער אַלע תנאים. מיר וואָלטן אפֿשר געקענט אָט דעם גזר־דין אָפּשרײַען און די ברירה, וואָס היטלער האָט נישט געוואָלט אונדז איבערלאָזן, אים אַרויפֿצווינגען, בײַ אים אַרויסרײַסן, ווען מיר וואָלטן בנעורינו ובזקנינו פּונקט אַזוי פֿעסט געווען ווי אונדזערע אבות זײַנען געווען. און אויב אונדזער גורל איז שוין געווען פֿאַרחתמעט און מיר וואָלטן דעם ביטערן כּוס נישט געקענט אויסמײַדן, וואָלטן מיר לכל הפּחות זוכה געווען צום גליק, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן יאָ געהאַט — צו גיין דעם טויט אַנטקעגן גערייניקטע און געלײַטערטע. אָבער גרויס איז אונדזער בראָך: דער שטאַרקסטער שונא פֿון אונדזער פֿאָלק האָט אָנגעטראָפֿן אויפֿן שוואַכסטן יידישן דור. איז דאָס בלויז אַ צופֿאַל אָדער דאָ שטעקט אַ טיפֿער מיסטישער צוזאַמענהאַנג, וואָס מען קען אים מיט אונדזערע שוואַכע מענטשלעכע אויגן נישט כאַפּן? אַזוי צי אַזוי, דער שונא האָט נישט בלויז אונדז אויסגעראָטן, נאָר אונדז אויך זײַן ווילן אָנגעבונדן. נישט בלויז האָט ער אַרויסגעטראָגן דעם טויט־פּסק, נאָר ער האָט טאַקע אַליין פֿאַרשריבן, ווי אַזוי מיר זאָלן שטאַרבן, ווי אַזוי מיר זאָלן אומקומען, ווי אַזוי מיר זאָלן אויסזען אין די געציילטע חדשים און טעג פֿון לעבן, וואָס ער האָט אונדז געשאָנקען, און ווי

ס'זאָלן אויסזען אונדזערע לעצטע מינוטן. האָבן מיר געהאַט זעקס מיליאָן קרבנות, אומשולדיקע אַוועק פֿון דער וועלט. באַוויינען מיר זייער טויט און נאָך מער זייער ביטערן מזל, וואָס האָט זיי פֿאַרמשפּט בלויז ווי קרבנות צו שטאַרבן. זײַנען די געציילטע קדושים פֿאַר אונדז אַ קוואַל פֿון טרייסט און האָפֿענונג. און די טמאים — אונדזער גרויסע און טיפֿע וואונד, וואָס וועט אײַטערן און אײַטערן נאָך לאַנגע יאָרן און אפֿשר דורות, ביז אַ נײַער יידישער דור וועט אויפֿשטיין, וואָס וועט ווידער אָנקניפּן דעם יידישן קדושה־פֿאָדעם, דורכגעריסן, אָבער נאָך נישט איבערגעריסן מיטן אויפֿקום פֿון דער נײַער צײַט, מיט איר אויפֿקלערונג און ציוויליזאַציע און מיט איר נאָך גרעסערער נשמה־פּוסטקייט, גײַסטיקער נישטיקייט און שוואַרצער טומאה. און די טריט פֿון אָט דעם נײַעם און נײַ־געהייליקטן יידישן דור הערן מיר איצט אויף די פֿעלדער און אויף די שלאַכט־פֿעלדער פֿונעם אויפֿגע־ריכטן הייליקן יידישן פֿאָטערלאַנד.

די איינצלנע ספּאָראַדישע פֿאַלן פֿון יידישער קדושה־גבורה האָבן נישט געקענט צעשטערן די לעגענדע פֿון דעם יידישן אונטערמענטש, וואָס נאָר מיט איר כּוח האָט די דײַטשע מאָרד־מאַשין געקענט גלאַט פֿונקציאָנירן און איר נאַקעטן פֿאַרברעכערישן מעכאַניזם פֿאַרשלייערן פֿאַרן דײַטשן פֿאָלק גופֿא און פֿאַר די פֿעלקער פֿון מזרח־אייראָפּע. אָבער אַנטקעגן אַ מאַסן־אויפֿברויז פֿון הייליקייט און ווידערשטאַנד וואָלט אָט די מאַשין געמוזט זיך צעברעכן. איז אָבער אָט דער אויפֿ־ברויז נישט געקומען. איז פֿאַר יידן בלויז געבליבן צו ראַטעווען די נאַקעטע עקסיסטענץ, דעם נאַקעטן גוף. דאָס יידישע פֿאָלק וואָלט בײַ דער איצטיקער גזירה נישט געקענט זאָגן, ווי איינער פֿון די עשרה הרוגי־מלכות ר' חנניא בן־תרדיון, האָט צו זײַן טאָכטער געזאָגט, בעת זי האָט ביטער געקלאָגט און געוויינט, זעענדיק ווי מען צינדט אָן די ספֿר־תּורה, וואָס מיט איר איז ער געווען אַרומגעוויקלט. און געזאָגט האָט ער איר: „וואָלט מען מיך אַליין געברענט, וואָלט איך פֿאַרשטאַנען דײַן געבראָך. מען ברענט מיך אָבער צוזאַמען מיט דער ספֿר־תּורה, און דער, וואָס וועט זיך אָננעמען איר קריוודע, וועט זיך אויך אָפּ־רעכענען פֿאַר דער עוולה, וואָס מיר איז געשען" (עבודה זרה י"ח, א).

ווער אָבער וועט זיך אָננעמען די קריוודע פֿון אַ דור, וואָס זײַן גוף איז געפֿאַלן פֿאַר אַ קרבן, ווײַל מער ווי דעם גוף האָט ער נישט פֿאַר־

מאָגט. נישט די פֿעסטונג פֿון אַ פֿאָטערלאַנד, און נישט דעם פּאַנצער פֿון אמונה. קלערט זיך נישט ווילנדיק: און ווער וועט זיך אָננעמען די קריוודע פֿון אַנדערע יידישע קיבוצים, גײַסטיק שוואַכערע פֿון די מזרח־אײראָפּעישע, אויב אויך זיי זאָלן אַמאָל, די שעה זאָל נישט זײַן, געשטעלט ווערן פֿאַר אַזאַ אָדער גלײַכן נסיון? סײַדן זיי וועלן תשובה טאָן און מיטן גאַנצן האַרצן זיך אומקערן צום יידן־לאַנד און צום יידישן גאָט. וואָרעם אַרויסגעשטעלט האָט זיך, להיפּוך צו די אַזוי אין אונדזער פּראַקטישער, מאַטעריאַליסטישער עפּאָכע פֿאַר־שפּרייטע פֿאָרשטעלונגען — און דאָ ליגט דער טיפֿער און ווײַטער מוסר־השכל פֿונעם חורבן, — אַז די נשמה קען נאָך אַמאָל אַ שוואַכן גוף אויפֿהאַלטן און קרעפֿטיקן, אַ שוואַך פֿאָלק פֿאַרטיידיקן און באַ־שיצן. אָן איר איז דאָס טרוקענע לעבן, דער נאַקעטער גוף אויף זיכער פֿאַרלוירן.

*

אַז איך האָב אינעם ערשטן קאַפּיטל זיך באַקלאָגט, וואָס מיר זענען נישט בײַ די איצטיקע יידן דעם גרויסן אומרו פֿון געוויסן — גרויס ווי אונדזער בראָך — האָב איך אין געדאַנק געהאַט אַ באַוואָרעניש און זי איבערגעלאָזט צום סוף, כּדי זי בולטער אַרויסצוברענגען און כּדי צו פֿאַרענדיקן מיט אַ וואָרט פֿון טרייסט. וואָרעם ווער קען נאָך אַזוי פֿיל ווי מיר, אין אונדזער הײַנטיקער ביטערער צײַט פֿילן דעם חוב, וואָס אונדזער גרויסער י. ל. פּרץ האָט געפֿילט, אַז ער ליגט אויף אים: „טרייסט מײַן פֿאָלק, עס באַדאַרף די טרייסט".

געוויס פֿאַרלאָזן די שוואַכע יידן אַלץ מער און מער אונדזער מחנה. שטויסן מיר זיך דווקא איצט אָן אויף אַזעלכע, וואָס קענען אַפֿילו נישט באַהאַלטן זייער צאָרן און כּעס קעגן זייערע אייגענע עלטערן, וואָס צוליב זייער „שולד" האָבן זיי באַדאַרפֿט אויסשטיין אַזוי פֿיל צרות אין היטלערס צײַטן. ווילן זיי זייערע קינדער און קינדס־קינדער אַסע־קורירן, ווײַל אויך זיי פֿילן, אַז דאָס, וואָס איז איין מאָל פֿאָרגעקומען, קען נאָך אַמאָל געשען. לויפֿן זיי אין שמד. און אַנדערע, וואָס האָבן נישט גענוג מוט איבערצורײַסן דאָס לעצטע פֿעדעמל, לאָזן דאָס איבער פֿאַר זייערע קינדער, ווײַל זיי פֿאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז יענע, נאָך מער דערווײַטערט פֿון יידישן שורש ווי זיי גופֿא, וועט דאָס לײַכטער

אָנקומען. ווײַל מען מער קיין יידיש לשון נישט ריידן, דערווײַטערט מען זיך אַלץ מער פֿון יידישקייט און מען זוכט מיט אַלע כּוחות אויס־צוזען ווי די גויים און גלײַך זײַן מיט זיי.

אָבער פּאַראַלעל מיט אָט דעם פּראָצעס פֿון אָפּפֿאַל פֿון די שוואַכע, גייט אַ צווייטער — אַ שטאַרקונג פֿון די שטאַרקע. די שיבֿת־ציון־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען כּמעט די גאַנצע שארית־הפּליטה, די האַלאָוועשקעס, וואָס זײַנען נאָך דער שׂרפֿה געבליבן, איז איינער פֿון די גרויסע סימנים פֿון תּשובֿה, וואָרעם דער וועג צו ציון איז אַ וועג פֿון תּשובֿה. איך זאָג — צו ציון און בכּיוון נישט — צום ציוניזם. ציוניזם איז אַ פּראָגראַם, און ווער עס זאָגט — גם אני מסכּים, ווערט אַ ציוניסט. און אַזעלכע ציוניסטן מערן זיך און פֿרוכפּערן זיך אין אונדזערע טעג. זאָג איך נישט חלילה, אַז מען דאַרף זיי אָפּ־שטויסן און ווען איך זאָל זיך געפֿינען אויף אַ ציוניסטישער אסיפֿה, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פּראַקטישע ענינים און מיט ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט איך צוזאַמען מיט אַנדערע מיטן גאַנצן ערנסט געזוכט די וועגן, ווי אַזוי אַלע יידן נעענטער צו ברענגען צום ציוניזם און זאָל עס זײַן אַפֿילו אין אַ פֿאַרוואַסערטער פֿאָרם. דאָ באַהאַנדל איך אָבער ענינים, וואָס שטייען העכער און קוקן אַרויס ווײַטער פֿון תּיכּפֿדיקע רעזולטאַטן. תּשובֿה טוט אַ ייד, ווען ער אַליין זאָגט זיך אָפּ פֿון גלות־לעבן און קערט זיך אום צו ציון, אָט ווי יענע יידן פֿון „עקזאָדוס", וואָס פֿראַנקרײַך האָט זיי גרויסמוטיק פֿאָרגעשלאָגן איר גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט און זיי האָבן זיך פֿון איר אָפּגעזאָגט. וואָרעם נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ האָבן זיי געזוכט, נישט קיין נאָרע און קיין צײַטווײַליקע באַהעלטעניש פֿון אַ געוויטער האָבן זיי געוואָלט, ווי עס באַדאַרף יעדער בעל־חי, נאָר אַ היים. און אַ היים איז אַ נשמה־באַדערפֿעניש, איז נישט, ווי מען מיינט, אַ מאַטעריעלער ענין, נאָר אַ גײַסטיקער באַגריף. דער, וואָס באַגנוגנט זיך נישט מיט אַן אכסניה, הײַנט צו לעבן אין איינער, מאָרגן אין אַן אַנדערער, און ווײַל דווקא אַ היים, וואו צווישן די מענטשן און די זאַכן אַרום אים שאַפֿט זיך אַן אינטימער צוזאַמענהאַנג, דער האָט גײַסטיקע באַדערפֿענישן. יידן פֿלעגן ערבֿ דער מלחמה גרייט זײַן צו באַצאָלן אַ הון מיט גאָלד, אַבי ערגעץ וואו אַ וויזע צו קריגן. שמד־צעטלען פֿלעגט מען קויפֿן, אויב דאָס איז געווען אַ סגולה צו אַ וויזע און על פּי הדחק, זיך אַפֿילו

געלאָזט אָפּטובלען. און קומען ייִדן, און אַז מען וויל זיי אויפֿנעמען בכּבֿוד גדול, באַדאַנקען זיי האַרציק און זאָגן: אַ היים זוכן מיר, איר אָבער קענט אונדז העכסטנס אַ נאַכט־געלעגער געבן. זײַנען זיי גרויסע בעלי־תּשובֿה, הגם זיי מעגן אין אַנדערע באַציאונגען און ענינים זינדיקן.

דער שארית־הפּליטה־ייִד האָט בחוש געפֿילט דעם ביטערן טעם צו זײַן אַ „גולה און אַ נכר", אַן אויסגעוואָרצלטער און אַ פֿרעמדער, אַ בלאַט אויף אַ בוים, וואָס ציטערט פֿאַרן מינדסטן שאָרך, וואָס דאָס קלענסטע ווינטל בלאָזט אים אַוועק. ער האָט טועם געווען דעם טעם פֿון אומעטום שונאים צו באַגעגענען און וואָס עס הייסט זיך פֿילן עלנט ווי אַ שטיין אַפֿילו צווישן פֿרײַנט. פֿילט דער חורבן־ייִד, אַז אָן וואָרצלען און אָן אַ באָדן קען ער מער נישט לעבן. וויל ער פֿון אַ בלאַט ווערן אַ שטאַם, וואָס קיין בייזע רוחות קענען אים פֿון אָרט נישט רירן. און ס'איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביז איצט בײַ אונדז קיינמאָל נישט געזען געוואָרן. דווקא ייִדן־פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייערע קריסטלעכע, בפֿרט סאָוויעטישע, חבֿרים זיך געשלאָגן מיטן שונא, אַזעלכע ייִדן, וואָס אין געוויינלעכע צײַטן וואָלטן זיי געוואָרן פֿאַרברענטע אַבסטראַקטע קאָסמאָפּאָליטן, דווקא זיי טראָגן זיך אַרום מיטן חלום פֿון שיבֿת־ציון און מיט זייער גאַנצער נשמה שטרעבן זיי פֿון דעם דאָזיקן חלום אַווירקלעכקייט צו מאַכן און טאַקע פֿאַר זיך גופֿא. איך דערמאָן זיך אַ באַזוך אין „קיבוץ לוחמים" אין לאַגער ציילסהיים בײַ פֿראַנקפֿורט. ווײַזן מיר ייִדישע מיידלעך און בחורים מיט גרויס שטאָלץ זייערע מעדאַלן פֿאַר בריהשקייט, מוט און גבֿורה, וואָס די סאָוויעט־רעגירונג האָט זיי צוגעטיילט. און די אויגן ווערן פֿול מיט טרערן און לויכטן אויף מיט האָפֿענונג, ווען זיי ווענדן זייערע בליקן צום מזרח, צו ציון — דעם ייִדישן לאַנד. זיי, מער ווי ווער נישט איז, האָבן פֿאַרזוכט דעם ביטערן געשמאַק פֿון ייִדישער עלנטקייט. באַשרײַבט איינער פֿון זיי, אַברהם לידאָווסקי, אין „ביער־רות", די געפֿילן, וואָס נעמען אים אַרום, ווען נאָך דער באַפֿרײַאונג קומט ער צוריק פֿון וואַלד אין זײַן שטעטל אַרײַן. פֿון ייִדן קיין זכר, פֿון ייִדישע בתּי־מדרשים, חבֿרות און אינסטיטוציעס — קיין שפּור. און גויים שפּאַצירן אַרום פֿריילעך אויפֿגעלייגט און טרינקען גוטברו־דערשאַפֿט מיט די נײַע זיגער, פּונקט ווי זיי האָבן עס נעכטן געטרונ־

קען מיט די פריערדיקע אויף פרישע יידישע קברים. אי, זיי האָבן פאַרכאַפּט יידיש האָב און גוטס, יידישע שטיבער און געוועלבער? — נישקשה, מען וועט זיי נישט טשעפּען. זיינען זיי רואיק פאַר זיך און פאַר זייער צוקונפט. מיט אַ פאָלק, איינגעוואָרצלט אין באָדן, אַ מער־הייט ביי זיך אין לאַנד, וועט קיינער מיט אים (מעגן דאָס זיין מלאכים, אויב זיי האָבן נאָר אַ מענטשלעך געשטאַלט) נישט איינרייסן צוליב יידן, און בכלל נישט צוליב יושר. איז עס אַ וואונדער, אַז אויף די חורבות פון זיין שטעטל, וואָס ער האָט פריער געמיינט, אַז דאָס איז זיין היים, האָט ער נאָר איין געדאַנק: אַהין, קיין ציון, ווייל נאָר דאָ גלויבט ער צו געפינען אַן אמתע און זיכערע היים פאַר זיך און זיינע קינדער.

גייט אַ ייד, בערנאַרד גאָלדשטיין הייסט ער, אַן אַקטיווער בונ־דישער טוער, תיכף נאָך דער באַפרייאונג אויף די חורבות פון וואַר־שעווער געטאָ. ווען איך אים אַליין לאָזן ריידן, וואָס ער שפּירט און פילט, ווען ער זעט אויפן גרויסן שטח פונעם געוועזענעם יידישן וואַרשע נאָר „חורבות, חורבות און חורבות״: „אַ שטעכיקער ווייטיק פרעסט דאָס האַרץ: אָט דאָס איז דער סוף? ! אָט דאָס איז דער סך־הכל פון צענדליקער דורות לעבן, שאַפן, אמונה, תורה, חסידות, השׂ־כּלה, בונדיזם, ציוניזם, פאָלקיזם, ראַנגלענישן, קאַמף? ! אָט דאָס — אָט דער וויסטער מדבר? איך האָב דערפילט אַן אומענדלעכע פּוסטקייט אין זיך, אַרום זיך... אַן אויסגעהוילטע נשמה, וואָס בלאָנדזשעט אַרום אין עולם־התוהו, איבער בערג, חורבות און וויסטענישן — אָן אַן אָנהאַלט, אָן אַ זין, אָן אַ ציל״. (גאָלדשטיין, ז׳ 489).

אַזוי פילט אַ ייד, וואָס האָט יאָרן לאַנג געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז גלות קען מיינען אַ היים פאַר יידן. היינט וואָס זאָלן מיר זאָגן? מיר, וואָס זיינען שוין פון לאַנג באַקאַנט פון דער יידישער געשיכטע מיט די כּסדר זיך איבערחזרנדיקע סצענעס פון חורבות אויפן אָרט פון בליען־דיקע יידישע צענטערס, מיר, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג צוריק פאַר־טראַכט איבער זיי און פון זיי געלערנט די גרויסע לעקציע פון יידישן גלות. מיר, דער היינטיקער דור, האָט געדאַרפט דאָס לערנען, אָבער אַמאָליקע יידן האָבן דאָס געשפּירט מיט אַלע זייערע חושים. יענע יידן, וואָס פאַר זיי איז דאָס וואָרט „יידן זיינען אין גלות״ באַגלייט מיט אַ

טיפן יידישן זיפּון, געווען נישט בלויז אַ וואָרט, נאָר אַ דערלעבעניש, פון דאָס נײַ איבערגעלעבט איטלעכן טאָג.

איז שיבת־ציון דער איינציקער וועג פון תשובה, און איז אַט דער וועג אַליין פאַר זיך גענוג? — אויף דער שאלה וועל איך געבן הערצלס תשובה, וואָס, הגם ער איז געקומען פון אַן אַסימילירטער סביבה, האָט ער אָבער מיט אַ גאוניִשער אינטואיציע — וואָס פעלט לײדער אַ סך פון זײַנע תלמידים און חסידים — געזאָגט, אַז דאָס צו־ריקקומען קיין ציון באַדײַט קודם כּל דאָס צוריקקערן זיך צו יידישקייט. נישט וויכטיק, וואָס פאַר אַן אינהאַלט ער האָט אַרײַנגעלײגט אין באַ־גריף יידישקייט, און מיט וואָס פאַר אַ מיין דער דאָזיקער באַגריף איז פאַר אונדז אָנגעלאָדן. דער עצם געדאַנק אָבער איז אויך איצט נאָך ריכטיק און וועט אויף תמיד בלײַבן דער גרויסער אמת פון יידישן רענעסאַנס. וואָלט זיך געהאַנדלט נאָר אין דעם, אַז צווישן די הונדערטער פעלקער אויף דעם ערדקײַלעך זאָל אין ארץ־ישראל זײַן נאָך אַ פאָלק גלײַך מיט זיי — וואָלטן נישט באַרעכטיקט געווען די גרויסע קרבנות, וואָס פאָדערן זיך אויף אויפצושטעלן פון דאָס נײַ דעם בונד צווישן פאָלק און לאַנד, וואָס איז מיט נײַנצן הונדערט יאָר צוריק איבערגעריסן געוואָרן. פאַראַן נאָך עפּעס, וואָס וועט פאַרשטענדלעכער זײַן פאַר אַ סך פון אונדז, וואָס זײַנען ציון־צענטריש געשטימט. און דאָס איז, וואָס די שיבת־ציון גופא פאַר מיליאָנען (און דאָס איז דאָך אונדזער ציל, וואָרעם נישט בלויז אַ לאַנד זוכן מיר, נאָר צו זען אונדזער פאָלק אויף זײַן לאַנד איז אונדזער אמתער און הייסער באַגער), קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר פון יידן, וואָס לעבן ווי יידן, פילן ווי יידן. נאָר דער, וואָס האָט וואָרצלען אין יידישקייט, קען פאַרשטיין, וואָס הייסט זײַן אין גלות בײַ גוײם. ווער עס האָט זיך פון דעם יידישן נאָפּל אָפּגעריסן, דער באַדאַרף מער נישט קיין היים, פאַר אים וועט ציון זײַן אָדער ווערן אַ פּוסט וואָרט. און אַפילו די יידן, וואָס וועלן שוין זוכה זײַן מיט זייערע אויגן דאָס אויסגעבויטע יידישע לאַנד צו זען, וועלן דאָס דאָזיקע לאַנד קענען אײַנהאַלטן און אָפּהיטן בלויז דעמאָלט, ווען עס וועט פאַר זיי טײַער און הייליק זײַן. אַ שטאַרק פאָלק קען אפשר (און גיכער דוכט זיך אים דאָס אַזוי) זיך באַגיין אָן דעם, באַגנוגענען זיך בלויז מיט מאַטעריעלע תנאים פון זײַן עקסיסטענץ. מיר יידן אָבער מוזן די דאָזיקע תנאים טאַקע האָבן

ככל הגויים. אָבער אויפֿהיטן זיי, באַהאַלטן פֿון אַ בייז אויג, פֿאַר־טיידיקן דאָס יידישע לאַנד, אַרומגערינגלט דורך פֿײַנט, וועלן מיר קענען נאָר, אויב און אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל מיר וועלן דווקא נישט זײַן ככל הגויים.

דאָס יידישע לאַנד וועלן מיר באַקומען, און בעת מיר וועלן עס שוין האָבן, עס חלילה ווידער נישט פֿאַרלירן נאָר דאַן, ווען יידישע מאַטעריע און יידישער גײַסט וועלן זיך האַרמאָניש צונויפֿלעבן; ווען די שטראָמען פֿון יידישער קדושה און יידישער גבורה וועלן זיך ווידער צונויפֿגיסן און ווערן צו איין שטראָם, ווי עס איז געווען אין אַלטע, און אין נאָך גאָרנישט שטאַרק אַלטע צײַטן פֿון אונדזער געשיכטע.

רעפֿערענצן

1) ספֿר חסידים, **עפ״י נוסח כתב יד אשר בפארמא. פֿראַנקפֿורט תרפ״ד,** סימן רכ״ד.

2) **גענבראַכט לויט ש. ברנפֿלד,** ספֿר הדמעות. **כרך שני, ע״ג.**

3) Swami Siddheswarananda, *La conscience humaine et l'angoisse de la civilisation,* Progrès technique et progrès moral. Neuchâtel, 1947, p. 172.

4) Goebbels, *Tagebuecher.* Zuerich, 1948, SS. 113, 114, 142-143.

5) Montesquieu, *De l'esprit des lois,* livre XV, chapitre V (de l'esclavage des nègres).

6) Henri Bergson, *Les deux sources de la morale et de la religion,* p. 132.

7) Dr. H. J. Zimmels, *Die Marranen in der rabbinischen Literatur.* Berlin, 1932.

זע בפֿרט די זײַטן 4, 17, 18, 19, 21—42.